STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02839

# DER, VOS HOT GEBLONDZSHET

Perez Smolenskin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרץ סמאָלענסקין

# דער, וואָס האָט געבלאָנדזשעט

יידיש: ב. עפּלבוים

מיט דער ביאָגראַפיע און כאַראַקטעריסטיק פון סמאָלענסקין
געשריבן פון ראובן בריינין.

ערשטער באַנד

פאַרלאַג „ספר", ווארשע

Printed in Poland.

*Drukarnia Braci Wójcikiewicz, Warszawa, Pawia 10.*

# פּרץ בן משה סמאָלענסקין.

פּרץ בן משה סמאָלענסקין —

זיין ביאָגראַפיע, זיין לעבנסבאַשרייבונג איז די ביאָגראַפיע, דער לעבנסגאַנג, דער לעבנסריטם פון אַ יידישן טאַלאַנט, פון יידישער געניאַליטעט, מיט אַ פּאָר דורות צוריק, אינמיטן פון פּאָריקן יאָרהונדערט, אין רוסלאַנד.

די לעבנסגעשיכטע פון סמאָלענסקין איז די לעבנסגעשיכטע פון אַ שטאַרקן גייסט, פון אַ קעמפערנאַטור, וואָס גייט קעגן שטראָם, וואָס אַרבעט און שאַפט מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג און ענערגיע, וואָס איז שטאַרקער פון אַלע מניעות, וואָס מאַכט דאָס אומעגלעכע פאַר מעגלעך.

דער מענטש, דער שריפטשטעלער דער געזעלשאַפטלעכער קעמפער אין פּרץ סמאָלענסקין, — אַלץ איז געווען אין אים אינטערעסאַנט, פלאַקערנדיק, לייכטנדיק און פאַנטאַזיע-רייך

* *
*

קורץ איז געווען סמאָלענסקינס לעבן — בלויז דריי און פערציק יאָר. נאָר פופצן יאָר פון זיין לעבן האָט ער געווידמעט דער ליטעראַטור, אָבער אין דער דאָזיקער קורצער צייט האָט ער אָנגעשריבן צוויי און צוואַנציק ווערק, אָנגעשריבן אין די שווערסטע באַדינגונגען, אין דער צייט, ווען ער האָט געמוזט אַוועקגעבן טעגלעך זיינע כוחות דער מאַטעריעלער חיונה, דער פיינלעכער אַרבעט אין אַ דרוקעריי און ד. גל.

קראַנקערהייט, מידערהייט, אומגליקלעכערהייט, האָט ער זיינע לעצטע ווערק געשריבן, זייער אָפט אין אַ פיבערצושטאַנד.

דער גוף האָט פאַרלאָרן זיינע כוחות, דאָס פיזישע לעבן איז האַלב אָפּגעשטאָרבן. זיין גייסט אָבער איז שטענדיק געווען שטאַרק און פריש און אָנרעגנדיק.

אַ שטיק פון סמאָלענסקינס לעבן שפיגלט זיך אָפּ אין דער דערציילונג „התועה בדרכי החיים,“ וואָס ליגט צום ערשטן מאָל פאַרן לעזער אין אַ פיינער יידישער איבערזעצונג.

עס איז דאָ, אין דער דאָזיקער רייכער דערציילונג, אין דעם דאָזיקן ראָמאַן פיל לעבנסוואָרהייט, פיל נאַקעטעווירקלעכקייט פונם יידישן לעבן מיט צוויי דורות צוריק, און עס איז דאָ פיל דיכטונג און פאַנטאַזיע.

אין אָט דער דערציילונג איז אויך פאַראַן אַ שטיק לעבנסגעשיכטע פון סמאָלענסקינס קינדעריאָרן, יוגנטיאָרן, נאָר פּאָעטיש געשילדערט. עס איז דאָ צאַפּלדיק לעבן, געשעפּט פון אייגענע קוואַלן, ווי עס איז אויך דאָ די נשמה פון אַן עפּאָכע אין אונדזער פאָלקסלעבן —

אַ זייער טרויעריקע עפּאָכע.

*

*

עטלעכע שטריכן, הויפטשטריכן פון סמאָלענסקינס ביאָ-גראַפיע.

אַ פאָלקסקינד, אַ ליידנסקינד.

פּרץ סמאָלענסקין איז געבוירן געוואָרן דעם פופצעטן אדר (שושן פורים) אין יאָר תר״ב (1842) אין אַ קליין שטעטל מאָנאַסטירשטשינע, מאָהילעווער גובערניע, אין ווייסרוסלאַנד.

דער פאָטער, משה סמאָלענסקין, איז געווען אַ פּראָסטער ייד, אָבער נישט קיין עם הארץ, כמעט אַ יודע ספר. אַ ייד, וואָס האָט זיך אָבער מיט קיין זאַך ניט אויסגעצייכנט. די מו-טער פונם שריפטשטעלער, גישע-רבקה, איז געווען אין איר אַרט אַ זייער ענערגישע פרוי, אַ טיפּיש יידישע פרוי, אַ שטאַר-קער כאַראַקטער און אַן עכטע אַרבעטספרוי.

זי איז געווען הויך געוואַקסן און שיין. אַ געזונטער מענטשן-פאַרשטאַנד און אַ געשליפענע צונג: זי האָט געשאָטן מיט משלים, מיט פאָלקסווערטלעך.

דער שריפטשטעלער האָט פיל געירשנט אין זיין גאַנצן וועזן פון זיין מוטער.

משה סמאָלענסקין האָט נישט געהאַט קיין באַשטימטע פרנסה. ער האָט זיך ווי עס איז דורכגעשלאָגן. אָבער ווען פּרץ איז געקומען אויף דער וועלט, איז דער פאָטער שוין געווען אַ יורד. ווען דאָס קינד איז אַ יאָר אַלט געוואָרן (ער איז גע-ווען דאָס דריטע קינד), האָבן זיינע עלטערן פאַרלאָזן דאָס היים-שטעטל און האָבן זיך באַזעצט נישט ווייט אין אַ דאָרף, ווו זיי האָבן גענומען אַ שענק אין דער אַרענדע. ווי עס איז גע-צויגן די חיונה, נישט לאַנג האָט עס געדויערט. ווען פּרץ איז

אַלט געוואָרן צוויי און אַ האַלב יאָר, האָט אָפּגעברענט דאָס הויז צוזאַמען מיטן שענק. דערצו נאָך האָט דער קאַטוילישער גלח פון דאָרף געמאַכט אַ בלבול אויפן פאָטער, און דער לעצ־טער האָט געמוזט אויסוואַנדערן.

סמאָלענסקינס מוטער איז פאַרבליבן מיט זעקס קליינע קינדער אָן מיטלען און האָט זיי געמוזט מפרנס זיין מיט איר שווערער אַרבעט. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר אַלע אַרבעטן: טאָג און נאַכט גענייט זעק, געפליקט גענדז, געקאָכט אויף חתונות און ד. גל.

שווערע קינדעריאָרן: הונגער, קעלט, עלנט, נויט און אַנגסט.

ווען פרץ איז אַלט געוואָרן פינף יאָר, האָט זיך זיין פאָטער צוריקגעקערט פון זיין וואַנדערונג אַלס חזן און בטלן אין די יידישע שטעטלעך אין אוקראַינע. דער בלבול, וואָס דער גלח האָט אויף אים געמאַכט, איז צו נישט געוואָרן.

די מאַטעריעלע לאַגע פון דער פאַמיליע סמאָלענסקין האָט זיך אָבער פאַרבעסערט. משה סמאָלענסקין האָט אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט און ער האָט גענומען אַ ישיבה־בחור פאַר אַ מלמד פאַר זיינע צוויי יינגלעך, לייב און פרץ. צו זעקס יאָר האָט שוין פרץ געלערנט גמרא און גוט געקענט חומש. שוין אין די קינדעריאָרן האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע אומ־געוויינלעכע פעיקייטן. ער איז געווען אַ ברען, אַ מזיק פון אַ קינד. לוסטיק, לעבעדיק, שטיפעריש, נישט געקוקט דערויף, וואָס עס האָט זיך אַזוי שווער געלעבט אין דערהיים.

שוין אַלס קינד האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שנעלער תפיסה, מיט זיין בליציקן שכל און אייזערנעם זכרון.

צו זעקס יאָר איז ער אָבער קראַנק געוואָרן אויף פּאָקן.

אַ האַלב יאָר האָט זיך געצויגן די קראַנקהייט. די שפּורן פון איר — אַ געשטופלט פּנים, איז פאַרבליבן ביי אים אויפן גאַנצן לעבן.

אויפשטייענדיק פון דער קראַנקהייט, האָט פּרץ אַלץ פאַרגעסן, וואָס ער האָט פריער געקענט. מ'האָט געמוזט אָנהייבן לערנען פון אלף-בית. די קראַנקהייט האָט ממש אַלץ אויסגעמעקט אין זיין זכרון. ער האָט אָבער אין אַ גאַנץ קורצער צייט פיל געלערנט. און לייכט האָט זיך אים אַלץ געגעבן.

מיט אַ באַזונדערן חשק האָט ער געלערנט. אויף אויסווייניק האָט ער גאַנצע קאַפּיטלעך געקענט.

ער האָט איינגעזויגן אין זיך די נביאים-שפּראַך, דעם נביאים-גייסט, דעם נביאים-פּאַטאָס נאָך אין די קינדער-יאָרן. עס האָט שפּעטער געווירקט אויף זיין העברעישן סטיל, ווי אויף זיין אַרט דענקען און פילן, טראָץ דעם אייראָפּעישן איינפלוס און די מאָדערנע שפּראַכן, וואָס ער האָט אין די שפּעטערע יאָרן געלערנט.

אין יאָר תרי"ב (1852) איז משה סמאָלענסקין געשטאָרבן אין עלטער פון צוויי און פופציק יאָר.

* *

*

נאָך דעם פאָטערס טויט איז דער אלמנה און די יתומים זייער שלעכט געגאַנגען. דעם עלטערן ברודערל האָט מען געכאַפּט אין דער „בהלה", אַוועקגעגעבן אים פאַר אַ זעלנער און אַוועקגעשיקט קיין סיביר. קיינער האָט פון אים מער נישט געהערט. פון זיין געביין איז קיין זכר נישט געבליבן.

די סצענע, ווי אַזוי מ'האָט דאָס קינד געכאַפּט מיט

געוואַלד און אַרויסגעריסן אים פון זיין „נעסט", האָט אויף פרצן געמאַכט אַזאַ טיפן איינדרוק, אַזוי געבלוטיקט זיין נשמה־לע, אַז ער האָט עס נאָכדעם קיינמאָל נישט געקענט פאַר־געסן. די שילדערונג אין דעם ראָמאַן „התועה", ווי אַזוי מ'האָט אַמאָל געכאַפּט יידישע אָרעמע קינדערלעך און אָפּגע־ריסן זיי פון זייערע עלטערן און פאַרשיקט זיי אין די קאַלטע גובערניעס און געניויט זיי צום שמד, אָנטוענדיק זיי אַלערליי יסורים, — אָט די מייסטערהאַפטע טרויעריקע שילדערונגען זענען דער טיפער אָפּקלאַנג פון יענע קינדערשע איבערלע־בונגען.

די אלמנה סמאָלענסקין איז נישט געווען בכוח אויסצע־האַ[illegible]טן, מפ[illegible] צו זיין, די איבערגעבליבענע פינף קינדערלעך. ניש[illegible] [illegible]ט אויף איר שווערער אַרבעט טאָג ווי נאַכט, איז זי דאָך נישט געווען אומשטאַנד צו צאָלן שכר־למוד פאַר די יינגלעך, און איר איינציקער פאַרלאַנג איז געווען, אַז אירע יתומים זאָלן זיין גאָטספאָרכטיקע, לומדים, רבנים.

צו עלף יאָר האָט זיך פרץ אַוועקגעלאָזט צופוס קיין שקלאוו אין דער ישיבה. ער איז אויפגענומען געוואָרן, נאָכדעם ווי דער ראש־ישיבה, רבי אליהו גליקעס, האָט אים פאַרהערט אין גמרא.

זיינע גלאַנצפולע פעיקייטן, זיין שאַרפער קאָפּ און זעל־טענע תפיסה האָבן אים נאָך אַלס יינגל צוגעצויגן פרייַנט, באַ־וואונדערער, ווי אויך שונאים, וואָס האָבן אים מקנא געווען.

פרץ איז אויך געווען דער ערשטער יינגל אין דער ישיבה, וואָס האָט געלערנט די רוסישע שפּראַך, נאָכדעם ווי די דאַמאָלסדיקע רעגירונג האָט באַשטימט אַ לערער, וואָס זאָל לערנען רוסיש מיט די ישיבה־בחורים.

פרץ איז קיינמאָל אויף קיין שום געביט נישט געווען קיין מתמיד. אָבער אַ דאַנק זיינע פעיקייטן, האָט ער אַלץ שנעל און לייכט געלערנט, — אויך די רוסישע שפּראַך.

ריי יאָר האָט דער קליינער פּרץ געקענט אין דער ישיבה נאָר די גמרא, און סיי מיט זיין חריפות און סיי מיט זיין שכל האָט ער אַריבערגעוואויגן פיל עלטערע בחורים. קע־נענדיק נאָך דערצו רוסיש, מער אָדער ווייניקער — וואָס די חברים זיינע האָבן דאָס נישט געקענט — איז דער יינגל פּרץ געווען ביי זיך אַ גאַנצער תקיף און אַ יחסן.

אַ פריילעכער, אַ לעבעדיקער פון דער נאַטור, מיט אַ גע־זונטן חוש פאַר הומאָר, דערצו נאָך באַגאַבט מיט אַ שיינער שטים, האָט ער געהאַט אַ פרייען אַריינגאַנג צו די חשובע באַ־לעבאַטים, צו די דאַמאָלסדיקע אייגנאַרטיקע משכילים און אויך צו די רבנים און לומדים פון דער שטאָט.

אין דער ישיבה האָט געהערשט אַ שטרענגער פאַנאַטישער רעזשים. אַלץ איז געווען אָפּגעשפּאַרט און אָפּגעשלאָסן פון דעם נייערן גייסט, וואָס האָט אָנגעהייבן אַריינדרינגען דורך פאַרשידענע וועגן אין דער יידישער גאַס.

די ישיבה אָבער איז געווען די פעסטונג פונם אַלטן און פאַרעלטערטן יידנטום, דער שטאָלצער טורעם פון דער תורה, פון לומדות.

קיין לופטל, קיין ווינטל פון דער בערלינער השכלה האָט, דאַכט זיך, נישט געקאָנט צוקומען פון דרויסן אין דער דאָזי־קער, גרוי־אַלטער פאַרשימלטער פעסטונג, וועלכע האָט געהאַט אירע טרייע שומרים —

און דאָך האָט זיך אַ שטראַל פון דרויסן, פון ערגעץ אַן אַנדער ווייטער וועלט אַריינגעגנבעט אין דער ישיבה.

פרץ איז געווען פון די ערשטע „רעוואָלוציאָנערן" צווישן די ישיבה־בחורים. לייענען שטילערהייט, בגנבה דעם „שיר תפארת" פון נפתלי הערץ וויזל, אַ שיר פון אד"ם הכהן האָט שוין געהאַט די באַדייטונג פון אַ רעוואָלוציע, פון אַן איבער־קערעניש אין די געפילן, אינם געדאַנקענגאַנג פון די ישיבה־בחורים.

צו פערצן יאָר האָט פרץ שוין אָנגעהייבן נאַשן פון דער דעמאָלט נאָך זייער אָרעמער השכלה־ליטעראַטור.

און גראַדע אין יענער צייט האָט זיך פרץ באַקענט מיט אַ מערקווירדיקן זקן אין שקלאָוו, מיט יידל רבי הירשעס.

דער דאָזיקער מערקווירדיקער זקן איז געווען פון די ערשטע גייסטיקע רעוואָלוציאָנערן, פון די ערשטע סקאַרבאָווע משכילים אין יענעם דור. ער האָט געמאַכט דעם טיפסטן איינ־דרוק אויף פרצן. אָט דער זקן איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געוועקט אין יונגן מוח פון דעם ישיבה־בחורל נייע גע־דאַנקען און האָט אים גייסטיק באַפרוכפּערט.

דערום — אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם דאָזיקן זקן. עס גע־הערט צו דער קולטור־געשיכטע.

* *

*

יידל רבי הירשעס איז געווען אין די יונגערע יאָרן אַ סוחר פון דימענטן און בריליאַנטן. איין מאָל אין יאָר פלעגט ער פאָרן אין לייפּציג צום יריד. איינקויפנדיק דאָרט דימענטן פאַר זיין געשעפט, פלעגט ער אויך איינקויפן פילאָזאָפישע דייטשע ליטעראַטור, ווי די אַלטע קלאַסיקער אין לאַטיין און אין גריכיש. די פילאָזאָפיע פון וואָלף, קאַנט, מענ־דעלזאָן, פיכטע, אין וועלכע ער האָט זיך פאַרטיפט

האָט אים לגמרי אָפּגעריסן פון זיין געשעפט. אויף דער עלטער האָט ער זיך פון אַלעמען, אפילו פון זיינע ברידער און קרובים, דערווייטערט און זיך באַזעצט אין אַ קליין הייזל. אַן אלמן און אַ קינדערלאָזער, האָט ער געלעבט אין דעם דאָזיקן הייזל, אָפּגעזונדערט פון אַלץ און אַלעמען.

אין שקלאָוו האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַן אפיקורס, פאַר אַ מוחרם און קיינער האָט מיט אים קיין מגע ומשא נישט געהאַט. זיין תורה, זיין יחוס האָבן אויף אים מגין געווען, מ׳זאָל אים לאָזן צורו. זיין שטוב איז געווען אָנגעפילט מיט ספרים, מיט פילאָזאָפישע ווערק, מיט לאַטיינישע און גריכישע דענקער און דיכטער.

דער זקן האָט געקענט די אַלטע שפּראַכן, ווי אויך די דייטשע, און האָט זיך אויסגעלעבט אין זיין ביבליאָטעק, וואָס איז דאַן געווען אַ גרויסע זעלטנהייט.

דער אַלטער האָט ליב באַקומען דעם יינגל פון דער ישיבה, וועלכער האָט מיט זיין קלינגענדיקער, זינגענדיקער שטים אַריינגעטראָגן אַ שטראַל לעבן אין דער איינזאַמער וועלט פונם זקן.

מיט גרויס מסירות נפש האָט פּרץ געמאַכט זיינע אָפטע באַזוכן ביי דעם אַלטן „אפיקורס״. דאָ, אין דעם דאָזיקן הייזל פון זקן האָט זיך זיין געדאַנק צום ערשטן מאָל אָנגעצונדן.

ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז פּרץ לייענט השכלה-ביכלעך, אַז ער קוקט אַריין אין תנ״ך מיט דער דייטשער איבערזעצונג, מיטן באור פון מענדעלזאָנען, האָבן אים די ישיבה-בחורים גענומען רודפן און מ׳האָט אים אַרויסגעיאָגט פון דער ישיבה מיט גרויס חרפּה.

דער ראש-ישיבה, וועלכער האָט ליב געהאַט פּרצן פּאַ

זיין וויסן און קענען אין תּלמוד און זיינע מפרשים און ער האָט געגלויבט, אַז ער וועט זיין אַ גדול בישראל, — אויך ער, דער ראש-ישיבה, האָט נישט געקאָנט שיצן זיין געליבטן תּלמיד, וועלכן מ'האָט געכאַפּט לייענענדיק „אהבת ציון" פון מאַפּו, און וועלכער האָט שוין אָנגעהייבן מזלזל זיין, אַוועקמאַכן מיט דער האַנט געוויסע יידישע מנהגים.

*　　*

*

וואָס טון? וווּהין גיין?

סמאָלענסקין האָט זיך געפילט פאַרלאָזן. אין דער ישיבה איז ער שטאַרק אַריינגעפאָרן אין תּלמוד, האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט תּורה פון די ערשטע קוואַלן, האָט באַקומען פונדאַמענטאַלע ידיעות פאַר דער שפּעטערדיקער ליטעראַרישער אַרבעט, אָבער זיין אויפגעוועקטער גייסט האָט אים נישט געלאָזט רוען. ער האָט נישט געוווּסט, פאַרוואָס זיך צו נעמען, וואָס צו לערנען, ווו צו געפינען זיין חיונה, זיין שטערן.

עסן טעג איז אים נמאס געוואָרן. ער האָט געשטרעבט צו זעלבשטענדיקייט, צו מער פערזענלעכער פרייהייט, צו אַ תּכלית אין לעבן.

אים האָט געצויגן, ווי מיט אַ מאַגנעטישער קראַפט, אין דער ווייטער וועלט אַריין. די וועלט פון השכלה, בילדונג, האָט פאַר אים געהאַט אַ באַזונדערן רייץ. די ישיבה-בחורים מיט זייער אויפפירונג האָבן אים שוין אָפּגעעסן. ער האָט געגלויבט, אַז ער איז באַשאַפן געוואָרן פון דער נאַטור פאַר גרויסע זאַכן, פאַר עטוואָס אומגעוויינלעכס — אָבער וואָס זאָל דאָס זיין און ווי זאָל דאָס ווערן — דאָס האָט ער נישט געוווּסט, נישט געקאָנט וויסן.

„שטורם-און דראַנג"-יאָרן זענען געקומען, אָבער אַרום איז טונקל, קיין זאַך נישט זיכער.

סמאָלענסקין האָט זיך געזעצט לערנען „פאַר זיך" אין אַ בית-המדרש, ווייט פון דער ישיבה. ער האָט באַקומען אויך אַ פּאָר תּלמידים, וואָס האָבן אים געצאָלט שכר-למוד. ער האָט געזוכט צו לעבן זעלבשטענדיק און זיך פאַרבאַרייטן פאַר אַ ווייטערדיקן, געוואַגטן שריט אין לעבן.

אַ געוויסע צייט האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו פאָרן קיין זשיטאָמיר שטודירן אין ראַבינער-סעמינאַר. פון דאָרט, ווידער, אַריינטרעטן אין אַן אוניווערזיטעט — ער האָט אָבער די מיטלען דערצו נישט געהאַט.

דעמאָלט האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין ליבאַוויטש צו רבי מענדעלען. איינער פון די אָנגעזעענסטע חסידים אין שקלאָוו האָט אים געגעבן אַ בריוו צום רבין.

אַ זעכצן- אָדער זיבעצן-יעריקער בחור, האָט ער פאַרלאָזן שקלאָוו, ווו די איבערלעבונגען האָבן איבערגעלאָזט אין זיין געמיט דעם טיפסטן איינדרוק אויפן גאַנצן לעבן. זיין געדאַנק, זיין פעדער, האָבן זיך תּמיד צוריקגעקערט צו זיינע איבערלעבונגען אין דער שקלאָווער ישיבה. די פאַרשוינען פון שקלאָוו זענען געשילדערט געוואָרן אינם „התועה בדרכי החיים".

די ישיבה און אירע בחורים האָט סמאָלענסקין געשילדערט אויך אין זיינע שפּעטערדיקע ראָמאַנען. נישט תּמיד אָבער אָביעקטיוו. אינם „התועה בדרכי החיים" איז די ישיבה, ווי דער ראש-הישיבה און די בחורים אַ ביסל צו שוואַרץ, צו סוביעקטיוו געשילדערט.

אין דעם ראָמאַן „גמול ישרים" האָט סמאָלענסקין געשילדערט די ישיבה, דעם ראש-ישיבה און די בחורים מיט פיל מער ליבע און מיט פיל מער פאַרשטענדעניש.

*  *
*

פאַרלאָזנדיק שקלאָוו, הייבן זיך אָן פאַר סמאָלענסקין די וואַנדעריאָרן. ער וואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט און פאַרוואַנדלט זיך אין פאַרשידענע גלגולים.

אַ קורצע צייט, איניקע חדשים, ווערט פרץ אַ „זיצער" אינם חצר פון רבי מענדעלע (דער בעל „צמח צדק") אין ליובאַוויטש. די טרוקענע מתנגדים זענען אים נמאס געוואָרן אין שקלאָוו. ער גלויבט צו געפינען מער אינערלעכע האַרמאָניע, מער גייסטיק לעבן צווישן די חסידים. אָבער די חסידים און זייערע מעשיות, ווי זייער גאַנץ וועזן, זענען אים באַלד נמאס און אומדערטרעגלעך געוואָרן. ער באַגרייפט נישט אפילו די באַזונדערע גרויסקייט און דערהייבנקייט פון רבי מענדעלען. פרץ זעט אַלץ שוואַרץ. ער געפינט נישט אין רביס חצר קיין איין ליכטיקן פונקט. ער איז חושד די חסידים אין אַלדאָס בייז, ער קאָן זיך בשום אופן נישט איינלעבן אין די חסידישע קרייזן. זייער אויפירונג שטויסט אים אָפּ, זייער תּורה דערוועקט אין אים געפילן פון עקל. און אין זיין היציקער פאַנטאַזיע טרייבט ער איבער די חסרונות פון די אַרומיקע מענטשן. ער זעט אין זיי פאַרברעכער.

פרץ פאַרלאָזט ליבאַוויטש און פליט קיין וויטעבסק, האָפנדיק דאָרט זיך איינצואָרדענען, איינצוריכטן זיין לעבן מענטשלעכער. אייגנטלעך ווייס ער אַליין נישט, וווהין ער וויל, צו וואָס ער שטרעבט, וואָס צו ווערן און וואָס פאַר אַ וועג אויסצווויילן אין לעבן.

אין וויטעבסק איז סמאָלענסקין ווידער אַריינגעפאַלן צו אַ חסיד אין הויז, צו רבי מענדעלעס אַ פעטער, און קעגן זיי-

ווילן דרייט ער זיך אַרום אין יידישע קרייזן און ווערט אַ שליח אין חסידישע אָנגעלעגנהייטן.

דריי יאָר האָט ער פאַרלעבט אין וויטעבסק און האָט זיך דאָרט גרינטלעכער באַקענט מיט דער רוסישער שפּראַך.

ער האָט אָנגעקליבן אַ ביסל געלט, צו לאָזן זיך ווייטער אין דער גרויסער וועלט אַריין. די דריי יאָר אין וויטעבסק זענען געווען נישט פּראָדוקטיוו.

פון וויטעבסק איז פּרץ געגאַנגען קיין מאָהילעוו אויפן דניעפּער. אין מאָהילעוו איז פּרץ גאָר געוואָרן אַ העלפער ביי אַ חזן און גלייכצייטיק אַן אָנגעשטעלטער דרשן, אַ זאָגער אין אַ שול פאַר אַ רובל אַ וואָך...

מאָהילעוו איז בלויז געווען אַ צייטווייליקער פּונקט — עס האָט אים איצט שוין געצויגן קיין אָדעס. דאָרט האָט ער זיך געוואָלט בילדן. אַ גרויסע שטאָט, גרעסערע מעגלעכקייטן. זיין ווירקלעך לעבן און זיינע ווייט און הויך גייענדיקע שטרעבונגען האָבן נישט געשטימט. אַן אינערלעכער קאָנפליקט. כמעט בלינד האָט ער נאָכגעפאָלגט זיין שטערן, זיין לעבנסשיקזאַל. טיף אין האַרצן האָט ער געגלויבט, אַז ער וועט זיך סוף כל סוף אַרויסרייסן אויף אַ ריכטיקן וועג, און ער וועט נאָך ווייזן דעם וועג, דעם ריכטיקן וועג, אַנדערע, דער יידישער יוגנט.

צו ווערן אַ רעפאָרמאַטאָר אין יידישן לעבן האָט ער נאָך אַלס יונגער יינגל געטרוימט! דאָס יידישע לעבן, די יידישע פרנסות, די מלחמות צווישן די חסידים און מתנגדים האָבן אים אָנגעפילט מיט גרויס ביטערניש. ער האָט זיך געריסן פון דער פאַרשטיקטער לופט, פון דער ענגעניש. נישט לייכט אָבער איז אים אָנגעקומען זיך אַרויסצורייסן. מיט אייגענע כוחות זיך אַרויסצערייסן.

* *

אין מאָהילעוו האָט ער פאַרבראַכט נישט לאַנג. עס איז אים איבערדריסיק געוואָרן דאָס חזנות און דרשנות און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזן קיין אָדעס. דאָרט האָט ער, ווי געזאָגט, געהאָפט, געגלויבט, צו פאַרווירקלעכן זיינע שיינע חלומות פון בילדונג, פון נוצלעכער טעטיקייט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אָן מיטלען, נאָר מוטיק, מיט אַ שטאַרקער אמונה אין זיין צוקונפט, האָט סמאָלענסקין זיך געלאָזט פאָרן איבערן דניעפער קיין יעקאַטערינאָסלאַוו. ער איז געפאָרן אויף פליטען, אויף זעגלשיפן, זיך גענערט מיט טרוקענעם ברויט. עס איז געווען אַ לאַנגע און אַ שווערע נסיעה, דאָך האָט אים די באַרירונג מיט דער פרייער נאַטור און די האָפענונג באַלד אָנצוהייבן אַ ניי לעבן (אייגנטלעך נישט ווייסנדיק, וואָס פאַר אַ ניי לעבן) האָבן אים שטענדיק גוט און פריילעך געשטימט און געמאַכט זינגענדיק. זיין איינציקער פריינט, וואָס האָט אים באַגלייט אויף דעם דאָזיקן וועג, איז געווען אַ קליינער תנ״ך. די ווערטער פון די נביאים האָבן אים געקאָנט צו יעדער צייט באַגייסטערן און אָנשפּאַנען צו קאַמף אין לעבן, צו קאַמף פאַר גערעכטיקייט. מיט דער גאַנצער נשמה האָט ער זיך געריסן צו אַזאַ מין קאַמף, דער קאַמף פון די איינצלנע קעגן דער מערהייט.

אָנקומענדיק קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, האָט ער זיך אַוועק־געלאָזן איבער די יידישע קאָלאָניעס, ווו ער האָט געדרשנט אַלס אַ מגיד אין די שולן. אַזוי האָט ער אָנגעשפּאַרט ביז קרעמענטשוג. דאָרט האָט ער פאַר אַ גרויסן עולם געהאַלטן אַ מגידישע דרשה, מיטן באַקאַנטן מגידישן ניגון.

סמאָלענסקין האָט נאָך דעמאָלט פון גאַנצן האַרצן פיינט

געהאַט די מגידישע דרשות, וואָס פאַרקרימען די פסוקים און פאַרדרייען דעם קאָפּ. ער האָט אָבער דאַן קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט זיך צו דערשלאָגן קיין אָדעס און צו קומען אַהין נישט מיט לעדיקע הענט.

נאָך קרעמענטשוג האָט ער באַזוכט די יידישע קהילות אין קרים, ווו ער האָט ווייטער געהאַלטן זיינע מגידישע דרשות.

אָבער נישט בלויז צוליב פרנסה האָט ער געדרשנט. זיין גאַנץ וועזן איז געווען אַזאַ, אַז ער האָט געמוזט אָפּט און אומ־באַדינגט גייסטיק עקספּלאָדירן. ער האָט געמוזט אָדער פיל שרייבן, אָדער פיל רעדן, — זיך אויסרעדן, זיך אויסשרייבן.

אין זיינע דרשות האָט סמאָלענסקין שוין דאַן אַריינגע־שמוגלט השכלה־געדאַנקען, איינגעוויקלט אין פסוקים און מאמרי חז״ל. ער האָט געשטראָפט, פּראָטעסטירט קעגן אומגערעכטיקייטן מיט אַ טאָן פון די נביאים. דער דאָזיקער טאָן האָט אים קיינ־מאָל נישט פאַרלאָזן.

* *

*

אין יאָר תרכ״ב (1862) איז סמאָלענסקין סוף כל סוף אָנ־געקומען קיין אָדעס. די פּאָר יאָר וואַנדערן איבער שטעט און שטעטלעך האָט אים — דעם קינפטיקן העברעישן בעלעטריסט און פּובליציסט — באַקאַנט געמאַכט פון דער נאָענט מיטן יידישן לעבן, מיט דער יידישער פּסיכיק.

אין אָדעס הייבט זיך אָן פאַר סמאָלענסקין באמת אַ נייע תקופה אין זיין לעבן.

זיין חיונה האָט ער געצויגן פון לערעריי אין די רייכערע הייזער, אָבער די פרייע צייט און די גאַנצע כוחות זיינע האָט

ער אָפּגעגעבן דערויף, צו דערציען זיך און צו מאַכן זיך פאַר אַ מענטשן.

ער האָט געלערנט מאָדערנע שפּראַכן און האָט זיך באַ־קענט מיט די ערשטקלאַסישע מייסטער פון דער וועלטליטעראַטור.

נאָך דעם תנ״ך איז שעקספּיר געוואָרן זיין אידעאַל, זיין אָפּגאָט. און שעקספּירס דראַמען האָט ער געלערנט, ווי קאַפּיט־לעך תהלים, כמעט אויף אויסוויייניק.

מיטן זעלבן ברען און מיט דערזעלבער באַגייסטערונג, ווי ער האָט שטודירט שעקספּירס דראַמען, האָט ער זיך גענומען צו די ווערק פון שילער און געטע.

שעקספּירס „האַמלעט" און געטעס „פויסט" האָט סמאָ־לענסקין אין אַ קורצער צייט אויסגעלערנט אויף אויסוויייניק צו־זאַמען מיט אַלע זייערע וועלטבאַקאַנטע ליטעראַרישע פּרושים.

דעם מקור פון אָט די צוויי גרעסטע ווערק אין דער וועלטליטעראַטור האָט סמאָלענסקין געזוכט צו געפינען אין תנ״ך, אין איוב און אין קהלר

אַלע גרויסע, געניאַלע דיכטער אין דער אייראָפּעישער ליטעראַטור האָבן, לויט סמאָלענסקין, געהאַט זייער יניקה אין די נביאים, אין תנ״ך. אָן די נביאים — קיין שום וועלטליטע־ראַטור, קיין סאָציאַלע גערעכטיקייט, קיין שום פּראָגרעס.

אָט די מיינונג האָט סמאָלענסקין שוין דעמאָלט אין אָדעס באַשלאָסן דורכצוזעצן אין דער העברעישער ליטעראַטור.

*   *

*

פיר־פינף יאָר האָט סמאָלענסקין ערנסט געאַרבעט איבער זיך, איבער זיין פאַרפאָלקאָמונג.

אין יאָר תרכ״ז (1867) האָט סמאָלענסקין באַשלאָסן זיך צו ווידמען דער העברעישער ליטעראַטור, איבערהויפּט צו שאַפן אַ מאָדערנערע, לעבעדיקערע, אינהאַלטסרייכערע ליטעראַטור.

דער מצב פון דער נייער העברעישער ליטעראַטור איז צו יענער צייט געווען זייער אַ נידעריקער.

עס האָבן אין איר געפעלט פּערזענלעכקייטן, קעמפער, און עס האָבן אין איר געפעלט אידעען, לעבנסאימפּולסן. עס האָט דער העברעישער ליטעראַטור געפעלט אַ קולטורווילן. עס האָבן איר געפעלט איבערהויפּט לעבנסמאָטיוון און ווייטערע העכערע האָריזאָנטן.

גייסטיקער דלות, בטלנות, פלאַכע מליצות זענען געווען אירע סימנים.

סמאָלענסקין האָט באַשלאָסן אויפצוהייבן און אויפצולעבן די העברעישע ליטעראַטור, אַריינגיסן אין איר פרישע כוחות.

די נענטערע און די אינטעליגענטערע פריינט פון סמאָלענסקין, וועלכע האָבן דערקענט אין אים זיינע ליטעראַרישע פעיקייטן, זיין גייסטיקן שווונג און זיין פייערפלאַמיקע פאַנטאַזיע און זיינע שעפערישע מעגלעכקייטן, האָבן אים דאַן געראַטן, ער זאָל זיך ווידמען דער רוסישער ליטעראַטור. זיין רוסישער סטיל האָט שטאַרק אויסגענומען ביי זיי.

איינער פון די דאָזיקע יועצים איז געווען יוסף בן אהרן ראַבינאָוויטש, דער רעדאַקטאָר פונם „ראַזסוויעט", וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ פיינערן חוש פאַר קונסט.

נאָך אַנדערע פריינט האָבן סמאָלענסקינען צוגערעדט, ער זאָל אויסבילדן אין קאָנסערוואַטאָריע זיין שיינע און שטאַרקע שטים און ווערן אַן אָפּערע-זינגער

סמאָלענסקין האָט אָבער נאָר געוואָלט ווערן אַ העברעישער שרייבער, אַ וועגווייזער, אַ „פּראָפּעט“ פאַר זיין צייט און זיין פאָלק.

* *
*

סמאָלענסקינס ערשטער פּרווו אין דער ליטעראַטור איז געווען אַ קריטישער אַרטיקל „בקרת תהיה“, וועלכן ער האָט פאַרעפנטלעכט אין אַ ליטעראַרישער ביילאַגע צום „המליץ“ (אין יאָר 1867), וואָס איז דאַן דערשינען אין אָדעס אונטער דער רעדאַקציע פון אַלעקסאַנדער צעדערבוים.

„בקרת תהיה“ איז געווען אַ זייער שאַרפע, אַ זייער זאַכלעכע קריטיק אויף דער העברעישער איבערזעצונג פון געטעס „פויסט“.

דער איבערזעצער איז געווען דער זייער באַקאַנטער און באַרימטער דיכטער און געלערנטער דר. מאיר לעטעריס.

דר. לעטעריס איז דאַן געווען דער אָנערקענטער אויטאָריטעט אין דער ליטעראַטור, פאַר וועלכן אפילו אַ י. ל. גאָרדאָן האָט זיך געבויגט.

סמאָלענסקין האָט זיך דערוועגט און האָט לעטעריסן אַרונטערגעריסן. אַרונטערגעריסן זיין דיכטערישן אַרעאָל, זיין עסטעטישן געשמאַק און זיין חוש פאַר די ניואַנסן פון דער דייטשער שפּראַך.

אָט די קליינע קריטישע אָפּהאַנדלונג, אין אַ געמעסיקטן, אָבער זייער זיכערן טאָן, איז צו יענער צייט געווען אַ גרויסע ליטעראַרישע טאַט.

עס האָט גערייניקט די לופט און אַריינגעטראָגן ליכט אין

די ענגע ד׳ אמות פון דער דאַמאָלסדיקער העברעישער לי־
טעראַטור.

סמאָלענסקין איז באַלד מפורסם געוואָרן ביי דעם בעסערן
לעזער פון יענער צייט

*  *
*

סמאָלענסקין האָט זיך איבערצייגט, אַז אין רוסלאַנד וועט
ער בשום אופן נישט קאָנען פאַרווירקלעכן זיינע ליטעראַרישע
פּלענער, אַז אין רוסלאַנד וועט אים אומעגלעך זיין צו שאַפן
אַ נייע זעלבשטענדיקע ליטעראַרישע טריבונע.

און דער וואַנדערגייסט האָט אים ווידעראַמאָל פאַרכאַפּט
און האָט אים ווייטער, העכער געצויגן.

נעצויגן קיין מערב־אייראָפּע, צו די גרעסערע קולטור־
צענטערס, ווו די יידישע וויסנשאַפט, די חכמת ישראל, האָט
דאַן גרופּירט אַרום זיך יונגע כּוחות.

אין סוף תּרכ״ז האָט סמאָלענסקין פאַרלאָזן אָדעס, ווו ער
האָט זיך שוין געוועזן געשאַפן אַ זיכערע מאַטעריעלע עקזיסטענץ
און ווו ער האָט זיך דערוואָרבן אַ סך פריינט און אפשר נאָך
מער שונאים, באַזונדערס צווישן די העברעישע לערער.

ער האָט דורכגעוואַנדערט פּראָג, ווו ער האָט זיך באַ־
פריינדעט אויפן גאַנצן לעבן מיטן פּראָפעסאָר העלער, אַ גע־
לערנטער און אַ דיכטער, וואָס האָט נישט איינמאָל שטאַרק
אַרויסגעהאָלפן דעם יונגן סמאָלענסקינען אין אַ קריטישער סי־
טואַציע.

סמאָלענסקין האָט אויך דורכגעוואַנדערט עטלעכע שטעט
אין דייטשלאַנד, ווו דאָס יידישע לעבן איז אים גאָרנישט גע־
פעלן געוואָרן.

דאָס יידישע געגנוואַרט האָט אים אין קיין לאַנד נישט באַפרידיקט. די גייסטיקע ירושה פון מענדעלזאָנען, וואָס האָט געפירט צו אַסימילאַציע, האָט אים אויפגערייצט און גערופן צו קאַמף געגן איר.

פון איין זייט פאַרשטיינערטע אָרטאָדאָקסיע, פון דער אַנ־דערער זייט באַוווסטזיניקע אַסימילאַציע — ביידע האָבן אים נישט געלאָזט רוען.

סמאָלענסקין האָט באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אין ווין און דאָרט אַרויסגעבן אַ העברעישן חודש־זשורנאַל און קעמפן אויף ביידע פראָנטן: קעגן דער פאַרשטיינערטער אָרטאָדאָקסיע און קעגן דער הפקרות, קעגן דער אַסימילאַציע אין יידישן לעבן; קעמפן פאַר דער העברעישער שפּראַך און קעגן אירע שונאים; קעמפן פאַר דער יידישער וויסנשאַפט, פאַר אַ שטאָלצער יידי־שער וויסנשאַפט, וואָס זאָל זיך באַפרייען פון פרעמדע השפּעות, פון קריכעריי פאַרן פּראָטעסטאַנטיזם, פון דעם מה־יפית־מאַטיוו אין אַלע זיינע נוסחות.

* *

אין פרילינג תרכ״ח (1868) איז פּרץ סמאָלענסקין געקו־מען קיין ווין מיט ליידיקע קעשענעס, אָבער פול מיט פּלענער און אידעען.

אין אַ משך פון אַ פּאָר חדשים האָט ער אָרגאַניזירט און אויפגעשטעלט זיין חודש־זשורנאַל מיטן נאָמען „השחר״

דער דר. אהרן יעלינעק, דער הויפּט־דרשן אין דער ווינער „קולטוס־געמיינדע״, עמנואל בוימגאַרטען, איינער פון די פאַר־זיצער אין דער דאָזיקער געמיינדע, טיילוויז אַליין אַ יידישער געלערנטער, און דער שפּינאָציסט דר. שלמה רובין האָבן אים,

דעם יונגן מוטיקן רעדאַקטאָר, מבטיח געווען מיטצואַרבעטן און צו שטיצן דעם „השחר".

אָנהייב תרכ"ט (1869) איז דערשינען דאָס ערשטע העפט פונם „השחר", אין וועלכן עס זענען אַריין די ערשטע קאַפּיט-לעך פונם „התועה".

פון דער צייט אָן האָט זיך אָנגעהייבן סמאָלענסקינס פי-בערהאַפטע ליטעראַרישע טעטיקייט, אַלס רעדאַקטאָר, ראָמאַנען-שרייבער, פובליציסט און פּאָפּולערער וויסנשאַפטס-שרייבער, אַלס גייסטיקער פירער פון העברעישן רענעסאַנס און אומפאַרגלייכ-לעכער קעמפער פאַר די עקזיסטענץ פונם „השחר".

פופצן יאָר נאָכאַנאַנד ציט זיך דער דאָזיקער כמעט אי-בערמענטשלעכער גייסטיקער קאַמף און ער ענדיקט זיך מיט סמאָלענסקינס לעצטן אָטעם-צוג.

נאָך אין דער לעצטער שעה פון זיין גוססן לעבן פאַר-ענדיקט ער זיין דערציילונג „הירושה".

פופצן יאָר האָט ער געהאַלטן אין איין שאַפן זיינע ווערק, ער האָט געפיבערט און געשריבן, געלעגן אַ טויט-קראַנקער אין בעט מיט דער פען אין דער האַנט און נישט אויפגעהערט צו שאַפן, געהונגערט און געליטן מאָראַליש פון זיינע ליטעראַ-רישע, מיט קנאה אָנגעזאַפּטע קעגנער, וועלכע זענען אים על פי רוב נישט ערלעך באַפאַלן. די ערלעכערע און סאָלידערע קאָלעגן האָבן אים פאַרשוויגן, איגנאָרירט — און ער האָט דאָך נישט אויפגעגעבן זיין קאַמף פאַר דעם יידישן כבוד, פאַר זיין צוקונפט, פאַר זיין קולטור און אויפלעבונג.

און מען מוז נאָך צוגעבן, אַז אין דעם דאָזיקן איבער-מענטשלעכן קאַמף, אַ טויט-קראַנקער, האָט ער געמוזט זאָרגן פאַר זיין פאַמיליע, פאַר פשוטער וואָכעדיקער חיונה.

און אַז עס האָט זיך אָנגעהייבן די באַוועגונג פון „חבת־ציון“, ווען די ערשטע פּאָגראָמען האָבן זיך געלאָזט הערן פון רוסלאַנד, האָבן זיך די גייסטיקע כּוחות פונם שריפטשטעלער, וואָס אויף זיין פּנים איז שוין געלעגן די חתימה פון טויט, פאַרצענפאַכט, און ער האָט גערעדט ווי אַ נביא צו זיין פאָלק.

ער האָט קיינעם נישט געשוינט און פאַר קיין שום אויטאָריטעט, וואָס איז נישט געווען טריי זיין פאָלק, זיך נישט אָפּגעשראָקן.

ט"ז שבט תּרמ"ה איז פּרץ בן משה געשטאָרבן אין מעראַן — און מיט אים דער „השחר“.

ראובן ברייינין.

וואַרשע, יב אלול, תּרפ"ו.

## מיין קינדהייט.

ווען איך בין נאָך אַ קליין ייִנגל געווען, האָבן מײַנע עלטערן מיך פאַרלאָזט און אַוועק אין דער אייביקער רו. מיין פֿאָטער געדענק איך שוין נישט, אָבער דאָס געשטאַלט פֿון מיין מוטער שטייט מיר נאָך איצט פֿאַר די אויגן: איר אויסגעמאַטערט פּנים, אירע אויגן וואָס טריפֿן פֿון טרויער, דערוועקן איצט טרויער אין מיין האַרצן. אָבער דאַן, ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר פֿינף, האָב איך נאָך פֿון קיין טרויער און זאָרג נישט געוואוסט. און כאָטש נישט שטענדיק האָב איך געהאַט ברויט צו דער זעט און אַ מלבוש צום לייב, פֿונדעסטוועגן האָב איך זייער גוט פֿאַרבראַכט צווישן די קינדער פֿון מיין עלטער. אָפֿט בין איך געווען דאָס פֿערדל און מיין חבר דער אָנטרייבער: ער האָט מיך געהאַלטן ביי די פּאָלעס און איך—בין געלאָפֿן, געשפּרונגען, טיף געאָטעמט און קיינער איז צו מיר נישט גלייך געווען. כ'האָב אויך געהאַנדלט און געוואַנדלט: אַ פֿולע האַנט זאַמד האָב איך געגעבן פֿאַר צוויי דריי שטיינדלעך. מיינע שיפֿן האָב איך געלאָזט שווימען אויף דעם רינשטאָק און

איך בין געגאַנגען פאַראויס און מיט זיי געקערעוועט. אַ סך מאָל בין איך אויך געקומען צו דער מלוכה און געוואָרן דער הערשער איבער אַ חברה קינדער, וואָס האָבן מיך אויסגעקליבן פאַר זייער קעניג. צו קיין גרעסערע זאַכן האָב איך קיין השגה נישט געהאַט און בין געווען זער גליקלעך. און אַז איך בין געקומען אַהיים, האָב איך פאַר דער מאַמען דערציילט אַלץ, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט, און זי האָט מיך אויסגעהערט און אַלעמאָל מיר מוסר געזאָגט: האָט מיר געוואָרנט זיך נישט צו טשעפּען מיט קיינעם און פאַרשווייגן די, וואָס טשעפּען מיך. און כאָטש אירע רייד האָבן אויף מיר געווירקט, ווען איך האָב זיי געהערט, פונדעסטוועגן פלעג איך זיי אָפּט פאַרגעסן ווען איך פלעג אַרויסקומען אין גאַס זיך שפּילן. אָבער די דאָזיקע גליקליכע צייטן מיינע האָבן זיך נישט לאַנג געצויגן און עס זענען פאַר מיר אָנגעקומען ביטערע צייטן: וואָרום מיין מאַמע איז קראַנק געוואָרן און זיך אַוועקגעלייגט און ס'איז געקומען אַ סוף צו מיין גוט פאַרברענגען: די נויט האָט אונז שטאַרקער אָנגעהויבן דריקן און מיט מיינע חברים האָב איך שוין מער נישט געקאָנט פאַרברענגען, וואָרום איך בין געווען שטאַרק פאַרנומען: גיין צום רופא, ברענגען די רעצעפּטן און אַכטונג געבן אויף דער קראַנקער. אויפן צענטן טאָג פון איר קראַנקייט, ווען איך בין צוריקגעקומען פון דעם פּראַצענטניק ישכר, וואוהין איך האָב אַוועקגעטראָגן די לעצטע קופּערנע פאַן און זי דאָרט פאַרמשכנט, האָב איך געטראָפן מיין מוטער גיסן מיט ביטערע טרערן.

—וואָס איז דיר, מאַמע, וואָס דו וויינסט אַזוי?—האָב איך איר געפרעגט מיט זאָרג.

—ווי געשריגן, קינד מיינס, איך גיי אַוועק אין וויטן וועג אַריין, און דו וועסט בלייבן דאָ עלנט אויף דער וועלט, אָן אַ מדריך און פאַרזאָרגער. ווי איז מיר ווי, וואָס קאָן איך דיר העלפן, קינד מיינס?!—

—דו גייסט אין וועג אַריין? אַליין? נעם אויך מיך מיט, פאַרוואָס זאָלסטו מיך איבערלאָזן עלנט, פאַרוואָס קומט עס מיר?

וואָס האָב איך געזינדיקט? אדרבה, זאָג מיר, וועל איך דאָס מער נישט טאָן!

זי האָט מיך אַרומגענומען און געדריקט צו זיך און ביטער געזיפצט:

—ווי מיר ווי! קינד מיינס, דו וועסט מיט מיר נישט מיטגיין, נאָר איך אַליין וועל גיין אין וויסטן וועג, און דו וועסט בלייבן לעבן אויף דער וועלט.

—אָבער ווי אַזוי וועסטו זיך לאָזן אין אַזאַ וויטן וועג אַריין—האָב איך איר געפרעגט נאַאיוו, נישט פאַרשטייענדיק וואָס זי מיינט—אין דער צייט, וואָס דו האָסט נישט קיין כח אויפצושטיין פון בעט אפילו?—

—נאָך אַ ביסל און איך וועל אויסגעהיילט ווערן פון אַלע ווייטאָגן, וואָס פייניקן מיך אַזוי.

—טאַקע אויף אַן אמת?—האָב איך פריילעך אויסגערופן און גענומען פּלעסקען מיט די הענט—וועסט באַלד, אינגיכן געזונט ווערן?! אוי ווי גוט! מיין טייערע מאַמע וועט געזינט ווערן און מיר וועלן שוין מער נישט ליידן קיין הונגער.

די מאַמע האָט געשמייכלט און אָפּגעזיפצט צוזאַמען און האָט געזאָגט:

—קום אַהער, קינד מיינס, און איך וועל זיך מיט דיר געזעגענען, איידער איך שייד זיך אָפּ פון דיר.

בין איך צו איר צוגעגאַנגען און זי האָט מיך געבענטשט, דערנאָך האָט זי פון קעשענע אַרויסגענומען אַ בריוו, און געזאָגט:

—מאָרגן זאָלסטו דעם בריוו אַוועקגעבן דיין פעטער. איך ווייס אויף געוויס, אַז ער וועט אַהער קומען און וועט דיך נעמען צו זיך אין שטוב אַריין, נאָכדעם, אַז ער וועט זיך דערוויסן, אַז איך בין שוין נישטאָ. ווען דו וואָלסט געקאָנט באַהאַלטן ביי זיך דעם בריוו ביז דו וועסט אויסוואַקסן, וואָלט איך דאָס געוואָלט מיטן גאַנצן האַרצן. דו ביזט דאָך אָבער נאָך אַ קינד און וועסט זיך נישט קאָנען אויסהיטן, איז דערי-

בער בעסער פאַר דיר, דו זאָלסט דעם בריוו איבערגעבן דיין פעטער.

—אָבער ווי אַזוי זאָל איך גיין צום פעטער, אַז דו אַליין האָסט מיר אָנגעזאָגט אַ סך מאָל איך זאָל צו אים נישט גיין און גאָרנישט נעמען פון אים?

—פון היינט אָן קאָנסטו גיין צו דיין פעטער אין הויז אַריין וויפיל דיין האַרץ וועט נאָר גלוסטן, נאָכדעם ווי ער וועט אַהער קומען און פון רחמנות דיך נעמען צו זיך אין שטוב אַריין.

רעדנדיק די לעצטע ווערטער איז איר בלייך פּנים פאַר-ענדערט געוואָרן און אָנגעהויבן פלאַמען. פון מויל האָט איר אָנגעהויבן שלאָגן אַ שוים און פון אירע אויגן האָט עס גע-שפּריצט מיט הייס פייער. איין ווײַלע בין איך שטאַרק דער-שראָקן געוואָרן און אַ צעטומלטער אָפּגעטרעטן הינטער זיך: וואָרום איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען מיין מאַמע זאָל אַזוי בייז זיין—נאָך אַ פּאָר מינוט האָט זי זיך צוריק באַרואיקט און האָט געזאָגט:

—נעם דעם בריוו, קינד מיינס, האָב נישט מורא, נישט אויף דיר בין איך בייז, נאָר אויף די רויבער, וואָס האָבן צו-געראַבעוועט דיין טאַטענס פאַרמעגן און דיר געלאָזט הויל און נאַקעט. נעם דעם בריוו און גיי רוף מיר אַריין די שכנות מרים און דבורה, וואָרום איך וויל זיי זען, איידער איך פאַר-לאָז זיי.

איך בין געלאָפן טוען ווי די מאַמע האָט מיך געהייסן. צום ערשטן בין איך אַריין צו מרימען, און אַז איך האָב איר געזאָגט, אַז די מאַמע האָט מיך געשיקט איר רופן, האָט זי געענטפערט: אָט גיי איך שוין, די מינוט. דערנאָך בין איך געבליבן שטיין און זיך געקווענקלט, צי זאָל איך גיין נאָך דבורהן אָדער נישט: וואָרום איך האָב שטענדיק מורא געהאַט פאַר דער הויכער יודענע, וואָס האָט אַ קול ווי אַ קראָ, וואָס קראַקעט און אויגן האָט זי—פון אַ קאַץ. אויך דערפאַר, וואָס זי איז געווען אַן עקרה און האָט קיין קינדער נישט געהאַט,

בין איך נישט געוואוינט געווען אַריינצוקומען צו איר אין שטוב, וואָרום וואָס פאַר אַ געשעפטן האָב איך מיט איר? נאָר דערמאָנענדיק זיך, אַז מאַמע האָט מיך געשיקט נאָך איר בין איך אַהין אַריין

געטראָפן האָב איך די זיצן אויף דער פּאָדלאָגע—אָבער זאָל גאָט מיך היטן פון אַ שקר. ס'איז דאָרט נישט געווען קיין פּאָדלאָגע און זי איז געזעסן אויף דער ערד—און האָט געהאָדעוועט די קוואָקע מיט די הינדלעך, וואָס האָבן איר אַרומגערינגלט. משה דער אַלטער מאַן אירער, וועמענס באָרד און פאות עס זענען געווען ווייס ווי שניי, איז געזעסן אויף דער שטול און געלערנט אלף בית מיט יונגלעך און מיידלעך.

—די מאַמע רופט אייך, דבורה—האָב איך אַ זאָג געטאָן נאָך אויף דער שוועל שטייענדיק.

—אין דער רגע קאָן איך נישט אַוועקגיין, וואָרום מיינע קינדערלעך—אַזוי האָט זי גערופן די יונגע הינדלעך—ווילן עסן, דערנאָך וועל איך גיין.

—אָבער זי קאָן דאָך דערווייל אַוועקפאָרן און איר וועט די דערנאָך שוין נישט טרעפן?

—דיין מאַמע פאָרט אַוועק?—האָט דער אַלטער געפרעגט מיט וואונדער—זי איז דאָך קראַנק, און שטאַרק קראַנק?

—זי האָט געזאָגט, אַז באַלד וועט זי געהיילט ווערן פון אַלע ווייטאָגן. מיין מאַמע וועט קיין ליגן נישט זאָגן.

—דבורה, ס'איז עפּעס נישט גלאַטיק! גיי שוין אַריבער צו אסתרן—אַזוי האָט מיין מאַמע געהייסן—איך גיי אויך מיט דיר, און דו זון מיינער, בלייב דאָ ביז מיר וועלן צוריקקומען—האָט דער אַלטער געזאָגט און איז מיט זיין ווייב אַרויס פון שטוב.

אין אַ פּאָר שעה אַרום איז דער אַלטער מיט דבורהן צוריקגעקומען און האָבן מיר געזאָגט, אַז די מאַמע מיינע איז אַוועקגעפאָרן און פון איצט אָן וועל איך זיין ביי זיי און זיי וועלן פאַר מיר שוין זאָרגן.

—און ווען וועט מיין מאַמע צוריקקימען?—האָב איך געפרעגט און זיך צעוויינט אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס?

—זי וועט צוריקקומען, זאָרג נישט קינד מיינס! —האָט מיר דער אַלטער געענטפערט מיט רחמנות—דבורה, גיב אים אַ שטיקל ברויט מיט פוטער.

דערזעענדיק דאָס טייערע מאכל האָב איך פאַרגעסן יעדע זאָרג. נאָך דעם ווי איך האָב אָפּגעגעסן, האָט דער אַלטער מיך גענומען לערנען „קדיש", און ווייסנדיק, אַז קדיש זאָגט מען נאָר נאָכן טויט פון טאַטן אָדער מאַמען, בין איך זער פאַר־וואונדערט געוואָרן און געפרעגט:

—נאָך וואָס לערנט איר מיך קדיש?

—דיין טאַטע איז דאָך שוין פון לאַנג געשטאָרבן, נאָר דו האָסט נאָך דעמאָלט נישט געקאָנט רעדן און האָסט נישט געקענט זאָגן קיין קדיש, און איצט דאַרפסטו זאָגן קדיש כדי אַרויסצוראַטעווען די נשמה פון דיין טאַטן און זי ברענגען אין גן עדן אַריין.

זיין ענטפער איז מיר געפעלן און פון דעם טאָג אָן און ווייטער, בין איך מיט אים מיטגעגאַנגען אַלע אינדערפרי און פאַרנאַכט אין שול אַריין, און נאָך דריי חדשים האָב איך שוין געקענט לייענען העברעאיש און ביסלעכווייז בין איך צוגע־וואוינט געוואָרן צו די מענטשן און האָב זיי ליב באַקומען: וואָרום דער אַלטער פלעגט מיך אַלעמאָל האַלזן און אַרומנעמען און זאָגן, אַז איך וועל אויסוואַקסן אַ גאון צווישן יודן. אויך דבורה מיט איר געשטאַלט האָט שוין אויף מיר נישט אָנגע־וואָרפן קיין שרעק, נאָך דעם ווי איך האָב זיך איבערצייגט, אַז זי איז זער אַ גוטהערציקע: זי האָט מיר געגעבן צו עסן און טרינקען, האָט מיך אָנגעטאָן און געהאָדעוועט ווי אַן אייגן קינד. און ווי גרויס איז געווען מיין פרייד, אַז דאָס מיידל שפרה, די טאָכטער פון אַלטענס זון, איז געקומען צו אונז, וואָרום די עלטערן אירע זענען געשטאָרבן. מיר האָבן געלעבט ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער: צוזאַמען געגעסן, צוזאַמען גע־טרונקען און דער אַלטער מיט זיין ווייב האָבן פאַר יעדן גע־זאָגט, אַז זיי זעען באַשיינפּערלעך, אַז גאָט האָט באַשערט די יתומה שפרה פאַר אַ ווייב צום יתום יוסף.

אַזוי זענען פאַרבייגעגאַנגען זעקס פריילעכע חדשים. נאָר צייטנווייז האָב איך זיך דערמאָנט אָן דער מאַמען, אויף וועלכער איך האָב געוואַרט, זי זאָל אינגיכן צוריקקומען. אָבער פּלוצלינג האָט זיך דאָס רעדל אַ דריי געטאָן:

מיין פעטער, וואָס האָט געהאַנדלט אין די ווייטע לענדער, איז אַהיימגעקומען. און אַז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז מיין מאַמע איז געשטאָרבן, איז ער געקומען צום אַלטן אין שטוב און געזאָגט, אַז ער דאַרף מיך אויפהאַלטן, וואָרום ער איז דאָך מיין פאָטערס ברודער, און ער וועט מיך נעמען צו זיך אַהיים, וועט מיך ערציען און לערנען, ביז איך וועל אויסוואַקסן און ווערן אַ מענטש.

דער אַלטער און דבורה, כאָטש זיי האָבן מיך זער ליב געהאַט, און ווען מען וואָלט זיי פאַר מיר געגעבן אַלע אוצרות פון דער וועלט, וואָלטן זיי מיך פון זיך נישט אַוועקגעלאָזט — האָבן זיך נישט געקאָנט קעגנשטעלן מיין פעטער, ווייסנדיק אַז ער איז גערעכט און ער האָט דעם כח מיך צוצונעמען פון זיי מיט געוואַלד. און דער אַלטער האָט געענטפערט און געזאָגט:

— זייט וויסן, אַז איך בין שטאַרק צוגעבונדן צום קינד און האָב מער רעכט אויף אים ווי איר: וואָרום, ווען זיין מוטער איז געשטאָרבן איז ער געבליבן ווי אַ שיפל אין מיטן ים פאַרוואָרפן און ווען איך וואָלט אים נישט צוהילף געקומען, ווער ווייסט צי ער וואָלט ביז אַהער נישט געשטאָרבן פון הונגער. נאָר דעם קינד צוליב טו איך עס, ווייל איך האָב אים אַזוי ליב טו איך עס פאַרזיינעטוועגן: וואָרום איך בין נישט ביכולת אים צו לערנען און ווייזן אַ וועג אין לעבן, דעריבער גיב איך אים איבער צו אייך!

— וואָס האָסטו געזאָגט טאַטע מיינער, אַז מיין מוטער איז געשטאָרבן, זי איז דאָך גאָר אַוועקגעפאָרן? — האָב איך געפרעגט מיט וואונדער.

— ווי ווי — האָט ער מיר געענטפערט — זי איז אַוועקגעפאָרן פון דער וועלט אין פינצטערן גרוב אַריין. איצט איז גע-

קומען די צייט דיר צו דערציילן, אַז דיין מאַמע איז געשטאָרבן און דו ביזט איצט אַ יתום אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען. דע־ריבער קינד מיינס האָב זיך אַליין אין זינען: זיי אַ וואויל יונגל און זאָלסט פאָלגן דיין פעטער און דעם מלמד, וואָס ער וועט דיר געבן דיך צו לערנען. וואָרום אויב דו אַליין וועסט זיך נישט אין זינען האָבן, טאָ ווער זשע וועט פאַר דיר זאָרגן?

—מיין מאַמע איז געשטאָרבן!—האָב איך זיך צעוויינט, כאָטש איך האָב נאָך נישט פאַרשטאַנען דאָס אומגליק, וואָס איז מיר צוהאַנען געקומען—מיין טייערע מאַמע איז געשטאָרבן! טאַטע מיינער! דיך האָב איך ליב, וואָרום דו האָסט מיך אַריינ־גענומען אין שטוב אַריין, איך קאָן נישט פאַרלאָזן דיין הויז, איך וועל נישט גיין מיט דעם דאָזיקן מענטש, ווען איך קען נישט און ווייס נישט,—האָב איך אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף מיין פעטער.

מיין פעטערס פנים איז רויט געוואָרן ווי בלוט, הערנדיק מיינע ווערטער, ער האָט אָבער גאָרנישט געענטפערט. כ׳ווייס נישט ביז היינטיקן טאָג, צי איז ער דאָס בייז געוואָרן אויף מיר, ווייל איך האָב נישט געוואָלט גיין צו אים, אָדער ער האָט זיך שטאַרק פאַרשעמט הערנדיק זיין שאַנד פון מיר, אַז ער איז צו מיר געווען ביז איצט ווי אַ פרעמדער.

—ניין, קינד מיינס,—האָט דער אַלטער געענטפערט—פון איצט אָן וועסטו דעם מענטש רופן „טאַטע מיינער", ער וועט האָדעווען און דערציען, וואָרום ער איז דיין פעטער.

—אויב אַזוי, זאָל זשע אויך מיין שוועסטער שפרה מיט־גיין מיט מיר.

דער אַלטער האָט זיך צעלאַכט פון מיין תמימות און האָט געזאָגט:

—ניין, קינד מיינס! שפרה קאָן נישט פאַרלאָזן מיין הויז, דו וועסט אַהער קומען זיך זעען מיט איר, אויב דיין פעטער וועט דיר ערלויבן.

דערנאָך איז מיין פעטער צו מיר צוגעגאַנגען און גע־זאָגט:

—קום, יוסף מיט מיר.

מיט אונטערגעבראָכענע קני בין איך געגאַנגען מיט אים, ביז מיר זענען געקומען אַהיים. און ווי ערשטוינט בין איך גע-וואָרן, אַז איך האָב אַריבערגעטרעטן די שוועל פון דער שטוב, וואָס איז זער שיין אויסגעמאָלט, וואָס איז פול מיט שיינע שטולן און טישן און אויף די פענסטער פאָרהאַנגען און אַלע צימערן זענען פול מיט טייערע זאַכן און אויף די ווענט הענ-גען פאָרטרעטן. איך ווייס נישט וואָס מיט מיר איז געשען, עפּעס דאָס האַרץ האָט זיך אין מיר איבערגעדרייט, דאָס האַרץ, וואָס האָט פון קיין זאָרג נישט געוואוסט—איז אין מיר צעגאַנ-גען. אַ צעטראָגענער פון גרויס וואונדער בין איך שטיין גע-בליבן אויף איין אָרט און נישט געקאָנט מאַכן קיין טריט ווייי-טער. מיין פעטער, וואָס האָט געמיינט, אַז איך גיי אים נאָך איז אַריין אין שטוב, נאָר אויסדרייענדיק זיך און זעענדיק, אַז איך שטיי נאָך ביי דער טיר, האָט ער צו מיר גערופן:

—קום אַהער, יוסף.

איך האָב זיך פון אָרט נישט גערירט.

—קום אַריין אין שטוב, וואָס שטייסטו ביי דער טיר?

איך האָב גאָרנישט געענטפערט און האָב מיין אָרט נישט פאַרלאָזט.

—קום אַריין, ווילדע בריאה!—האָט ער אויף מיר אַ גע-שריי געטאָן—צי וואַרטסטו איך זאָל דיך אַריינטראָגן אויף די הענט?

איך, וואָס בין ביז אַהער געוואוינט געווען צו הערן ווייכע רייד, טרייסט-ווערטער, האָב אויפגעציטערט דערהערנדיק דאָס געשריי און געוואָלט אַנטלויפן. אָבער מיין פעטער האָט מיך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און מיך אַריינגעפירט אין שטוב אַריין און געזאָגט:

—אָט אין דעם צימער וועסטו וואוינען און איך וועל דיך אויסהאַלטן. וועסט ביי מיר זיין ווי מיינע אייגענע קינדער, נאָר זאָלסט נישט זיין קיין ווידערשפּעניקער ווי אַ ווילדע בריאה, וואָס איז געוואוינט צו וואוינען מיט קבצנים.

אַזוי רעדנדיק האָט ער מיך אַריינגעפירט אין אַ קליין צימערל און איז אַרויסגעגאַנגען.

אַ צעטומלטער בין איך געשטאַנען, אַלץ איז מיר פֿאָרגעקומען ווי אין חלום, וואָרום איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ רייכֿקייט. און פֿאַר דעם רייכֿקייט האָב איך זיך דערשראָקן, ווי דאָס האַרץ וואָלט מיר נביאות געזאָגט, אַז דאָס רייכֿקייט איז דער שלעכֿטער מלאך וואָס פֿאַרדאַרבט די מנוחה פֿון די מענטשן.

פֿאַרנאַכֿט זענען מיין פֿעטערס צוויי יונגלעך צוריקגעקומען פֿון שולע. דאָס עלטסטע יונגל איז אַלט געווען אַ יאָר עלף, איז געווען אַ דאַרער און גאָר אַ הויכֿער לויט זיינע יאָרן און דער יונגערער—פֿון אַ יאָר זיבן, אַ שיינער און אַ געזונטער. ס'איז אויך אַהיימגעקומען מיין פֿעטער און האָט באַפֿוילן מיך איבערצוטאָן און אָנגרייטן פֿאַר מיר אַ געלעגער אין צימער, וואו עס זענען געשלאָפֿן זיינע צוויי יונגלעך. זיי האָבן זיך געלייגט און באַלד אַנטשלאָפֿן געוואָרן און איך האָב קיין אויג נישט צוגעמאַכֿט, האָב זיך געדרייט פֿון איין זייט אויף דער אַנדערער, ביז איך בין אויך איינגעשלאָפֿן. אָבער אין שלאָף האָבן מיך די חלומות געשראָקן; מיר האָט זיך געחלומט, אַז צוויי מענטשן גייען צו צו מיר, ביידע זען אויס ווי די פּאָרטרעטן אויף די ווענט ביי מיין פֿעטער אין שטוב, און וואָס האָבן מיך איבערגעשראָקן, זיי האָבן מיך אָנגעהויבן צו שטיקן אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב נישט געקאָנט כֿאַפּן דעם אָטעם. כ'האָב געוואָלט רירן מיט אַ האַנט אָדער פֿוס און נישט געקאָנט, ווי איך וואָלט געווען געקאָוועט אין קייטן. כ'האָב געוויינט און זיך געבעטן ביי זיי, נאָר זיי האָבן מיך נישט געהערט, ווי זיי וואָלטן טויב געווען און האָבן נאָר געהאַלטן אָפֿן גרויסע אויגן, וואָס האָבן מיך געוואָרפֿן אין שרעק. אַז איך האָב דערזען ווי איינער נעמט אַרויס אַ מעסער, האָב איך געמאַכֿט אַ געוואַלד:

—ראַטעוועט! העלפֿט! אוי מאַמע! מאַמע!

פֿון מיין געשריי האָבן זיך די יונגלעך אויפֿגעכאַפּט און

זיך אויך צעשריגן און אַלע אין שטוב האָבן זיך אויפגעכאַפּט מיט ציטערניש. מיין פעטער, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט דער-הערנדיק די געשרייען, איז אַראָפּ פון זיין געלעגער און גע-לאָפן צו אונזער צימער מיינענדיק, אַז עפּעס אַ גנב אָדער גזלן איז די שטוב באַפאַלן. טאַפּנדיק אין דער פינצטער, האָט ער אָנגעטאַפּט אַ מענטש, וואָס האָט זיך מיט גרויס ציטערניש גע-וואָלט אַרויסגנבענען פון קיך, וואָס איז געווען נעבן אונזער צימער, האָט ער אים אָנגעכאַפּט פאַר זיינע מלבושים און זיך צעשריגן:

—כ׳האָב דיך געפּאַקט, דו רויבער!

און באַלד האָט זיך דערהערט אַ פּאַטש, וואָס ער האָט יענעם אַראָפּגעלאָזט מיט דער ברייטער האַנט.

—כ׳בעט אייך, לאָזט מיך אָפּ, כ׳בין נישט קיין גנב!—האָט זיך דער געשלאָגענער געבעטן. אָבער מיין פעטער האָט אים נישט געוואָלט גלייבן און האָט אים נישט אויפגעהערט צו שלאָגן.

—כ׳בעט אייך, דערבאַרעמט אייך, כ׳בין דאָך דער לערער פון אייערע קינדער און נישט קיין רויבער! פאַרוואָס שלאָגט איר מיך?

דאָס דערהערנדיק, איז מיין פעטער געקומען צו זיך און האָט געזאָגט:

—אַך, געהאַט אַ טעות! אַנטשולדיקט! אָבער ווי אַזוי קומט איר אַהער? אייער צימער געפינט זיך דאָך אויפן הויף?

—דערהערנדיק דאָס געשריי, בין איך אַהער געקומען און אַריינגעפאַלן צו אייך אין דער האַנט.

—אַזוי ווי דו טוסט מיר, אַזוי האָט דיר מיין טאַטע באַ-צאָלט—האָט דאָס עלטסטע יונגל גערעדט אין דער שטיל צו זיך אַליין.

דערווייל האָבן זיך אַלע צונויפגעקליבן צו אונז אין צי-מער אַריין.

—צינד אָן פייער!—האָט מיין פעטער זיך צעשריגן—און לאָמיר זען, וואָס דאָ איז געשען.

באַלד האָט מען אָנגעצונדן פייער. מיין מומע איז געווען אויסגעטון און איז געשטאַנען נאָר אין איין העמד ביז די לענדן. אַז ס'איז ליכטיק געוואָרן האָט זי געכאַפּט און זיך צוגעדעקט. אויך דער לערער איז געווען אויסגעטאָן ביזן העמד. די קעכין איז געווען איינגעהילט אין אַ מענער-רעקל, און ווי גרויס איז געווען איר צעטומלעניש, ווען זי האָט זיך דערוואוסט אַז דעם לערערס רעקל האָט צוגעדעקט (אָדער אויפגעדעקט) איר שאַנד. דאָס מויל פון משרת איז געווען אויסגעשמירט וואָרום אין דער פינצטער האָט ער זיך צוגעכאַפּט צום איינגעמאַכטס, וואָס איז געשטאַנען אויפן פענצטער צום אויסקילן, האָט ער געגעסן און זיך דאָס מויל נישט אָפּגעווישט.

מיין פעטער איז אַ ווייַלע געשטאַנען ווי פאַרבלאָנדזשעט. וואָרום דאָס נייַע צעטומלעניש האָט אים געמאַכט פאַרגעסן אין פריריקן, נאָר לסוף האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און אויסגעשריגן:

—אָט זענען די גנבים!

און האָט זיך שטאַרק צעלאַכט.

אָבער פאַר מיין מומען איז דאָס נישט געווען צום לאַכן, זי האָט געבליצט מיט די אויגן די גאַנצע צייט אויפן לערער און האָט אויסגעשריגן:

—אַ נבלה איז געשען! אַ שענדלעכע זאַך!

און זי איז נאָכן פעטער אַריין אין שלאָף-צימער.

איך בין די גאַנצע צייט געלעגן אין איין ציטערניש, האָב נישט גערירט מיט קיין אבר און נישט געאָטעמט וואָרום איך האָב מורא געהאַט דער פעטער זאָל זיך נישט דערוויסן, אַז דאָס געשריי שטאַמט פון מיר און וועט מיך באַשטראָפן. דער משרת איז אַרויס פון שטוב און נישט געוואוסט, אַז מען ווייסט וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, וואָרום די קעכין האָט אים מורא געהאַט צו דערמאַנען זיין זינד ער זאָל איר נישט אויפוואַרפן וועגן רעקל. אויך ער האָט מורא געהאַט איר אויפצעוואַרפן, וויסנדיק ביי זיך אַז ער איז אויך נישט ריין, נאָר דער לערער אַליין איז געבליבן אין צימער. אַ ווייַלע איז ער

געשטאַנען אַ דערשלאָגענער, האָט עפּעס געטראַכט, וואָס צו טאָן. אַזוי איז ער געשטאַנען און געטראַכט, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר, זיך איינגעהערט—ס'איז שטיל. אַזוי האָט ער זיך צוגעהערט צו דער צווייטער און דריטער טיר—אַלע שלאָפן—האָט ער פּאַר זיך שטיל אויסגערופן—האָט שטיל אויפגעבראָכן די שאַנק, האָט אַרויסגענומען פון דאָרט אַ סך זילבערנע און גאָלדענע חפצים און אין איילעניש אַרויסגעלאָפן.

דאָס אַלץ האָב איך געהערט און האָב געציטערט פון שרעק, האָב זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כחות, עס זאָל זיך נישט הערן מיין שנאָרכן, מורא האָבנדיק איך זאָל נישט ברענגען צו אַ פרישן טומל.

אינדערפרי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט דורך אַ טומל און אַ נייע מהומה: מיין פעטער האָט געברענט פון כעס און געשריגן מיט אַ פּחדימדיק קול אויף די משרתים און זיי האָבן געוויינט און זיך געבעטן.

—ווער זשע דען האָט געגנבעט דאָס זילבער אויב נישט איר? אפשר איך אָדער מיין ווייב?

—ביי גאָט שווער איך, אַז איך ווייס נישט פון גאָרנישט צו זאָגן—האָט זיך געבעטן דער משרת.

—איך בין ריין פון יעדער זינד—האָט געענטפערט די קעכין אַראָפּלאָזנדיק די אויגן צו דער ערד.

—דאָס ווייס איך, אַז דו ביזט ריין פון יעדער זינד. אַזאַ אומשולדיק ריין שעפּסעלע איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ, דעם לערערס רעקל זאָגט עדות ווי כשר און ריין דו ביזט—האָט מיין מומע געענטפערט מיט אַ שטעכעדיק געלעכטערל.

—וואו איז דער לערער?—האָט מיין פעטער פלוצלינג געפרעגט—ס'איז דאָך שוין צייט צו לערנען און ער איז נאָך נישטאָ. אליעזר, גיי און רוף מיר אַריין אַהער דעם לערער.

דער משרת איז אַרויס און באַלד צוריק אַריינגעקומען און געזאָגט:

—דער לערער איז נישטאָ. אין זיין צימער האָב איך נישט געפונען אפילו קיין מלבוש זיינס.

—דאָס האָט ער געגנבעט דאָס זילבער!—האָט דער פע־טער אויסגעשריגן.

מיין פעטערס פנים איז געוואָרן אַזוי שרעקלעך, אַז ס׳האָט אָנגענומען אַ שרעק. און ווי גרויס איז געווען מיין פחד—מיינענדיק אַז איך אַליין בין שולדיק. די בלוטן זענען אין מיר אַנטפאַלן, ווען דער פעטער האָט געפרעגט:

—ווער האָט עס אָנגעהויבן שרייען ביינאַכט?

דאָס עלטסטע יונגל, כאָטש ער האָט גוט געוואוסט, אַז דאָס האָב איך אָנגעהויבן שרייען, פונדעסטוועגן האָט ער נישט אויסגעזאָגט, נאָר דער קלענערער האָט אויסגעזאָגט. דער פע־טער איז צו מיר צוגעגאַנגען און געפרעגט:

—פאַרוואָס האָסטו געשריגן ביינאַכט? האָסט עפּעס געזען? זאָג מיר—

די געדערים אין בויך האָבן זיך מיר איבערגעדרייט הערנדיק זיינע ווערטער. וואָרום איך האָב גערעכנט, אַז מיינע זינד זע־נען זייער גרויס און איך האָב דערפאַר געשוויגן. ער איז געבן מיר געשטאַנען אַ ווײַלע און זעענדיק אַז איך וועל נישט ענט־פערן, האָט ער אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַ בייז אויג און „ווילדע בריאה״ האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין מויל. אָבער מיין מומע האָט זיך אויף מיר צעליאַרעמט:

—נאָך וואָס האָסטו געבראַכט אַהער דעם שלאַק? ער איז נאָר אַהער געקומען און מיט אים איז באַלד געקומען אַ צרה און אַ טומל. טרייב אים אַרויס פון דאַנען, וואָרום ס׳וועט שלעכט זיין!

מיין פעטער האָט איר גאָרנישט געענטפערט, האָט נאָר אָפּגעזיפצט ביטער און געוואָלט אַוועקגיין.

—וואו גייסטו שוין?—האָט מיין מומע אויסגערופן.

—וואָס האָב איך דאָ צו טאָן? הערן דיינע קריגערייען?

—האָסט זער קלוג געפרעגט. כ׳וועל נישט לייקענען! דער בעל־הבית פרעגט, וואָס ער האָט צו טאָן אין זיין שטוב? קום

אהער וועל איך דיר זאָגן וואָס דו האָסט צו טאָן: באַפעל מיט געוואַלד אויף דער קעכין, אַז זי זאָל זיך מודה זיין און זאָל דיר זאָגן וואוהין איז אַנטלאָפן דער לערער איר „ליובאָווניק". צי ביזטו בלינד געוואָרן און זעסט נישט אַז זי איז איין האַנט מיט אים?

מיין מומעס עצה האָט נישט געווירקט. אומזיסט האָט זיך מיין פעטער צעשריגן מיט אַ פחדימדיק קול, אומזיסט האָט ער געשראָקן די אומגליקלעכע, זי האָט געוויינט און געשריגן אַז זי ווייסט גאָרנישט, אַז דער לערער האָט איר גאָרנישט דער-ציילט. מיין מומע איז מיד געוואָרן אויסצוהאַלטן איר עקשנות און האָט געזאָגט מיט פאַרדראָס:

—דו ווערסט זיך פון איר דען עפּעס דערוויסן? דו ביזט דאָך אַ שלימזל! לאָז מיך און איך וועל שוין געוואָר ווערן. דו לויף אַוועק אין דער שטאָט צבועאל צום צדיק און ער וועט דיר שוין זאָגן וואו עס געפינט זיך דער גנב.

דעם זעלבן טאָג נאָך איז מיין פעטער אַוועקגעפאָרן צום צדיק אים פרעגן וועגן דער גנבה, און די קעכין האָט מען אַוועקגעזעצט אין תפיסה דורכן באַפעל פון מיין מומע, וואָס האָט פריער אויסגעלאָזט צו איר ס׳גאַנצע האַרץ און זי שטאַרק געשלאָגן דערנאָך זי איבערגעגעבן צו די ריכטער אין די הענט.

## ב.

## דער ערשטער שריט.

אין דער שטאָט צחנה האָב איך אים געפּאַקט זיצנדיק אין בית המדרש און לערנען—האָט מיין פעטער געענטפערט אויף דער פראַגע: וואו האָט ער געכאַפּט דעם גנב, וואָס אים האָט געפרעגט איינער אַ פרעמדער מענטש, וואָס איך האָב אים געזען דאָס ערשטע מאָל ביי מיין פעטער—און אַז ער האָט מיך דערזען, איז ער אַזוי דערשראָקן געוואָרן, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט.

—פון וואַנען פאַלט דיר איין צו פאָרן אין דער שטאָט צחנה?

—איך בין געווען ביים צדיק און ער האָט מיר געזאָגט וואָס צו טאָן, נאָך איידער איך האָב אים געפרעגט. אַז איך האָב נאָר געעפנט די טיר, האָב איך דערהערט דעם צדיקס קול: וועגן דער גנבה ביזטו אַהער געקומען. דאָס האָט געטאָן אַ מענטש וואָס האָט דיין ברויט געגעסן, אָבער ער וועט פון דיין האַנט נישט אַנטרונען ווערן. פאָר אין דער שטאָט צחנה—האָט איך זיך געאײַלט צו טאָן ווי דער צדיק האָט מיך גע־

הייסן, און אַזוי ווי ער האָט געזאָגט, אַזוי איז עס געווען. דאָרט האָב איך געכאַפּט דעם גנב. וואָס וועסטו זאָגן צו דעם, ווייב מיינס? וואָס זאָגסטו צו דעם מופת?

—וואָס זאָל איך רעדן און וואָס זאָל איך זאָגן?—האָט מיין מומע געענטפערט צעפּירנדיק מיט די הענט—דאָס וואָס מיין האַרץ פילט, דאָס האָב איך דיר געזאָגט: אַז דער צדיק ווייסט אַלץ און ס'איז פאַר אים נישטאָ קיין פאַרהוילענע זאַך, נאָר דו ביזט אַן עקשן און האָסט ביז אַהער נישט געוואָלט גלייבן אין הייליקן רבין. איצט אָבער רעכן איך, אַז דו וועסט שוין נישט אויפהערן צו גלייבן.

—און איך רעכן—האָט מיין פעטער געענטפערט גאַנץ רו־איק—אַז דער גנב האָט געערעדט מיטן רבין איידער נאָך איך בין אַהין געקומען, און דאָס האָט ער אים טאַקע אַוועקגעשיקט קיין צחנה.

ווי דער פעטער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט און מיין מומע איז אויפגעשפּרונגען, דאָס פּנים איז איר רייט געוואָרן און מיט אַ שרעקליך קול האָט זי אויסגעשריגן:

—דו אויסוואורף איינער! דו וועסט נאָך שפּעטן פון רבין! דו וועסט נאָך חוזק פון זיינע הייליקע רייד נאָך דעם ווי ער האָט דיר באַוויזן אַזעלכע וואונדער!—אַז דער פרעמדער מענטש האָט דערהערט די געשרייען, האָט ער זיך אויפגעהויבן און אַרויס פון שטוב—אַזוי,—האָט מיין מומע ווייטער געשריגן—אַזוי צאָלסטו אָפּ דעם צדיק פאַר דעם גוטס. דיין גאַנץ רייכטום און כבוד האָסטו דאָך נאָר אַדאַנק אים!

—דאָס איז טאַקע אמת—האָט דער פעטער געענטפערט מיט אַ זיפץ—דורך אים האָב איך דאָס גאַנצע פאַרמעגן, אָבער דורך אים בין איך געקומען צו חרפּות אין האַרצן און צו גרויס צער. אַן אָרימאַן בין איך געווען אָבער מיט אַ ריין האַרץ און איצט... מיין רייכקייט מאַכט נאָך גרעסער מיין בראָך און דער־מאַנט מיר...

—וויפיל מאָל האָב איך דיר שוין אָנגעזאָגט—האָט די מו־מע אויסגערופן באַפעלעריש—זאָלסט מיר נישט דערמאַנען דאָס,

וואָס איז געווען! אַלע ווייסן גאַנץ גוט [illegible] מיט ערליכקייט און גערעכטיקייט האָסטו געמאַכט דיין פאַרמעגן, און אויב אפילו האָסט יאָ געטאָן אַן אומרעכט, איז עס שוין אויך גאָרנישט, נאָכדעם ווי דו האָסט דערלאַנגט אַ שיינע מתנה דעם רבין זאָל לעבן, און דורך דיין צדקה, וואָס דו טוסט אַלע טאָג. נאָר דיין נאַרישקייט האָט זיך צו דיר צוגעטשעפּעט און ווילסט זיך נישט טרייסטן. פאָלג מיך: טרייב אַרויס דאָס יונגל פון שטוב, וואָרום ער מאַכט מיך קראַנק.

—און מיר מאַכט ער פּלאַצן דאָס האַרץ און דערמאַנט מיר מיינע זינד... אָבער פון איצט אָן וועל איך דיך נישט הערן און נישט פאָלגן! הערסט? מער פאָלג איך דיך נישט! וואָרן דו, נאָר דו האָסט מיך אומגליקלעך געמאַכט: מיט דיין גלאַטיק צינגל האָסטו מיך צוגערעדט צו אַלע צרות. איינמאָל האָב איך געזאָגט און אַזוי וועט עס בלייבן: דאָס יונגל וועט זיין ביי מיר און צוזאַמען מיט מיינע קינדער וועט ער ירשנען מיין אָדער זיין פאַרמעגן...

—ס'וועט קיינמאָל נישט זיין!—האָט די מומע בייז אויסגעשריגן און איז אַרויס פון שטוב אַ קלאַפּ געבענדיג גאָך זיך מיט דער טיר, אַז די ווענט האָבן געציטערט.

—גהנומניצע!—האָט זיך אַרויסגעריסן פון פעטערס מויל און האָט ביטער און שווער אָפּגעזיפצט.

דאָס אַלץ האָב איך געהערט זיצנדיק הינטער דער טיר; איך האָב אָבער גאָרנישט פאַרשטאַנען. איך האָב זיך אויך נישט באַמיט צו פאַרשטיין: וואָרום פון זינט איך בין געקומען צו מיין פעטער אין שטוב, בין איך געווען כסדר דערשלאָגן און טרויריק, בפרט נאָך די לעצטע טעג, וואָס ער איז אינדערהיים נישט געווען: וואָרום די מומע האָט מיך שטאַרק געפּייניקט. דעריבער בין איך געזעסן אַ דערשלאָגענער, כ'האָב מיט קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט און אויך קיין עסן נישט געבעטן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום, איז דער פעטער אַריינגעקומען [illegible] אין צימער און האָט מיך געפרעגט מיט ווייכע רייד:

—וואָס זיצסטו דאָ עפּעס אַליין, יוסף? פאַרוואָס גייסטו זיך נישט שפּילן מיט די קינדער?

איך האָב אים גאָרנישט געענטפערט און די טרערן האָבן זיך אַרויסגעריסן פון מיינע אויגן קעגן מיין ווילן.

—וואָס וויינסטו? וואָס איז דיר?—האָט ער מיך געפרעגט מיט רחמנות.

—כ'האָב מיר דערמאַנט, אַז מיין מאַמע איז מיר געשטאָרבן,—האָב איך אים געענטפערט, וואָרום איך האָב מורא געהאַט אים צו דערציילן, אַז די מומע האָט מיך שטאַרק געפייניקט.

—דאָס האַרץ פילט דעם אומגליק—האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט—באַרואיק זיך קינד, איך וועל דיר זיין אַ טאַטע פון איצט אָן. קום מיט מיר און איך וועל דיך פירן אין חדר אַריין: דאָרט וועסטו לערנען גאָטס תורה און דאָרט וועסטו זיך באַקענען מיט די יונגלעך פון דיין עלטער און עס וועט דיר גוט זיין, פאַרנאַכט וועסטו אַהיימקומען און וועסט מיר דערציילן, וואָס דו האָסט געלערנט און איך וועל דיך ליב האָבן—אַזוי רעדנדיק האָט ער מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און אַוועקגעפירט אין חדר אַריין.

דערזעענדיק דאָס חדר בין איך צו זיך געקומען: וואָרום איך האָב זיך דערמאַנט אָן אַלטן, וואָס האָט מיך צו זיך גענומען און זיין ווייב דבורה, וואָס האָט מיר גוטס געטאָן, אויך אָן מיין שוועסטער האָב איך זיך דערמאַנט... און אַזוי האָט אויסגעזען דאָס הויז; אַז איך זאָג הויז, זאָל מען נישט מיינען אַז דאָס איז געווען אַ געמויערטע קאַמעניצע, ניין! פון דרויסן האָט מען געזען אַ קליין נידעריק הייזל, ווי אַ בודע פאַר הינט, אויפגעקלאַפּט פון דינע ברעטער, וואָס זענען שוין געווען צעפוילט. דאָס שטרוי וואָס האָט דאָס הייזל צוגעדעקט האָט געגרייכט ביז דר'ערד און נישט געקאָנט פאַרשטעלן ס'זאָל נישט אַריינרעגענען אין שטוב אַריין: וואָרום די פיל ציגן וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום הייזל, האָבן פון שטרוי געשלעפּט אויף צו זעטיקן דעם הונגער און האָבן אויפגעגעסן די גוטע העלפט.

אינעווייניק איז געווען נאָר איין צימער וואָס איז געווען פול מיט שטויב און איז געווען שוואַרץ און שפינוועבס האָט באַדעקט דעם גאַנצן באַלקן אויף אַלע זייטן. די פּאָדלאָגע איז געווען די פּראָסטע ערד באַדעקט מיט ליים. אויף דער וואַנט פון מזרח־זייט, איז געהאָנגען אַ גרויסער בויגן פּאַפּיר און אויף אים איז געווען אויפגעשריבן „מצד זה רוח חיים" (פון דער זייט איז דאָס לעבן). אַ סך פון די, וואָס זענען אַריינגעקומען אין דער שטוב, האָבן אפילו נישט געגלייבט אין דעם אויפגעשריבענעם — וואָרום אָנשטאָט לעבן האָט מען אָנגעטראָפן אַן עפּוש און אַ שטינקערײַ און אַ געמיינעם ריח, וואָס האָט זיך געריסן דורכן פענצטער צו די נעז פון די וואָס קאָנען פילן. — פונקט אַזוי ווי מען האָט נישט געגלייבט דעם בעל־הבית, וואָס האָט געזאָגט אויף די חיות וואָס ער האָט אויסגעמאָלט אויפן בויגן פּאַפּיר, פון ביידע זייטן אָנגעשריבענעם, אַז דאָס זענען לייבן. וואָרום זיי האָבן נישט אויסגעזען נישט קיין לייבן נישט קיין הינט, נאָר עפּעס אַ ניי באַשעפעניש וואָס דער דאָזיקער מלמד האָט באַשאַפן און ס'איז גאָר נישטאָ אַזאַ מין חיה, וואָס זאָל אַזוי אויסזען. אויף דער וואַנט פון מערב זענען געווען אויפגעשריבן די ווערטער אויף דער טיר „זכר לחרבן בית המקדש" און איך ווייס נישט ביז היינט וואָס אַזוינס דאָרט איז געווען צו דער־מאנען אין חורבן בית המקדש? צי די בעלקעס וואָס זענען גע־ווען איינגעבויגן, אָדער די קליינע חיהלעך, וואָס האָבן געשפּאַ־צירט אויף דער וואַנט לזכרון „שועלים הלכו בו"? אַ גרויסער אויוון האָט פאַרנומען אַ פערטל פון דעם צימער. צווישן אויוון און דער וואַנט רעכטס, איז געשטאַנען אַ פאַרשפּרייט בעט און אויף דער אַנדערער זייט — אַ קלענער בעט מיט שטרוי נישט פאַרדעקט. אַנטקעגן אויוון איז געשטאַנען אַ הילצערנער גרויסער טיש נישט געפאַרבט נאָר מיט פאַרשידענע אויסקריצעכצן, וואָס דער מלמד האָט בעתן לערנען אויסגעקריצט מיטן קליינעם מע־סערל, וואָס ער האָט פון האַנט נישט אַרויסגעלאָזט אפילו אויף קיין רגע און כסדר געהאַלטן אין איין קריצן: חיות, עופות און אויך משונהדיקע ווערטער, ווי דאָס וואָרט ו י ש ע, וואָס האָט

זיך געקאָנט לײבען פון אויבן און פון אונטן, און אויך זײן נאָמען און זײן טאַטנס נאָמען, וואָס ער האָט אָן ספק געוואָלט איבערלאָזן לזכרון עולם. ס'איז אויך געווען אויסגעקריצט זײן װײבס נאָמען און בײ דער זײט — א ר ו ר ה. דאָס אַלץ האָט באַדעקט דעם טיש, אַרום וועלכן ס'זענען געזעסן אַ צען יונגלעך. עטלעכע פון זײ האָבן געלערנט גמרא, עטלעכע תנ"ך און אײנער איז געזעסן בײ דער רעכטער זײט פון מלמד און געלײנט מיט אַ נגון, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן געזאַנג פון דער בעל הביתטע, וואָס האָט געוויגט איר קינד אין וויגל און ס'איז געוואָרן אײן קול. נאָר דאָס קול פון מלמד האָט אַלע װײלע איבערגעשלאָגן זײער בײדנס שטים, ווי דער דונער שרײט איבער דאָס שטורמדיקע ברומען פון כוואַליעס אין ים.

דערזעענדיק דעם מלמד האָב איך פאַרגעסן די פרײד, וואָס האָט מיך אָנגעכאַפּט דערזעענדיק דאָס הויז, וואָרום זײן אויסזען איז געווען מוראדיק: אַ נידריקער און אַ דאַרער, די באַקן אײנגעשרומפּן, די נאָז לאַנג און פאַרקרומט ווי דער שנאָבל פון אַן אָדלער, בײדע פאות שוואַרצער פון שוואַרץ און לאָזן זיך אַראָפּ געדרײטע און לאַנגע, די באָרד — צו ביסלעך האָר דאָ און דאָרט אויף די באַקן, כאָטש ער איז שוין געווען אַ יוד אין די יאָרן, וואָרום טראַכטנדיק האָט ער זײ צו אײנציקווײז אויסגעריסן, און זײן װײב האָט דאָס זעלבע געטאָן אויך נישט טראַכטנדיק. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ שוואַרץ היטל, וואָס האָט געגלאַנצט ווי אַ קוכל באַשמירט מיט בוימאײל, אַ העמד פון לײוונט — נישט קײן געוועב פון מצרים, אויך נישט פון שווײץ האָט צוגעדעקט זײן לײב. די ברוסט, וואָס איז געווען באַדעקט מיט שוואַרצע לאַנגע האָר איז געווען ענטבלויזט, וואָרום דאָס העמד האָט ער בײם האַלז נישט צוגעקנעפּלט. ער איז אָנגעטאָן אין לײוונטענע הויזן, וואָס אַמאָל זענען זײ געווען װײס, נאָר איצט זענען זײ געווען באַצירט מיט אַ סך פאַרבן פון סמאָלע, ערד און טינט וואָס האָבן פון זײ געגלאַנצט. אויך זײן קלאָר זינדעלע, וואָס האָט זיך אָפּט געשפּילט בײ אים אויף די קניען, האָט נאָך צוגעגעבן צו די

פאַרבן נאָך אַ פאַרב און פאַרמערט דעם טאַטענס באַפּוצעכצן. ער האָט נאָך געטראָגן אַ טלית-קטן מיט לאַנגע ציצית און די פּיס זענען אים געווען באָרוועס.

אַז מיין פעטער איז מיט מיר אַריינגעקומען, האָט זיך דער מלמד אויפגעהויבן און ווי אַ צעטומלטער איז ער געלאָפן אַהין און אַהער זוכנדיק זיינע שיך און האָט זיי נישט געפונען. נאָר מיין פעטער האָט אים אַרויסגענומען פון זיין פאַרלעגנהייט צוגייענדיק צו אים און האָט געזאָגט:

—אָט האָסטו דאָ אַ נייעם תּלמיד.

ער האָט זיך באַלד באַרואיקט און זיך געזעצט אויף זיין אָרט. אַז מיר זענען צוגעגאַנגען צו אים, האָט ער מיר אַ גלעט געטאָן איבערן בעקל און געזאָגט:

—וואָס האָסטו שוין געלערנט קינד מיינס?

אַלע תּלמידים האָבן געעפנט די מיילער און די אויגן און געקוקט אויף מיר מיט קנאה: וואָרום שוין אַ לאַנגע צייט, זינט זיי זענען אַהער געקומען דאָס ערשטע מאָל, אַז זיי האָבן נישט געהערט אַזעלכע ווייכע רייד פון זייער רבין. אויך איך האָב געעפנט אַ מויל און גאָרנישט געענטפערט.

—ער האָט נאָך גאָרנישט געלערנט?—האָט דער רבי געפרעגט.

—ער האָט געלערנט ליינען. און איך האָט איך זינען אים צו לערנען, איך וועל שוין באַצאָלן. ער איז מיין ברודערס אַ קינד—האָט אים מיין פעטער געענטפערט און האָט אים אַוועקגענומען אויף אַ זייט. און נאָכדעם ווי ער האָט זיך מיט אים געשושקעט אַ פּאָר מינוט, איז ער אַרויס פון שטוב.

דער רבי האָט מיך אַוועקגעזעצט נעבן זיך און האָט מיך געפּרובט אין לערנען. דערנאָך האָט ער געזאָגט צו מיר:

—הייב זיך אויף און גיי אַרויס אויפן הויף, ווועסטו זיך שפּילן מיט די קינדער.

איך האָב געמיינט, אַז ער הייסט מיך נישט אַנדערש ווי אַרויסגיין אין דרויסן, דעריבער האָב איך זיך געאײַלט אים צו פאָלגן און אײַלנדיק זיך האָב איך אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד

אַ קרוג וואַסער, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער טיר. די קרוג איז צעבראָכן געוואָרן און דאָס וואַסער האָט זיך אויסגעגאָסן און באַשפּריצט די רביצין און מיך. איבערראַשט בין איך געבליבן שטיין אויף מײַן אָרט און צעטומלט געקוקט אין אַלע זײַטן. די רביצין איז אויפגעשפּרונגען פֿון איר אָרט און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מיר מיט שרעקלעכן כּעס, און ווען נישט דער רבי, וואָס האָט געאײַלט מיר צוהילף, וואָלט געווען גאָר שלעכט, אויף דעם האָט עדות געזאָגט איר שרעקלעך פּנים.

—פֿאַרוואָס, אויסוואורף, לאָזטו מיך נישט באַשטראָפֿן די ווילדע בריאה ווי ער האָט זיך פֿאַרדינט?—האָט זי גערעדט מיט כּעס צו איר מאַן וואָס האָט איר אָנגעכאַפּט בײַ די הענט.

—ווײַל זײַן פֿעטער האָט מיר אָנגעזאָגט: איך זאָל זיך היטן מיט אים.

—כאַפּט דיך דער רוח! דיך מיט אים מיט זײַן פֿעטער אינאיינעם! פֿאַר אַזאַ זאַך זאָל מען שווײַגן אַזאַ נאַרישן יונג? צי ביזטו בלינד געוואָרן און זעסט נישט, אַז ער האָט מיר צעבראָכן די קרוג און אָפּגעשפּריצט מיט וואַסער? איצט וועלן אַלע תּלמידים זיך קעגנשטעלן די רביצין זייערע. ניין! ס'וועט אַזוי נישט בלײַבן! ס'איז מיר שוין בעסער דער טויט איידער אַזאַ לעבן! לאָז מיך. איך וועל אים דער קאָפּ פּלעטן!

—ער האָט עס דאָך נישט געטאָן אומישנע, דערפֿאַר שענק איך אים. און דו—פֿאַרמאַך דאָס מויל.

—ס'אַ ליגן, אומישנע האָט ער עס געטאָן. אומישנע! אַזוי וועט עס נישט בלײַבן. דעם קאָפּ וועל איך אים פּלעטן!

—שווײַג, ארירה!—האָט איר מאַן אויסגעשריגן מיט זער אַ מוראדיק קול—היט זיך פֿאַר מײַן האַנט!

—וואָס, איך וועל מורא האָבן פֿאַר דיר? ניין! אַזוי וועט עס נישט בלײַבן! וואַרט, איך וועל דיר ווײַזן, ווער ס'קאָן בעסער קלאַפּן—אַזוי רעדנדיק, האָט זי געכאַפּט אַ שטיק שאַרבן פֿון דער קרוג און געגעבן אַ שליידער אין אים. נאָר ווי אַ געלערנטער צי מלחמה האָט ער זיך אויסגעהיטן און האָט געכאַפּט אַ טעפּל פֿון אויוון אַראָפּ. אָבער אויך זי האָט געקענט

תּכסיסי מלחמה נישט ווייניקער פון אים, האָט זי געכאַפּט און זיך געגעבן אַ זעץ אַוועק אויף דער ערד און דאָס טעפּל איז אַריבער איבער איר קאָפּ און צעזעצט געוואָרן אויף שטיקלעך אַנקלאַפּנדיק אָן דער וואַנט.

—אַזוי זאָלן אַלע דײַנע בײַנער צעבראָכן ווערן!—האָט זי אויסגעשריגן העלדיש ווי אַ גבור וואָס קומט צוריק פון דער מלחמה און זי איז אַרויס אין דרויסן.

דער רבי האָט צוריקגעקערט אויף זײַן אָרט. אָבער איך בין נאָך געבליבן שטיין וואו איך בין געשטאַנען, וואָרום איך האָב זיך מורא געהאַט צו רירן פון אָרט. ער האָט אָנגעהויבן לערנען מיט די תּלמידים און ווי אַ פּלייציקער טײַך האָט עס געשטורעמט אין אים. דאָס יונגל האָט געזונגען אויף אַ קול „על כּן תּטעי נטעי נעמנים״.

—רעד קלאָרע ווערטער, כּלב!—האָט דער רבי אויסגעשריגן מיט כּעס.

—על כּן תּטעי נטעי נעמנים—האָט דאָס יונגל ווייטער געזונגען.

—איך וועל דיר ווײַזן צו זאָגן ווי מען דאַרף!—האָט דער רבי אויסגעשריגן מיט גרויס צאָרן, אָנגעכאַפּט דעם יונגל בײַ די האָר און אים געגומען טרייסלען און האָט אים אויך דערלאַנגט אַ פּאַטש מיט גרויס אכזריות. דאָס יונגל האָט ביטער געוויינט און געזאָגט:

—אַזוי שטייט דאָך אין מײַן פּסוק.

—דו וועסט נאָך זאָגן ליגן אויך!—האָט אויסגערופן דער רבי, וואָס האָט געמיינט אַז דאָס יונגל חוזקט אַזוי און זאָגט דערפאַר „תּטעי נטעי״. האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אַרײַנגעקוקט צום יונגל אין ספר און אויסגערופן מיט וואונדער: אמת טאַקע, אָבער בײַ מיר אין ספר שטייט „על כּן תּטעי נעמנים״. דאַן איז דאָס יונגל געוואָרן בײַ זיך שטאַרקער און געזאָגט: און וואָס בין איך שולדיק, אויב בײַ מיר שטייט אַ גרײַז?—דער רבי איז אַ ביסל צעמישט געוואָרן און נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. אָבער פּליצלינג האָט ער זיך גע-

כאַפּט און אויסגעשריגן מיט כּעס: פאַרוואָס ברענגסטו מיט זיך ספרים וואָס זענען געדרוקט אין ווילנע דורך כּופרים און אפּיקורסים? פאַרוואָס זאָל דיר דער טאַטע נישט קויפן די ספרים פון קאָפּוסט אָדער זשיטאָמיר אין וועלכע עס לערנען אַלע פרומע יודן?—דאָס יונגל האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן נאָר אין האַרצן האָט ער געוואוסט, אַז ער איז גערעכט און האָט דערפאַר נישט אויפגעהערט צו וויינען. דער רבּי האָט גענומען לערנען מיט צוויי גרעסערע יונגלעך אין מסכת בבא קמא. די יונגלעך האָבן זיך ביידע צעזונגען „שבר את הכּד״ (האָט צעבראָכן די קרוג). איך האָב געמיינט, אַז דאָס מיינט מען מיך, בין איך דערפאַר צוגעגאַנגען צום רבּין און געזאָגט שטיל:

—נישט אומישנע האָב איך די קרוג צעבראָכן.

דער רבּי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט זיך צעלאַכט. די תּלמידים, אַז זיי האָבן געזען ווי דער רבּי לאַכט, האָבן זיי אויך אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. אויך דאָס יונגל וואָס האָט געקריגן געשלאָגן, האָט פאַרגעסן זיינע ווייטאָקן און טרערן און זיך אויך צעלאַכט. דעם רבּינס ווייב, אַז זי האָט דערהערט די קולות, איז זי אַריין אין שטוב אַריין, זי האָט געמיינט, אַז ס'איז שוין ווידער עפּעס געשען. ווען זי האָט זיך נאָר באַוויזן אויף דער שוועל, איז דער רבּי אויפגעשפּרונגען פון דער שטול און געלאָפן איר אַנטקעגן:

—אַרירה! וואָס האָסטו דאָ צו טאָן?—האָט ער זיך צעשריגן.

—ווילסט מיך אפשר פאַרטרייבן פון שטוב?

—טאַקע אַזוי, כ'וועל דיך פאַרטרייבן פון דער וועלט.

—איך וועל דיך אַריינטרייבן אין דרערד אַריין און דו וועסט מיך פון שטוב נישט פאַרטרייבן. אַזוי וועט עס נישט בלייבן! וואָס האַלסטו זיך אַזוי גרויס וואָס? באשר דער עושר אחירע האָט ביי דיר אָנגעדונגען זיין ברודערס זונדל ביזטו גרויס געוואָרן ביי זיך און ווילסט מיך אַרויסטרייבן? אַזוי וועט עס נישט זיין! איך וועל שרייען אין אַלע גאַסן און ערלעכע

מענטשן ווע̄לן משפטן צווישן אונז. דו ווע̄סט מיך נישט פֿאַר־טרייבן! ניין! ס'וועט אַזוי נישט זיין!

און דאָס אָפּשרייענדיק האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף איר אָרט.

ס'איז געווען די צייט צו עסן אָנבייסן; אַלע יונגלעך האָבן זיך געאיילט צו לויפן יעדער אַהיים, ווי אַרעסטירטע, וואָס מען לאָזט זיי אַרויס פֿון תּפֿיסה. אויך דער רבי איז אַרויסגעגאַנגען נאָך זיי, און איך בין געבליבן אינעווייניק נישט ווי̇סנדיק וואָס צו טאָן.

אַז די רביצין האָט דערזען אַז נאָר איך מיט איר זונען אין שטוב געבליבן, איז זי צו צו מיר, אַרויסגעגלאָצט אויף מיר ווילדע אויגן און געזאָגט:

—דו, וואָס ביזטו דאָ געבליבן? פֿאַרוואָס גייסטו אויך נישט צום טייוול? ווילדע בריאה! צוליב דיר וועט מיך מיין מאַן ווע̄לן פֿאַרטרייבן פֿון שטוב, ס'וועט אָבער אַזוי נישט זיין! איך וועל זיך מיט דיר אָפּרעכענען.

אַזוי רעדנדיק האָט זי זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן, און זעענדיק אַז קיינער איז נישטאָ, האָט זי מיך מיטביידע הענט אָנגעכאַפּט ביים קאַרק. טויט־שרעק איז מיך באַפֿאַלן. כ'האָב געמיינט, אַז איך בין שוין אַ פֿאַרפֿאַלענער, אָבער פּלוצלינג האָט זיך געעפֿנט די טיר און דער רבי איז אַריינגעלאָפֿן אין שטוב אַריין, האָט זיך געוואָרפֿן אויף איר און מיט ביידע הענט זי גענומען שטיקן דעם האַלז.

—גיי אַהיים—האָט ער געזאָגט צו מיר, האָט שטאַרק געסאָפּעט און נישט צוגענומען די הענט פֿון ווייבס האַלז. זי האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער באָרד און געטופּעט מיט די פֿיס מיט אַלע כּחות.

כ'בין באַלד אַרויס פֿון שטוב און געלאָפֿן מיט אַלע כּחות אין איין אָטעם, ביז איך האָב זיך אויסגעגליטשט און בין געפֿאַלן, האָב זיך אויסגעצויגן ווי גרויס איך בין און האָב זיך צעבליט די נאָז. דערזעענדיק בלוט בין איך זער דערשראָקן געוואָרן, מיינענדיק אָט שטאַרב איך, מיט אונטערגעבראָכענע

פיס אין אַ האַרץ פול מיט שרעק בין איך אַהיימגעקומען און אָנגעטראָפן מיין מומע און זי האָט זיך אויף מיר צעשריגן:

—דו לאָבוס! מיט לאָבוסעס האָסטו זיך געשלאָגן און זיי האָבן דיך צעקלאַפּט, וואַרט אַ ווײַלע, איך וועל אַריבערגיין צו דיין רבין און וועל אים הייסן ער זאָל דיר באַצאָלן.

אַ דערציטערטער בין איך געוואָרן, וואָרום איך האָב מורא געהאַט צו גיין אין חדר אַריין צוליב דער רבּיצין און ווי וועט נאָך זיין, אַז אויך דער רבי וועט צו מיר שלעכט ווערן.

אַ לאַנגע צייט בין איך געשטאַנען אַ דערשלאָגענער אויף מיין אָרט און געמיינט אַז מיין מומע שטייט נאָך נעבן מיר, אָבער אַז איך האָב דערזען, אַז זי שטייט שוין נישט נעבן מיר, האָב איך זיך אָנגעהויבן באַטראַכטן צי זאָל איך אַריין אין שטוב צי נישט.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, אַז איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן נישט צו גיין מיט פאַרמאַכטע אויגן נאָך דעם וואָס פירט מיך... דאָס איז געווען דער ערשטער שריט וואָס איך האָב געמאַכט אויף דער שוועל פון דער גרויסער וועלט.

כ׳האָב זיך באַטראַכט און ביי מיר איז געבליבן צוריקצוקערן צום אַלטן, וואָס האָט מיך ביז אַהער דערצויגן. האָב איך נישט געמאַכט קיין שהיות און גלייך אַוועק אַהין. דער אַלטער האָט זיך מיט מיר זער דערפרייט, וואָרום ער האָט געמיינט, אַז דאָס האָב איך געטאָן מיט דער ערלויבעניש פון מיין פעטער. אָבער אויסהערנדיק פון מיר, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט, האָט ער געזאָגט צו מיר:

—האָסט נישט גוט געטאָן, קינד מיינס, צו קומען צו מיר נישט פרעגנדיק דעם פעטער דיינעם. און וואָס וועט זיין אַז ער וועט מיך שולדיק מאַכן און וועט זאָגן, אַז דאָס האָב איך דיך אָנגערעדט צו אַנטלויפן? דעריבער פאָלג מיך און גיי צוריק צום פעטער און דערצייל אים אַלץ, וואָס מיט דיר האָט פּאַסירט און ער וועט דיר העלפן.

דער אַלטער האָט גערעדט מיט אַ געבראָכן האַרץ און איך האָב נישט געקאָנט אים נישט פאָלגן. בין איך מיט גרויס

ווייטאָק צוריקגעגאַנגען. אויפֿן וועג האָט מיך געטראָפֿן דער פֿעטער און געפֿרעגט:

—פֿון וואַנען גייסטו עס?

זאָגן ליגן בין איך נישט געוואוינט געווען, בפֿרט נאָך אַז ביסלעכווייז בין איך צו אים צוגעוואוינט געוואָרן, אַז נאָר ער רעדט צו מיר מיט גוטן. דעריבער האָב איך פֿאַר אים אויסדערציילט מײַן גאַנץ האַרץ און ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געביסן די אייבערשטע ליפּ. דאָס דערזעענדיק בין איך דערשראָקן געוואָרן. האָב איך שוין אויפֿגעהערט צו רעדן כּדי אים נישט אײַנגאַנצן אַרײַנצוברענגען אין כּעס.

—וואָס זשע ביזטו שטיל געוואָרן און ענדיגסט נישט?

—וואָרום איך זע אַז אײַך פֿאַרדריסט.

—נישט אויף דיר, קינד מײַנס, פֿאַרדריסט מיך. נאָר מיך פֿאַרדריסט אויף די, וואָס פּײַניקן דיך. נאָר באַרואיק זיך, פֿון הײַנט אָן און ווײַטער וועט דיך קיינער נישט אָנרירן.

ער האָט מיך אָנגענומען בײַ דער האַנט און אַהיים געפֿירט.

עטלעכע טעג איז מיר גרינגער געוואָרן. צום ערשטן מלמד האָט מען מיך שוין נישט געשיקט, וואָרום מײַן פֿעטער האָט צוגענומען אַ לערער צו זײַנע קינדער און איך האָב צו־זאַמען מיט זיי געלערנט. אויך מײַן מומע האָט שוין נישט געלײַזרמט אויף מיר ווי פֿריער, וואָרוט דער פֿעטער איז דעם גאַנצן טאָג געווען אין שטוב. אָבער אויך די רואיקע טעג האָבן לאַנג נישט געדויערט און ס'זענען געקומען פֿרישע צרות: מײַן פֿעטער האָט ווידער פֿאַרלאָזט די שטוב און אַוועקגעפֿאָרן צו־ליב זײַנע מסחרים, וואָס זענען געוואַקסן פֿון טאָג צו טאָג. און נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל זיך מיט מיר פֿירן ווי מיט די אייגענע קינדער, האָט די מומע מיך געפּײַניקט און דערצערנט. אויך די משרתים פֿון שטוב האָבן פֿון מיר חוזק געמאַכט און מיך געטשעפּעט, האָבן מיך שטענדיק גערופֿן ווילדע בריאה, כּדי צו געפֿעלן דער בעל

הביתטע. און ס'איז געקומען אַזוי ווייט, אַז איך האָב שוין נישט געקאָנט בלייבן ביי מיין פעטער אין הויז.

—ווי געשריגן!—האָב איך זיך געטראַכט—נאָך וואָס האָט מיך מיין פעטער אַוועקגענומען פון הויז וואו איך האָב געלעבט אין פאַרגעניגן כדי איך זאָל געפייניקט און געיאָגט ווערן נישט האָבנדיק ווער עס זאָל מיר העלפן און טרייסטן?

דאָס עלטסטע יונגל דער פעטערס, האָט זיך אין אָנפאַנג מיט מיר געחברט, אָבער זיין מוטער האָט אים פאַרזאָגט, אַז ער זאָל זיך מיט מיר נישט חברן, ווייל עס פאַסט נישט פאַר אַ רייך קינד זיך אַרומצופירן מיט אַ קבצניש קינד, וואָס מען האָט פון רחמנות וועגן אַריינגענומען אין שטוב אַריין.

דער לערער, כאָטש ער איז געווען גוט צו מיר און האָט מיך געלויבט: וואָרום לויט זיינע רייד, האָט ער נאָך נישט געזען אַ קינד זאָל אַזוי גוט פאַרנעמען און פאַרשטיין ווי איך אָבער אויך ער האָט מורא געהאַט פאַר מיין מומען, און זי האָט שוין אויסגעפונען אַלע ווייִלע צו וואָס זיך צוצוטשעפען און אויסלאָזן איר כעס צו מיר. דעריבער האָב איך ביי זיך באַשלאָסן ווידעראַמאָל צוריקצוקערן צום אַלטן, וואָרום איך האָב געטראַכט, אַז איצט וועט ער מיך אַריינגעמען אין שטוב, ווייל מיין פעטער איז אינדערהיים נישטאָ. ווען מיין פעטער וועט אַהיימקומען וועל איך צוריקגיין. אָבער ווי ערשטוינט בין איך געוואָרן קומענדיק צום הויז פון אַלטן: אָנשטאָט אים האָב איך דאָרט געטראָפן עפּעס נייע מענטשן.

—וואו איז דער אַלטער?—האָב איך זיי געפרעגט.

—וואָס פאַר אַן אַלטן זוכסטו דאָ?—האָט מיך איינער גע-פרעגט.

—משהן, דבורהס מאַן, דעם מלמד.

—ער איז שוין לאַנג אַוועקגעפאָרן קיין ארץ-ישראל.

—זאָגט מיר דעם אמת—האָב איך זיך ביי זיי געבעטן—ער איז געשטאָרבן?

—פון וואַנען פאַלט דיר עפּעס איין, אַז ער איז גע-

שטאָרבן? מען האָט דאָך דיר געזאָגט, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל.

—איך ווייס, אַז איר נאַרט מיך אָפּ, אַז מיין מאַמע איז געשטאָרבן, האָט מען מיר אויך געזאָגט אַז זי איז אַוועקגע־פאָרן אין אַ וויים לאַנד אריין.

—אוי, דו נאַר.—האָט איינער געענטפערט—נאָך וואָס זאָל איך דיך אָפּנאַרן? ווען ער וואָלט געשטאָרבן, וואָלט איך עס גאָרנישט פאַרלייקנט פון דיר, אָבער ער לעבט, פרעג דיין פע־טער וועט ער דיר זאָגן, וואָרום ער אַליין האָט אים געגעבן געלד כדי ער זאָל אַוועקפאָרן קיין ארץ ישראל.

—אויב אַזוי, איז ער טאַקע באמת אַוועקגעפאָרן—האָב איך טרויריק געזאָגט—זאָגט זשע מיר דעם וועג און איך וועל אויך אַהין אַוועק, וואָרום צוריק צו מיין פעטער וויל איך נישט גיין.

די מענטשן האָבן זיך צעלאַכט.

—פאַרוואָס ווילסטו נישט צוריקגיין צו דיין פעטער? ס'איז דאָך בעסער צו וואוינען דאָרט אין די רייכע פאַלייען איידער ביי משה מלמד, וואָס האָט .קוים אַ שטיקל ברויט צו עסן—האָט מיך געפרעגט אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק, אַ יונגערמאַן אַ שיינער נאָר אַ טרויער האָט געשוועבט אויף זיין פנים.

—וואָרום מיין מומע איז זער שלעכט צו מיר.—האָב איך געענטפערט.

—די דאָזיקע מרשעת האָט צוגערויבט זיין טאַטענס פאַר־מעגן און אים מקצר ימים געווען און אַצינד וויל זי אפילו זיין קינד נישט געבן גאָרנישט פון גאַנצן גוטס, וואָס קער צו אים. אָך, ווען איך קאָן...

—האַלט דאָס מויל!—האָט צו אים אַ געשריי געטאָן דער מיט וועלכן איך האָב פריער גערעדט.—דער הייליקער צדיק האָט דאָך איר געגעבן גערעכט און ווער וועט זי באַשולדיקן? צי ווייסטו בעסער פון צדיק? אויב דו ווערסט בלייבן אָן ברויט, וועל איך גאָרנישט שולדיק זיין, ווייל דו אַליין ביזט זיך שולדיק,

דער יונגערמאַן איז שטיל געבליבן און שוין מער נישט גערעדט קיין וואָרט.

—כ׳בעט אייך, זאָגט מיר וואו געפינט זיך דער אַלטער מלמד און איך וועל גיין צו אים.—האָב איך זיך געבעטן.

—גיי אַהיים בעסער, ווארום ס׳איז זער ווייט אַהין—האָט דער ערטער געענטפערט און מיטן פינגער מיר אָנגעוויזן איך אַל אַרויסגיין.

## א נייער גואל.

א שטאַרק צערודערטער בין איך אַרויס פון שטוב. איך בין נישט ווייט אָפּגעגאַנגען און פּלוצלינג האָב איך דערהערט אַ שטים רופט מיך ביים נאָמען. כ'האָב זיך אויסגעדרייט און דערזען אַ בחורל פון אַ יאָר אַכצען, וועמען איך האָב אַ סך מאָל געזען אין שול ביים דאַווענען, נאָר ביים נאָמען האָב איך אים נישט געקענט, ווינקט צו מיר מיט דער האַנט און רופט מיך.

—דו ווילסט גיין צום אַלטן משה מלמד?—האָט ער מיך געפרעגט ווען איך בין צוגעגאַנגען צו אים.

—מיטן גאַנצן האַרצן וויל איך—האָב איך אים געענט-פערט—אָבער די מענטשן האָבן מיר געזאָגט, אַז ס'איז זער ווייט צו אים.

—זיי האָבן אָפּגענאַרט, זיי האָבן אומישנע אַזוי געזאָגט, כדי דיך אָפּצושרעקן, וואָרום אויך זיי זענען איין האַנט מיט דיין מומען דיך צו פייניקן. איך וועל דיך פירן און ברענגען צום אַלטן מלמד אויב נאָר דו האָסט געלט ביי זיך.

—כ׳האָב, כ׳האָב געלט—האָב איך געענטפערט מיט פרייד—איידער מיין פעטער איז אַוועקגעפאָרן, האָט ער מיר געלאָזט געלט.

—ווייז מיר נאָר, וויפיל האָסטו?

איך האָב אים געוויזן וויפיל איך פאַרמאָג, נאָר ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט:

—ווייניק! דאָס געלט וועט נישט גענוג זיין פאַר אונז. אפשר קאָנסטו באַקומען נאָך געלט, בין איך דעמאָלט גרייט צו פירן דיך אַהין וואו דו ווילסט.

—אָבער וואו זאָל איך נעמען געלט?—האָב איך געפרעגט אָן חשק זעענדיק, אַז פון מיין האָפנונג פּטור צו ווערן פון מיין פעטערס הויז האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט.

—גיי אַהיים און נעם צו דאָרט, וואָס נאָר דו וועסט קאָנען, דעמאָלט וועסטו זיך קאָנען לאָזן אין וועג אַריין.

—אָבער איך וויל נישט צוריקגיין צו מיין פעטער.

—אויב דו ווילסט נישט צוריקגיין אויף צו זיין דאָרט אַ פּאָר מינוט, וועסטו דאָרט מוזן בלייבן אויף אייביק. וואָרום איך קאָן דיר גאָרנישט טאָן אָן געלט.

—אָבער ווי אַזוי וועל איך דאָרט קאָנען עפּעס נעמען, מיין מומע וועט מיד דאָך כאַפּן און וועט מיך שטאַרק שלאָגן, ווי מיין פעטער האָט געשלאָגן דעם מלמד, וואָס האָט צוגע-גנבעט דאָס זילבער, און פאַר קלעפּ האָב איך זער מורא.

—האָב נישט קיין מורא, ס׳וועט דיר גאָרנישט זיין. גיי אַהיים און איך וועל שוין געפינען אַ פּאָרטל אַריינצוקומען צו דיר און וועל דיך שיין לערנען, וואָס דו האָסט צו טאָן.

—כ׳קאָן דאָס נישט טאָן. איך האָב מורא.

—ביזט אַ משוגן יונגל!—האָט ער בייז אויסגערופן—איך האָב דיך געוואָלט אַרויסראַטעווען פון אומגליק, און דו ווילסט נאָך, אַז איך זאָל דיר געבן געלט צו קויפן עסן אויפן וועג און באַצאָלן דעם בעל עגלה, וואָס וועט אונז אַהין ברענגען.

און ער האָט זיך אויסגעדרייט צום אַוועקגיין.

—איך וועל טאָן ווי דו הייסט מיך, נאָר פאַרלאָז מיך

בישט—האָב איך אויסגערופן מיט אַ געבראָכן האַרץ.

—אויב דו וועסט אַזוי טאָן, גיב איך דיר מיין האַנט אַז דיר וועט גוט זיין.

איך האָב זיך געלאָזט מיט פלינקע טריט לויפן אַהיים, וואָרום די האָפנונג צו זען אין גיכן דעם אַלטן האָט מיך גע־שטאַרקט. כ׳בין אַריינגעקומען צו מיר אין צימער, און נאָר אַ פּאָר מינוט זענען דורך, האָט זיך די טיר געעפנט און דער בחור׳ל איז אַריינגעקומען. מיט איין אויגנבליק האָט ער געזען אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אין צימער און מיט פלינקע הענט האָט ער צוגענומען דאָס גאָלדענע זייגערל, וואָס איז געלעגן אויפן טיש אויך אַנדערע זילבערנע קליינע חפצים, האָט עס באַהאַלטן ביי מיר אין קעשענע און געזאָגט:

—קום, לאָמיר גיין, עס איז נישטאָ קיין צייט צו באַל־מיטשען.

כאָטש איך בין זער דערשראָקן געוואָרן פון דעם, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, פונדעסטוועגן האָב איך געאיילט אַרויסצו־גיין מיט אים. ער האָט זיך זער געאיילט און געלאָפן, איך—נאָך אים, ביז מיר זענען אַרויס פון דער שטאָט. אַז איך האָב דערזען, אַז עס זענען שוין נישטאָ קיין הייזער נאָר פעלדער מיט תבואה אויף רעכטס און לינקס פון וועג, האָב איך זיך איינגעשטעלט צו קוקן הינטער זיך, וואָרום ביז אַהער האָב איך אַלץ מורא געהאַט, טאָמער דערזע איך מיין מומען מיך באָכיאָגן. דעם גאַנצן וועג האָט ער מיט מיר גאָרנישט גערעדט, נאָר ווען מיר זענען שוין געווען ווייט אַוועק, האָט ער געזאָגט צו מיר:

—איצט גיב דאס געלט מיט די חפצים.

איך האָב אים געגעבן, וואָס ער האָט געבעטן, ער האָט עס באַהאַלטן ביי זיך און מיר זענען געגאַנגען ווייטער.

איך וויס נישט ווי לאַנג מיר זענען געגאַנגען, נאָר דאָס האָב איך געזען, אַז דער טאָג גייט שוין אויס און מיינע פיס זענען שוין מיד געווען, דעריבער האָב איך געפרעגט:

—ס׳איז נאָך ווייט צו גיין?

ער האָט מיר גאָרנישט געענטפערט, נאָר האָט עפּעס גע-
בּומען זוכן בּיי זיך. געזוכט און געזוכט און פּלוצלינג אויסגע-
שריגן:

—כ׳האָבּ פאַרלוירן דאָס געלט, קום גיך צוריק און לאָ-
מיר עס זוכן.

—אָבּער איך האָבּ שוין נישט קיין כּח צוריקצוגיין, כ׳האָבּ
אויך מורא צוריקצוגיין.

—אויבּ אַזוי, זעץ דיך אַנידער דאָ אָפּרוען און איך וועל
אַליין לויפן און וועל בּאַלד צוריקקומען.

—כ׳האבּ זיך אַוועקגעזעצט אונטערן בּוים און ער איז
צוריקגעגאַנגען מיט דעם וועג, מיט וועלכן מיר זענען אַהער
געקומען, איז אַוועק אַזוי ווייט בּיז איך האָבּ אים פאַרלוירן
פון אויג. אַזוי בּין איך געזעסן און געוואַרט אַ לאַנגע צייט,
ער איז אַהער נישט צוריקגעקומען. דעמאָלט האָבּ איך זיך בּי-
טער צעוויינט—און נישט דערפאַר, וואָס מיר האָט בּאַנג גע-
טאָן אויף דעם, וואָס איך האָבּ פאַרלאָזט אַ היים בּיים פעטער
צו וואַנדערן אין אַ פרעמד לאַנד אַריין האָט מיר ווי געטאָן
דאָס האַרץ, נאָר—ווייל איך האָבּ מורא געהאַט צו זיצן איינער
אַליין אויפן וועג.

עס איז דורכגעפאָרן אַ פויער מיט אַ פור האָלץ, האָט
ער זיך אָפּגעשטעלט און האָט מיך עפּעס געפרעגט, אבער איך
האָבּ אים נישט געענטפערט נישט פאַרשטייענדיק זיין שפּראַך,
איך האָבּ אויך מורא געהאַט ער זאָל מיך נישט דערהרגענען...
דער פויער האָט נאָך עפּעס גערעדט און זעענדיק, אַז איך
ענטפער נישט, איז ער זיך אַוועק זיין וועג.

די זון איז פאַרגאַנגען. די בּלוט-רויטע שטראַלן האָבּן
שוין נישט געקאָנט מער מלחמה האַלטן מיט די נאַכטשאָטנס,
וואָס זענען געוואַקסן מיט יעדער ווײַלע און האָבּן לסוף זיך
אויסגעשפּרייט אומעטום. אַ פּאָר מינוט האָבּ איך פאַרגעסן מיינע
צרות, וואָרום איך האָבּ זיך פאַרקוקט אויף מיין אייגענעם
שאָטן, וואָס האט געהאַלטן אין איין וואַקסן, בּיז ער איז זער
גרויס געוואָרן און פאַרשוואונדן. דעמאָלט האָבּ איך זיך צוריק

דערמאַנט אין מיין אומגליק, בין איך אַזוי געזעסן און געוויינט אַ לאַנגע צייט און זיך געשראָקן פאַר שדים, פאַר באַשעפענישן וואָס באַוויי׳זן זיך ביינאַכט. פון אַ בלעטל, וואָס האָט אַ פלאַטער געטאָן—האָבן זיך די האָר מיינע אויפגעשטעלט פון שרעק, דערזעענדיק אַ טרוקענעם בוים—האָט עס מיך גענומען טרייסלען פון פחד. אַזוי בין איך געזעסן ביז אַ שלאָף איז מיך באַפאַלן און איך בין איינגעשלאָפן. שלעכטע חלומות האָבן מיך גע-שראָקן. אין חלום האָט מען מיך געוואָלט הרגענען און אַראָפ-וואַרפן פון אַ הויכן באַרג, האָב איך זיך שטאַרק צעשריגן און זיך אויפגעכאַפט. אַז איך האָב געעפנט די אויגן—האָט מיך ווידער אָנגעכאַפט אַ ציטערניש — דערזעענדיק אַ גאַנצע חברה מענער, ווייבער און קינדער רינגלען מיך אַרום און אַ טייל האַלטן שטורקאַצן אין די הענט. צו מיר איז צוגעגאַנגען אַן אַלטער מאַן און געזאָגט:

—שרעק דיך נישט, קינד מיינס, זאָג, ווער האט דיך אַהער געבראַכט?

—כ׳ווייס נישט—האָב איך אים געענטפערט אין גרויס צעטומלעניש.

—וואָס הייסט, דו ווייסט נישט? זאָג, האָב קיין מורא נישט, מיר זענען אָרנטלעכע מענטשן—האָט דער אַלטער ווייך גערעדט.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום, אַז איך בין צו-זיך געקומען, האָב איך זיי דערציילט אַלץ, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט. אַלע האָבן געלאַכט און געשפּעט פון דעם, וואָס איך האב זיך באַ-נאַרישט, נאָר דער אַלטער אַליין האָט פון מיר נישט געלאַכט, וואָרום ער האט אויף מיר רחמנות געהאַט און האָט מיך ווי-דער געפרעגט:

—ווי הייסטו, קינד מיינס?

—אַמאָל האָט מען מיך גערופן יוסף, נאָר איצט רופט מען מיך „ווילדע בריאה״.

אַלע האָבן אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געלעכטער און דער אַלטער האָט גערעדט צו מיר מיט רחמנות:

--זאָג, יוסף, ווילסט גיין מיט אונז? אויב דו וועסט מיט אונז מיטגיין, וועסטו האָבן צו עסן און וועסט פאַר קיינעם נישט דאַרפן מורא האָבן.

ווען ער האָט גערעדט צו מיר, איז דערווייל צו מיר צוגעגאַנגען איינע אַ פרוי און האָט מיך באַטאַפּט פון קאָפּ ביז די פיס און געזאָגט:

—אַ שאָד, וואָס ער האָט נישט קיין שום פעלער אין זיך: ווען ער וואָלט געווען אַ בלינדער אָדער אַ הינקענדיקער, וואָלט איך אים גענומען צו זיך און געהאַלטן ווי אַן אייגן קינד! וואָלט איך מיט אים געקאָנט אַרומגיין אין די הייזער און מאַכן געלט. אָבער אַזוי—אַז ער איז אָן אַ מום טויג ער נישט צו גאָרנישט און עס וואָלט געווען צום בעסטן אים אָפּצופירן צו זיין מומען, אפשר וועט זי אונז באַצאָלן פאר איר שאָדן, וואָס מיר וועלן איר אומקערן.

—אוי, איך בעט אייך, פירט מיך נישט אַהין—האָב איך זיך געבעטן—דערהרגעט מיך בעסער איידער איר זאָלט מיך פירן צו דער מומען.

—האָב נישט קיין מורא, קינד מיינס, דו וועסט זיין מיט מיר—האָט דער אַלטער געענטפערט—און וועסט ביי מיר זיין ווי אַן אייגן קינד.

—גוט. כ׳וועל גיין מיט אייך.—האָב איך אויסגערופן מיט פרייד און אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט.

די גאַנצע האַפּטע אָרימעלייט האָבן זיך אַריינגעזעצט אין די פורן און געפאָרן ווייטער און איך צווישן זיי. אַרום האַלבע נאַכט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ לאָנקע אָפּצורוען און אָנפּאַשען די פערד. די ווייבער האָבן צעלייגט אַ פייער און אַוועקגעשטעלט קאָכן אַ גרויסן קעסל מיט פלייש און ירקות. די קינדער האָבן געטאַנצט אַרום פלאַקער און די מענער האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד און געשמועסט צווישן זיך. דער אַלטער האָט מיך אַוועקגענומען אָן אַ זייט און געזאָגט:

—איך וועל האַלטן וואָרט און וועל דיך דערציען ווי אַן אייגן קינד, נאָר דו זאָלסט אויך פאָלגן אַלץ וואָס איך וועל

דיך הייסן. זאָלסט זיך היטן און נישט זיין קיין לאָבוס ווי עס זענען די דאָזיקע קינדער, וואָס קאָנען גנבעגען און כּלערליי פאַלשקייטן, דערפאַר האָב איך זיי פיינט בתּכלית השנאה. דיך האָב איך ליב ווייל דו ביזט נאָך נישט פאַרדאָרבן, דעריבער זע, היט זיך זאָלסט נישט קאַליע ווערן.

—אַזוי גרויס איז די זינד פון גנבענען, אַז איר האָט זיי פיינט דערפאַר?—האָב איך נאַאיוו געפרעגט.

—גנבענען—דאָס איז די געמיינסט זאַך. דורך גנבענען ווערט אַ מענטש פאַרדאָרבן. צום ערשטן גנבעט ער יענעמס געלט, און ביסלעכווייז לערנט ער זיך אויס גאָרנישט צו טאָן. און אויב עס פעלט אים עפּעס—קאָן ער אויך יענעם הרגענען אַבי צו נעמען ביי אים דאָס, וואָס ער דאַרף. נעם זיך אַראָפּ אַ מוסר פון דעם בחורל, וואָס האָט דיך אַליין פאַרפירט: צום ערשטן האָט ער געגנבעט און דיך אָנגערעדט צו גנבענען. דער-נאָך האָט ער דיך געלאָזט אַליין אויפן פעלד דו זאָלסט אויס-גיין פון הונגער. דעריבער געדענק, גיי נישט אין זייערע דרכים. דו וועסט מיט מיר אומעטום גיין. איך וועל זיין דער בלינדער און דו—וועסט מיך פירן.

—איר זענט דאָך זעעוודיק, נאָך וואָס זשע זאָלט איר זיך מאַכן בלינד?

—דאָס קאָנסטו נאָך נישט פאַרשטיין, אפילו אַז איך זאָל עס דיר דערקלערן. דעריבער בעט איך דיך איינס: דו טו ווי איך הייס דיך און פרעג נישט. און מיר וועלן ביידע זאַט זיין.

—כ׳בין גרייט צו טאָן ווי איר וועט הייסן.

מיר זענען צוריקגעקומען צו דער האָטע און זיך געזעצט עסן. מיט גרויס אַפּעטיט האָב איך געגעסן. נאָכן עסן האָב איך זיך געלייגט, אַנטשלאָפן געוואָרן און זער געשמאַק גע-שלאָפן. אינדערפרי האָט מיך דער אַלטער אויפגעוועקט. אַז איך האָב געעפנט די אויגן, האָט איך געזען די גאַנצע עדה זיצט אויף דער ערד און יעדער טוט זיין אַרבעט: איינער מאַכט זיך וואונדן אויפן פוס, אַ צווייטער פאַרבינדט זיך אַ געזונט אויג, אַ דריטער פאַרלייגט זיך אַ האַנט אויף אַ טיכל וואָס הענגט אים

אויפן האַלז, אַ פּערטער, וואָס איז מיט אַ מינוט צוריק געלאָפן ווי אַ פערד, גייט שוין מיט אַ קילע, און אַזוי אַלע. יעדער האָט זיך גענומען עפּעס אַ נגע. איך בין צוגעגאַנגען צום אַלטן און אים געפרעגט נאָך וואָס מען טוט דאָס.

—דאָס אַלץ טוט מען פאַר געלט—האָט ער מיר געענט־פערט—זיי פאַרדאַרבן זייער געשטאַלט כדי צו דערוועקן רחמנות ביי גוטהערציקע מענטשן, וואָרום ווער וועט אויף זיי רחמנות האָבן אויב זיי וועלן נישט אויסזען ווי קאַליקעס און אומגליק־לעכע?

—אָבער, צי לוינט זיך צוליב געלט צו מאַכן פון זיך אַ קאַליקע?

—אוי, דו באַריש יונגל. נישט נאָר דעם גוף, נאָר אויך די נשמות פאַרדאַרבן זיי זיך, און טאַקע נאָר די נשמות, נישט די קערפּערס; וואָרום פאַרנאַכט, אַז זיי קומען אַהיים, ווערן זיי באַלד אויסגעהיילט, גייען מיט די פיס און רירן מיט די הענט.

—און זעען אויך מיט די אויגן און אויך דו אַלטער ביזט דער זעלבער—האָב איך זיך געטראַכט אין האַרצן, נאָר געזאָגט האָב איך עס נישט, וואָרום איך האָב מורא געהאַט ער זאָל נישט בייז ווערן אויף מיר.

אַז מיר זענען אָנגעקומען אין שטאָט, זענען מיר פאַר־פאָרן אין אַ גרויס הויז אַריין—אין הקדש. דאָס איז אַן אכסניה פאַר אַלע יודישע אָרימעלייט, וואָס גייען אַרום בעטלען. אונזער גאַנצע חברה האָט זיך צעשיידט איינער פון אַנדערן און אַוועק איבער די הייזער. דער אַלטער האָט פאַרמאַכט די אויגן און געהייסן איך זאָל אים פירן צום רב פון שטאָט. דער רב האָט דעם כלומרשט בלינדן מקרב געווען, וואָרום ער האָט זיך גאָר־נישט געקאָנט אָפּוואונדערן פון זיין גרויסן שכל און לערנען. האָט ער אים געגעבן אַ כתב צו די שיינע שטאָט־בעלי־בתים, און זיי האָבן אים נוהג כבוד געווען, אַ סך האָבן אים געבעטן, ער זאָל בלייבן ביי זיי וואוינען, נאָר ער האָט נישט געוואָלט.

פאַרנאַכט האָבן מיר צורוקגעקערט אין אונזער „גאַסט־הויז", וואו עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַלע וואָס האָבן דאָרט

געוואוינט. דער אַלטער האָט מיך צוגערופן צו זיך, האָט גענו־מען אַ גרויס ספר און האָט גענומען מיט מיר לערנען: אין אָנפאַנג האָב איך גאָרנישט פאַרשטאַנען, נאָר צו ביסלעכווייז האָב איך אָנגעהויבן פאַרשטיין, און פון דעם טאָג אָן האָב איך מיט אים געלערנט אַלע ביינאַכט, און פון טאָג צו טאָג האָב איך דעם אַלטן אַלץ מער ליב באקומען. איך האָב אים אָבער נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָרום לויט ווי ער האָט געזאָגט, געפינט ער זיך צווישן אַ חברה שאַרלאַטאַנעס, און פונדעסט־וועגן וועט ער זיי נישט פאַרלאָזן. אַליין האָט ער געזאָגט, אַז דאָס איז אַ גרויס אָפּנאַרעריי צו פאַרשטעלן זיך פאַר אַ קאַלי־קע, און אַליין האָט ער זיך געמאַכט פאַר אַ בלינדן. צווישן די דאָזיקע אָרימעלייט האָב איך זיך אויסגעלערנט צו טראַכטן. צו הערן און מאַכן זיך נישט הערנדיק: וואָרום אַלע נאַכט, אַז זיי זענען זיך צונויפגעקומען, האָט איינער פאַרן אַנדערן דער־ציילט פון זיינע שטיקלעך און אָפּנאַרעכצן. איינער האָט דער־ציילט, אַז ס'איז אים געלונגען אַרויסצוגנבענען פון קעך אַ שטייסל, דער צווייטער באַרימט זיך, אַז ער האָט באַוויזן אַראָפּצוגנבענען פון טיש זילבערנע זאַכן, און נאָך אַ סך אַזעלכס. אויך אין הקדש האָבן זיי זיך זער געמיין אויפגעפירט. זענען געלעגן צוזאַמען מענער און ווייבער, מיידן און יונגען. דאָ האָט מען געלאַכט און דאָ האָט מען זיך געקלאַפּט. זיי האָבן אויך געגנבעט איינער ביים אַנדערן און די גאַנצע צייט איז דאָרט געשטאַנען אַ מהומה. מען האָט אויך נישט איינמאָל געפרווט מיך לערנען די שיינע מלאכה פון גנבענען און מען האָט מיך צוגערעדט צוצוגנבענען דעם אַלטנס געלט, איך האָב זיי אָבער נישט געוואָלט פאָלגן, און נישט דערפאַר ווייל דער אַלטער האָט דאָס מיך נישט געהייסן, נאָר ווייל איך האָב אים ליב געהאַט און ס'האָט מיר גאָרנישט געפעלט ביי אים.

איצט וואונדער איך זיך אַליין אויף מיין שטאַרקייט, וואָס איך האָב דעמאָלט געקאָנטביישטיין קעגן די עצות פון דער גאַנצער האָפּטע חברהלייט. אָבער דעמאָלט האָב איך גאָרנישט

געטראַכט און נישט צופיל געקלערט. איך האָב דעם אַלטנס געלט נישט געגנבעט.

אַזוי זענען פאַרביי דריי חדשים פון רו און איך האָב נישט געוואוסט פון קיין שום שלעכטס. מיין מומעס געשטאַלט האָב איך שוין נישט געדענקט, די רביצין האָב איך פאַרגעסן און ס'איז מיר גאַנץ גוט געווען.

אָבער אויך די גוטע צייט האָט זיך לאַנג נישט געצויגן, ווייל דער אַלטער איז קראַנק געוואָרן. און דער דאָזיקער קראַנקער האָט מיך אַ סך אויסגעלערנט, וואָרום כאָטש איך האָב זיך נישט אַריינגעלאָזט אין מחשבות, פונדעסטוועגן האָט אויף מיר געמאַכט אַ גרויסן רושם דאָס, וואָס דער אַלטער זיצט איינער אַליין ביינאַכט און גיסט מיט ביטערע טרערן. אַז איך בין אַריינגעקומען, האָט ער זיך אָפּגעווישט די טרערן, ווי ער וואָלט זיך שטאַרק געשעמט פאַר מיר מיט דעם, וואָס ער וויינט.

איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט צוקוקן קיין טרערן. און אויך איצט בין איך צוגעגאַנגען צום אַלטן און געפרעגט ביי אים:

— וואָס איז דיר, פאָטער מיינער, וואָס דו וויינסט?

— ווי, קינד מיינס — האָט ער מיר געענטפערט — מיין סוף קומט.

— אויך מיין מוטער, געדענק איך, האָט ביטער געוויינט פאַרן טויט — האָב איך אים געענטפערט — אָבער איך ווייס נישט פאַרוואָס דאָס איז? זי האָט מיר דאָך אַליין געזאָגט, אַז נאָכן טויט ווערט דער מענטש אויסגעהיילט פון אַלע ווייטאָקן, פאַרוואָס זשע וויינסטו?

— ביזט גערעכט — האָט ער געענטפערט — אָבער איך וויין נישט אויף מיר, נאָר אויף דיר. וואָרום, וואָס וועט פון דיר ווערן אָן מיר? וועסט דאָך אויסגיין פון הונגער!

— איך וועל נישט שטאַרבן פון הונגער — האָב איך געענטפערט מיט זיכערקייט — וואָרום מיט וואָס בין איך ערגער פאַר

שמואלן, חיימן און מאירן? זיי האָבן צו עסן צו דער זעט און איך וועל שטאַרבן פון הונגער?

—זאָל דיך גאָט אָפּהיטן פון אַזאַ ברויט! דו פאָלג מיך און עס וועט דיר גוט זיין: נאָך מיין טויט זאָלסטו גיין צום רב און אים איבערגעבן דעם בריוו, וואָס איך גיב דיר, און ער וועט דיך אַריינגעמען אין ישיבה אַריין און מיט דער צייט וועסטו אויך ווערן אַ רב, אויב דו וועסט זיצן און לערנען מיטן גאַנצן האַרצן.

—איך וועל זיין אַ רב? דו לאַכסט פון מיר? דער רב איז דאָך אַ רייכער און ווי אַזוי וועל איך ווערן אַ רב, אַז איך פאַרמאָג גאָרנישט?

—אַז דו וועסט זיין אַ רב, וועסטו אויך רייך זיין, וואָרום אַ רב גיט מען אַ סך געלט פאַר זיין הבנות.

—אויך געלט גיט מען אים! אַ וואונדער. ווייניק פאַר אים וואָס ער שטייט אין שול אויבנאָן אויף דער מזרח-וואַנט און אַלע גיבן אים אָפּ כבוד, נעמט ער נאָך געלט אויך?! אַך, ס'איז זער גוט צו זיין אַ רב!

אַזוי רעדנדיק האָב איך זיך צעלאַכט הויך אויפן קול, וואָרום איינער פון די אָרימע יונגלעך, וואָס האָט געהאַט אַ שרעקלעך אויסזען, האָט זיך אַגידערגעשטעלט אַנטקעגן מיר און אַרויסגעבלעקעט אַ צונג ווי אַ הונט אין אַ הייסן טאָג.

—וואָס לאַכסטו, קינד מיינס?

—מאיר האָט מיר אַרויסגעשטעלט אַ צונג!

—קוק זיך נישט אום אויף אים און זיינע נאַרישקייטן.

—אַז איך וועל ווערן אַ רב, וועל איך אים אויספּאַטשן. נישט אַזוי? אָבער צי וועל איך טאַקע באמת ווערן אַ רב?

—אודאי וועסטו זיין, אויב נאָר דו וועסט פאַרלאָזן די דאָזיקע שלאַנגען-הייל. און דו היט אָפּ דעם בריוו. איך האָב אויך געשריבן צו איינעם פון מיינע גוטע פריינט, אַז ער זאָל אהער קומען אין צוויי דריי טאָג אַרום און זאָל דיך אַוועקפירן אין ישיבה אַריין אָדער צום רב. אויב אָבער ער וועט נישט קומען, זאָלסטו פאַרגעמען אַלץ וואָס איך פאַרמאָג און

אַוועקגיין צום רב, וועסטו אים געבן דעם בריוו, וועט ער דיך אַריינעמען אין ישיבה.

—כ'וועל אַזוי טאָן.—האָב איך אים געענטפערט רואיק.

פון דעמאָלט אָן איז דער אַלטער נישט אויפגעשטאַנען פון בעט, מיט דריי טעג שפעטער איז ער געשטאָרבן. איך האָב געוויינט נאָך אים—נישט ווייל עס האָט מיך שטאַרק אָנגערירט, נאָר ווייל איך האָב געוואוסט אַז נאָך אַ טויטן וויינט מען. אויך אַ שטאַרקער טרויער האָט מיר דאָס האַרץ צוזאַמענגעקוועטשט און איך האָב אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס. און אפשר דערפאַר, ווייל כ'בין איצט ווידער געבליבן עלנט אויף דער וועלט. איך האָב פאַרנומען דאָס גאַנצע געלט און די בריוו, וואָס זענען געבליבן נאָכן אַלטן—אַזוי ווי ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אויך איינער פון די אָרימעלייט, וואָס איז טאַקע אויף אַן אמת געווען אַ בלינדער, און איז איינער אַליין געבליבן אין הקדש, האָט מיך געלערנט צו נעמען דאָס געלט און אויך די בריוו; וואָרום—אַזוי האָט ער געזאָגט—בריוו זענען אַמאָל טייערער פון געלט. עס קאָן דאָך זיין אַז דאָס זענען נישט קיין בריוו נאָר וועקסלען. עס זענען געקומען די חברה קדישה און האָבן דעם מת געטאָן זיין רעכט און אים אַוועקגעפירט. איך בין געבליבן מיט דעם בלינדן. כ'האָב שוין געוואָלט גיין צום רב, כ'האָב אָבער מורא געהאַט פאַר אים, וואָרום ער האָט געהאַט אַ שרעקלעך אויסזען, אויך דער בלינדער האָט מיך אָפגערעדט, זאָגנדיק: נאָך וואָס זאָלסטו פאַרלאָזן אַ פריי לעבן און זיין ווי אַ געפאַנגענער אין ישיבה? זיץ בעסער דאָ. אין דריי טעג אַרום איז געקומען אַ פרעמדער מענטש אין אונזער הקדש און האָט זיך געפרעגט:

—וורו איז דער אַלטער אברהם?

דער דאָזיקער מענטש איז געווען אַ הויכער און אַ דיקער, פאות און באָרד האָט ער געהאַט לאַנגע און זיינע ברעמען, וואָס זענען געווען זער לאַנגע, זענען געווען רויטע ווי בלוט, האָט געהאַט זער אַ גראָב קול, אָנגעטאָן איז ער געווען ווי עס זענען אָנגעטאָן אַלע יודן אין אונזער קאַנט: אַ קאַפאָטע

לאַנג ביז דער ערד, ווייסע לייוונטענע פלידערן, אַ ברייטן זיי־דענעם גאַרטל אויפן בויך, אויפן קאָפּ אַ שטריימל, זיין האַלז און ברוסט—נאַקעט ווי אין טאָג וואָס די מאַמע האָט אים גע־האַט—וואָרום ס׳איז נישטאָ קיין איינער פון זיי וואָס וויל זיך רעכענען צווישן די ערלעכע לייט, אַז ער זאָל זיך צוקנעפּלען דאָס העמד ביים האַלז—די גראָבע פינגער האָט ער געהאַלטן פאַרשטעקט אונטערן גאַרטל אויפן בויך און די איבריקע פיר פינגער פון יעדער האַנט—אויפן גאַרטל.

ביים ערשטן מאָל פרעגן האָב איך אים נישט געענטפערט, וואָרום איך בין געווען איבערראַשט צו זען ביי אונז אין הקדש אַ מענטש אָנגעטאָן אין גאַנצע מלבושים: ער האָט ביי מיר אויסגעזען ווי אַ שפּיאָן און פאַרשטעלטער פאַר וועלכן איך האָב מורא געהאַט. אָבער ווען ער האָט ווידער געפרעגט:

—צי דאָס ביזטו יוסף, וואָס ביזט געווען ווי אַ קינד ביי דעם אַלטן אברהם? זאָג, האָב קיין מורא נישט, וואָרום איך בין זיינס אַ גוטער פריינט, און ער האָט צו מיר געשיקט אַ בריוו און געבעטן כ׳זאָל אַהער קומען.

דאַן האָב איך מיר דערמאַנט, אַז דער אַלטער האָט מיר טאַקע געזאָגט צוויי טעג פאַר זיין טויט, אַז ער האָט געשריבן אַ בריוו צו איינעם פון זיינע פריינט, און ער וועט קומען אין אַ פּאָר טעג אַרום.

—דאָס בין איך—האָב איך אים געענטפערט אין אַ פּאָר מינוט אַרום.

און וואו איז אברהם?

—ער איז געשטאָרבן!—האָב איך געענטפערט און זיך צע־וויינט. אויך דאָס האָב איך זיך אויסגעלערנט פון די פּראָסטע מענטשן, וועלכע איך האָב געזען וויינען אָדער קרעכצן רעדנ־דיק וועגן אַ געשטאָרבענעם, דעריבער האָב איך אויך אַזוי גע־טאָן און אויפגעהויבן אַ געוויין און שטאַרק געגאָסן מיט טרערן, כאָטש דאָס האַרץ איז מיר גאָר דערביי נישט געווען.

ער איז געשטאָרבן?!—האָט ער אויסגערופן מיט ערשטוי־נונג—ער איז געשטאָרבן און איך האָב אים נישט געקענט זען

פאַרן טויט! ס'טוט מיר זער לייד, ס'טוט מיר לייד אויף דעם טייערן מענטש, וואָס האָט פאַרבראַכט זיינע טעג אין גרויס טרויער און אויך אין זיין לעצטן טאָג איז ער געפירט געוואָרן צו קבורה אָן אַ פריינט און חבר—די לעצטע ווערטער האָט ער גערעדט צו זיך אַליין. דערנאָך האָט ער ווייטער גערעדט צו מיר: דו ווייסט נאָכן טויטן. גוט, דאָס איז אַ סימן אַז דו ביזט אַן אָרנטלעך קינד, דעריבער וועל איך דיך נעמען צו מיר פאַר אַ קינד.

—דער אַלטער אברהם האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז איר וועסט מיך פירן אין ישיבה אָדער צום רב.

—אויך איך בין אַ רב—האָט ער מיר געענטפערט—רוף מיך רבי און מיט מיר וועסטו זיין.

כ'האָב מיט אים קיין סך נישט גערעדט און בין געגאַנ-גען מיט אים.

—און וואו איז דאָס געלט און די כתבים וואָס דער אַל-טער האָט געהאַט?—האָט ער מיך געפרעגט ווען מיר זענען אַרויס אין דרויסן.

אַ פאָר מינוט האָב איך געשוויגן און נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן, וואָרום איך האָב מורא געהאַט אים דעם אמת צו זאָגן, ער זאָל דאָס ביי מיר נישט צונעמען. און נישט פאַר די כתבים האָב איך געציטערט, נאָר פאַרן געלט, וואָרום איך האָב שוין אָנגעהויבן פאַרשטיין דעם ווערט פון דעם.

די כתבים האָב איך ביי זיך, נאָר געלט האָט ער געהאַט זער ווייניק און איך האָב עס צוגענומען—האָב איך אים געענט-פערט נאָכדעם ווי איך האָב זיך באַטראַכט. איך האָב פאַר אים פאַרלייקנט, וואָרום אין אמתן האָט ער געהאַט אַ סך געלט ביי הונדערט רובל און איך האָב עס געטראָגן אויפן האַלז אין אַ לעדערן בייטעלע, ווי דער אַלטער האָט געטאָן.

—האַלט דיר, וואָס דו האָסט.—האָט ער רואיק געזאָגט—איך וויל גאָרנישט וויסן, וויפיל ער האָט דיר איבערגעלאָזט, כ'האָב נאָר מורא געהאַט, טאָמער האָסטו דאָס געלט איבערגע-לאָזט אין הקדש.

די דאָזיקע ווערטער האָבן מיך באַרואיקט און איך האָב מיר געטראַכט: ער איז גאָר אַ גוטער מענטש, אַז ער דאַרף נישט מיין געלט.

איך בין געגאַנגען מיט אים און מיר זענען געקומען אין זיין גאַסטהויז און דאָרט איבערגענעכטיקט. צומאָרגנס האָבן מיר זיך געלאָזט און וועג אַריין מיט זיין פורל, וואָרום ער האָט געהאַט אַ פערד און וועגעלע אין וועלכן ער איז אַרומגעפאָרן האַנדלען אויף דער וועלט: פאַרקויפן פאַר גוט געלט זיין סחורה, וואָס האָט זיך אים קיינמאָל נישט אויסגעלאָזט. דאָס איז: ליגן און נאַרעריי, נאַרישקייטן און שאַנטאַזש.

ז.

## דער בעל שם.

די שטאָט אַשדות, אין וועלכער עס האָט געוואוינט דער מענטש, וואָס האָט מיך צו זיך גענומען—איז אַ גרויסע אייראָפּעאישע האַנדלסשטאָט און ליגט ביים שוואַרצן ים. דאָרט געפינען זיך מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער פון אַלע טיילן וועלט, וואָס וואוינען דאָרט שטענדיק אָדער קומען נאָר אַהין צוליב האַנדל. ס'איז זיך לייכט פאָרצושטעלן אַז אַזאַ גרויסע שטאָט מיט אַזוי פיל איינוואוינער איז שטאַרק ענטוויקלט אין בילדונג, וואָרום דאָרט געפינען זיך אוניווערזיטעטן, טעאַטערן, קאָנטאָרן און האַנדלס-בירזשעס. און פאַרנאַכט שפּאַצירן אַרום אין די פּאַרקן וואָס ליגן ביים ברעג ים, אויסגעפּוצטע מענטשן און רעדן צווישן זיך אויף פאַרשידענע אייראָפּעאישע שפּראַכן, און פונדעסטוועגן וואָס פּאַר אַ מעשים תעתועים עס טוט זיך אָפּ אין דער שטאָט, און די מעשים ווערן אָפּגעטאָן אין יודישן קוואַרטאַל. און זאָל מען נישט מיינען, אַז עס איז דאָרט פאַראַן אַ ספּעציעלע יודישע געטאָ, ניין. אַ סך יודן וואוינען אין דער גאַנצער שטאָט אין שיינע אַריסטאָקראַטישע פּאַלאַצן, נאָר יענע

ען נישט אויס ווי יודן. אָבער די דאָזיקע וואָס זעען אומעטום אויס ווי יודן לויט זייערע קליידער, מנהגים און שפּראַך, די דאָזיקע, וואָס זענען געוואוינט צו רוען אין דער פינצטער, אין מיסט און בלאָטע, די יודן, וואָס זענען געוואוינט צו אָטעמען מיט פאַרדאָרבענע לופט און האָבן נישט ליב קיין ריינקייט—אָט די דאָזיקע באַזעצן זיך אין ענגע פינצטערע געסלעך, און דאָרט איז דער יודישער קוואַרטאַל. און אַהין זענען מיר אָנגעקומען.

דעם גאַנצן וועג האָט מיר דער פרעמדער מענטש דערציילט פון זיין גרויסקייט און הייליקייט און האָט מיר געזאָגט:

—איך בין אַ בעל שם. ווייסטו וואָס אַזוינס עס איז אַ בעל שם?

—כ׳ווייס נישט—האָב איך געענטפערט.

—דו ווייסט נישט, וואָס אַזוינס עס איז אַ בעל שם? אוי דו יונגאַטש! דו האָסט נאָך קיינמאָל נישט געהערט פון די וואונדער און מופתים וואָס די בעלי שם׳ן באַווייזן אַלע טאָג? צי ווייסטו אויך נישט, אַז עס זענען פאַראַן שדים, רוחות און מזקים אויף דער וועלט?

—דאָס האָב איך געהערט פון מיינע חברים: זיי האָבן מיר דערציילט אַ סך שרעקלעכע זאַכן פון נישט-גוטע און שדים, אָבער איך אַליין האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אפילו קיין איין שד.

גאָט זאָל דיך אָפּהיטן זיי צו זען, וואָרום קיין שום מענטש בלייבט נישט קיין לעבעדיקער אַז ער זעט זיי, אויב אַ בעל שם קומט אים נישט צו הילף. וואָרום נאָר אַ בעל שם קאָן זיי באַשווערן זיי זאָלן צוריקגיין אין זייער רו אַריין. דעריבער זאָלסטו נישט פאַרגעסן צו ליינען קריאת שמע אַלע נאַכט און עס וועט דיך קיין שום שלעכטס נישט טרעפן.

—אַלע יודן ליינען דאָך קריאת שמע ביינאַכט, ווי אַזוי זשע געשעהט דאָס, וואָס זיי זען נישט גוטע?—האָב איך געפרעגט.

דערפון איז ער אַ ביסל צעטומלט געוואָרן און נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. דערנאָך האָט ער מיר געזאָגט:

—זאָלסט נישט צופיל פרעגן, וואָרום דאָס קאָן דיר שאַדן; זאָלסט אויך למען השם נישט דערציילן גאָרנישט פון דעם, וואָס דו וועסט ביי מיר זען, וואָרום אויב דו וועסט דערציילן וועסטו דעם טאָג שטאַרבן. דאָס איינע מעגסטו יאָ דערציילן פאַר יעדערן, אַז איך הייל אויס פון אַלע קראַנקהייטן און שלעק, און אויב דו וועסט מיך שטענדיק פאָלגן, וועל איך אויך דיך אויסלערנען צו זיין אַזאַ בעל שם ווי איך בין. וואָרום אַזאַ מענטש ווי איך בין, גייט גוט אויף דער וועלט: אומעטום וואו איך קום—גיט מען מיר אָפּ אַ באַזונדער חדר, אַ בעט און אַ טיש און אַלץ אומזיסט, אָן אַ גראָשן געלט. און אויב איך שפּרעך אָפּ אַן עין הרע פון אַ קינד, וואָס הערט נישט אויף צו וויינען, אָדער איך שרייב אויף אַ קמיע אָדער הייל אויס אַ משוגענעם פון זיין קרענק, באַצאָלט מען מיר גוט דערפאַר. דו וועסט אַליין זען, ווי די וואָס קענען מיך, האַלטן פון מיר. וואָרום טויזנטער זענען שוין דורך מיר אויסגעהיילט געוואָרן פון זייערע קרענק, און ווען איך וואָלט נישט מורא געהאַט, דו זאָלסט זיך נישט איבערשרעקן, וואָלט איך דיר דערציילט וואונדערלעכע זאַכן, וואָלסטו געזען ווי גרויס און שטאַרק איך בין.

—אדרבה, איך האָב זער ליב צו הערן שיינע מעשות—האָב איך געענטפערט.

—נישט קיין מעשות וועל איך דיר דערציילן, נאָר זאַכן, וואָס איך אַליין האָב באַוויזן: איינמאָל איז אין אַ קרעטשמע אויפן וועג געקומען צו מיר די בעל-הביתטע מיט פאַרבראָכענע הענט און אויסגעשריגן מיט אַ שרעקלעך קול: הייליקער רבי, ראַטעוועט מיין קינד פון טויט, איך וועל אייך באַצאָלן וויפיל איר ווילט, וואָרום ער איז ביי מיר איינאונאיינציק.

—וואָס אַזוינס איז דיין קינד?—האָב איך געפרעגט, וואָרום איך בין שוין געווען זיכער, אַז שטאַרבן וועט ער נישט,

אויב איך בין נאָר דאָ אין שטוב, דעריבער האָב איך זיך נישט געאײַלט און געפרעגט וואָס איז אים?

—ווײ דער מאַמען, מײַן קינד ווײַנט שוין אפשר צוויי שעה און קוים וואָס עס לעבט, גאָט אַלײן האָט אײַך אַהער צוגעשיקט, כּדי צו ראַטעווען מײַן קינד. קומט גיכער.

איך בין מיט איר אַרײַן אין חדר וואו דאָס קינד איז געלעגן און ווי נאָר איך האָב מײַן האַנט אַרויפגעלייגט דעם קינד אויפן קעפּל, האָט ער אויפגעהערט ווײַנען און איז רואיק אײַנגעשלאָפן, און די יודענע האָט מיך גאַנץ פײַן באַפרידיקט און מיר נאָך געגעבן מתנות.

אײנער אַ רײַכער יוד האָט צו מיר געשיקט זײַן טאָכטער, וואָס איז משוגע געוועזן שוין זעקס חדשים; איז זי בײַ מיר געוועזן שוין צוויי וואָכן און קײן שום רפואה האָט נישט געהאָלפן—איך מאַך אויך רפואות ווי די דאָקטוירים—דעמאָלט האָב איך באַשוואוירן דעם נישט-גוטן, ער זאָל זיך אָפּטשעפּען פון איר און זי איז באַלד געזונט געוואָרן. טויזנטער זאַכן אַזעלכע האָב איך שוין באַוויזן. און דו וועסט אַלײן זעען, אַז איך קען די זאַכן באַווײַזן, און אויב דו וועסט מיך אַלץ פאָלגן, וועל איך דיך אויך דאָס אַלץ אויסלערנען צו באַווײַזן, און נאָך מײַן טויט—וועסטו איבערנעמען מײַן אָרט.

איך האָב דאָס אַלץ אויסגעהערט, זיך געוואונדערט און געגלויבט.

אַז מיר זענען געקומען קײַן אַשדות און פאַרפאָרן צו אים, האָט ער מיך פאָרגעשטעלט פאַר דער יודענע, וואָס האָט אים באַדינט און האָט איר באַפוילן, זי זאָל זיך צו מיר גוט פאַרהאַלטן און מיר געבן אַלץ, וואָס איך וועל פאַרלאַנגען.

—אָט דאָס הייסט אַ גוטער מענטש—האָב איך געטראַכט און ס'איז בײַ מיר געבליבן איך זאָל אים ליב האָבן.

די דינסט האָט געפאָלגט זײַן באַפעל און האָט מיר גע-געבן צו עסן פון שענסטן און בעסטן, כ'האָב אויך בראָנפן געטרונקען, וואָרום דער בעל שם האָט אַלעמאָל געטרונקען און האָט מיר אויך געגעבן, און צו ביסלעכווייז בין איך אַזוי צו-

געוואוינט געוואָרן צום טרונק, אַז איך האָב שוין געקאָנט אויס-טרינקען אַ גאַנצע גלאָז בראָנפן מיט איין מאָל. אַלע טאָג בין איך אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן און מאַרק און פאַרברענגט מיט קינדער לאָבוסעס. געלט האָב איך ביי זיך געהאַט גענוג, דער בעל שם האָט מיר אַלע טאָג געגעבן אַ מטבע און געזאָגט דערביי: זאָלסט נישט רירן פון געלט, וואָס דיר איז געבליבן פון אַלטן, נאָר זאָלסט עס באַהאַלטן אויף שפּעטערע צייטן. אויך די וואָס זענען געקומען צום בעל שם, האָבן מיר אויך איבערגעלאָזט געלט און ס'האָט מיר גאָרנישט געפעלט. געלערנט האָב איך נישט. כ'בין נאָר געוועזן פאַרנומען מיט די גאַסנלאָ־בוסעס און זיך אויסגעלערנט זייערע דרכים: זאָגן ליגן, אָפּנאַרן און שווערן פאַלש.

מיין לערער און רבי האָט זיך אַלע טאָג פאַרדינט אַ סך געלט. און כאָטש קיין איינער פון טויזנט קראַנקע, וואָס זענען צו אים געקומען איז נישט אויסגעהיילט געוואָרן, פונדעסטוועגן האָט עס גאָרנישט געשאַדט זיין נאָמען, ווארום אין אַזאַ גרוי־סער שטאָט ווי אַשדות געפינען זיך געגוג נאַראָנים, וואָס גלייבן אַלע נאַרישקייטן. פאַר מיר אָבער איז קלאָר געוואָרן, אַז ער נאַרט אָפּ, וואָרום די קינדער מיט וועלכע איך האָב זיך גע־חברט האָבן מיך אויסגעלערנט צו אָפּנאַרן און אַז איך האָב דאָס אָנגעהויבן קענען—האָב איך אָנגעהויבן פאַרשטיין אויך די אָפּנאַרערייען פון אַנדערע. האָב איך מיין בעל מופת געגומען באַקוקן און מיט יעדן טאָג איז מיר מער אַנטפּלעקט געוואָרן זיינע באַהאַלטענע זאַכן. איך האָב געזען די געמיינע זאַכן, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן מיט די ווייבער, וואָס זענען געקומען צו אים בעטן רפואות אָדער אויף קינדער (צו דעם לעצטן האָט ער אָפּט געהאָלפן) נאָר מיך האָט עס נישט געאַרט, „זאָל ער זיך טאָן, וואָס אים גלוסט זיך און איך וועל מיר טאָן, וואָס מיר גלוסט זיך"—האָב איך זיך געטראַכט, צו עסן גיט ער מיר, אַ מלבוש האָב איך, וואָס נאָך דאַרף איך?—איך האָב זיך אויך אויסגעלערנט פון אים צו היילן קינדער פון אַ גוט-אויג: איינמאָל האָב איך געזען, ווי ער נעצט איין אין בראָנפן דאָס

היטל וואָס די יודענע האָט צו אים געבראַכט ער זאָל אויף דעם אָפּשפּרעכן אַ גוט-אויג און האָט מיר געהייסן איך זאָל דעם קינד אָנטאָן דאָס היטל. ווי נאָר איך האָב דעם קינד אָנגעטאָן דאָס היטל, איז דאָס קינד איינגעשלאָפן מיט אַ שטאַרקן שלאָף. האָבן זיך די מענטשן שטאַרק געוואונדערט, אָבער איך האָב זיך גאָרנישט געוואונדערט.

ס'האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און איך האָב אים שטאַרק פיינט געקריגן. און אָט צוליב וואָס: איינמאָל ווען איך האָב פאַרבראַכט מיט די גאַסניונגלעך, איז מיר אויסגעגאַנגען דאָס געלט, און איך האָב זיך באַשלאָסן אָנצוהייבן מיין אוצר, וואָס איך האָב געטראָגן אויפן האַלז. כ'האָב אַרויסגענומען פון בוזעם דעם בייטל און ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן, אַז כ'האָב אָנשטאָט די כתבים געפונען אַנדערע פּאַפּירן און אָנ-שטאָט דעם זילבער-געלט עטלעכע קופּערנע מטבעות. איך בין אָנגעצונדן געוואָרן פון כעס און געוואָלט לויפן צום בעל שם אים דערציילן, אָבער דער גרעסטער פון אונזער חברה יונגען, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהערט, וואָס מיט מיר האָט גע-טראָפן, האָט מיך אָפּגעהאַלטן פון גיין צו אים, זאָגנדיק: נאָר דער בעל שם דיינער און נישט קיין אַנדערער האט דאָס צו-געגנבעט און וואָס וועט דיר העלפן, אַז דו וועסט אפילו מאַכן ליאַרמעס, דעמאָלט וועט ער דיך גאָר אַרויסטרייבן פון שטוב און וועסט קיין שטיקל ברויט אויך נישט האָבן.

—אָבער געוואַלד, מיין געלט!—האָב איך אויסגעשריגן.

—זיי נאָר נישט אויפגערעגט—האָט ער מיר געענטפערט—דו שווייג און איך וועל דיך לערנען, וואָס צו טאָן. דאָס זעט מען דאָך באַשיינפּערלעך אַז נאָר ער, דער בעל שם האָט ביי דיר געגנבעט דאָס געלט, אַ סימן האָסטו אַז ער האָט אַריינגע-לייגט אַנדערע פּאַפּירן אָנשטאָט די כתבים, און פון דעם איז אויך צו פאַרשטיין אַז די כתבים זענען אויך זייער טייערע. דעריבער דאַרפסטו זעען צוריק צו באַקומען דאָס געלט און די כתבים, און באַקומען מיט פּראָצענט.

אָבער ווי אַזוי וועל איך קאָנען צוריק באַקומען מיין

געלט?—האָב איך געפּרעגט מיט גרויס צער—ער איז דאָך שטאַר-קער פון מיר, אויב איך וועל אים רופן צום משפט, ווער וועט פאַר מיר האַלטן?

—צום משפט?—האָט ער זיך שטאַרק צעלאַכט—וואָס האָסטו צו טאָן מיט משפט? דו טו מיט אים ווי ער האָט געטאָן מיט דיר—

—גנבענען?—האָב איך געפרעגט

—גנבענען?—האָט זיך יענער ווידער צעלאַכט מיט אַ ווילד געלעכטער—גנבענען? און וואָס האָט געטאָן דיין לערער און רבי? ער האָט דיר דאָך צוגעזאָגט אַז ער וועט דיך אויסלער-נען דו זאָלסט זיין ווי ער איז, איז איצט געקומען די צייט דו זאָלסט זיך פּרווון.

דער גאַנצער חברה איז געפעלן זיין פּלאַן.

—איך האָב דאָך אָבער מורא טאָמער כאַפּט מען מיך ביי דער האַנט, און מען וועט מיך איבערגעבן צו דער פּאָליציי—האָב איך געענטפערט.

—אויב מען וועט דיך כאַפּן ביי דער האַנט, איז אַ מצוה, אַז מען זאָל דיך איבערגעבן צו פּאָליציי, ווייל דעמאָלט איז עס אַ באַווייז אַז דו טויגסט נישט צו גאָרנישט. דו מאַך עס קלוג אַזוי, אַז מען זאָל דיך נישט כאַפּן. און איך וועל דיך אויסלערנען וואָס צו טאָן: דו קום אַהיים שטיל און רויק כדי מען זאָל גאָרנישט דערקענען, אַז דו האָסט עפּעס פאַרטראַכט צו טאָן. מאָרגן אינדערפרי בעט פון אים געלט און זאָג, אַז נעכטן אינדערפרי האָסטו געליגן געלט ביי אַ חבר. און אויב ער וועט דיך פרעגן, פאַרוואָס האָסטו נישט גענומען פון דיין אייגן געלט, זאָלסטו ענטפערן: „אייער באַפעל איז ביי מיר הייליק, און איר האָט מיר דאָך אָנגעזאָגט, איך זאָל נישט רירן פון מיין אוצר". און אַזוי וועסטו זיך האַלטן מיט אים שטיל און פיין ביז איר וועט זיך לאָזן אין וועג אַריין, וואָרום אַלע פאַר חדשים לאָזט ער זיך אין וועג און דעמאָלט, אין אַ קרעטשמע אויפן וועג וועט דיר אָנקומען גאַר גרינג און דו וועסט צונעמען אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט, און איך בין זיכער,

אַז ער וועט גאָר מורא האָבן דיך צו פאַרמסרן, וואָרום ער וועט מורא האָבן פאַר זיך, דו זאָלסט נישט אויסזאָגן אויף אים זיינע אָפּנאַרערייען און ער וועט מוזן מיט דיר שלום מאַכן.

די דאָזיקע רייד האָבן מיך געשטאַרקט און איך האָב אים צוגעזאָגט צו טאָן אַזוי ווי ער האָט מיר געעצהט. איך בין אַהיים געגאַנגען מיט אַ פריילעך פּנים. דער רבי איז אויך אַהיים געקומען און מיר האָבן זיך געזעצט עסן וועטשערע. איך האָב זיך געלאָזט וואוילגיין, און ער איז געזעסן פאַרזונקען אין מחשבות און האָט גאָרנישט גערעדט צו מיר, ער האָט אפילו נישט געקוקט אויף מיר. צומאָרגנס אינדערפרי בין איך צו אים צוגעגאַנגען און געבעטן געלט.

—ביזט זער גערעכט, נאַ דיר געלט!—האָט ער געזאָגט און גיך אַרויסגענומען געלט פון קעשענע—ווען דו וועסט דאַרפן געלט, דאַרפסטו מיר נאָר זאָגן און איך וועל דיר שוין געבן—האָט ער געזאָגט געבענדיק מיר געלט.

איך האָב אים געדאַנקט און געזאָגט:

—זעט, איך פאָלג אייך, וואָס איר האָט מיר באַפוילן, איך וועל פון מיין אוצר, וואָס איך טראָג אויפן האַלז קיין גראָשן נישט רירן, ווייל אייער באַפעל איז מיר הייליק.

—זער שיין. אויב דו וועסט אַזוי טאָן און זיך פאָלגן, וועט דיר גוט זיין: וואָרום איך וועל דיך שטענדיק שטיצן, כ׳וועל אויך זען דיר צושאַנצן געלט פון די, וואָס קומען צו מיר, כ׳וועל אויך אָנהייבן דיך שיקן אין די ערטער, וואו איך וויל נישט גיין מחמת איך האָב ווייניק צייט. איך האָב אים ווידער געדאַנקט נאָר אין האַרצן האָב איך אים פיינט געהאַט פון דעמאָלט אָן.

צומאָרגנס, אַז איך בין זיך צונויפגעקומען מיט מיינע חברים, האָב איך זיי אַלץ דערציילט, און דער גרעסטער האָט אויף דעם געענטפערט:

—זער גוט: דו וועסט זיין אַ מענטש. איך זע שוין, אַז ער איז ביי ד׳יר אין האַנט און האָט מורא פאַר דיר. נאָר פונ-

דעסטוועגן איז מיר פּאָרט אַ וואונדער, פאַרוואָס גיט ער דיר אַלץ נאָך? ס׳מוז דאָך עפּעס זיין אין דעם?

—וואָס וואונדערסטו זיך אַזוי?—האָב איך אים געענטפערט—איך האָב דאָך אים צו אַלעמען צוגעהאָלפן, פאַר יעדן האָב איך דערציילט פון די גרויסע וואונדער, וואָס ער האָט אומעטום באַוויזן. דערמיט האָב איך אים אַ סך געהאָלפן, וואָרום איך האָב אים שטאַרק גערימט און איצט, האָט ער מורא פאַר מיר איך זאָל נישט דערציילן, אַז ער נאַרט.

—ניין, דאָס איז עס נישט—האָט ער מיר געענטפערט—דערפאַר האָט ער פאַר דיר קיין מורא נישט, ווייל נאַראָנים האָבן ליב נאַרישקייטן און גלייבן אין אַלע פאַלשע זאַכן. נישט דעריבער האָט ער פאַר דיר מורא! איך רעכן אַז די כּתבים זענען ביי אים זער טייער, דעריבער האָט ער דיך דעמאָלט גענומען צו זיך, כּדי ער זאָל קאָנען אַרויסבאַקומען די כּתבים פון דיר און ביז איצט טרייבט ער דיך נישט פון זיך, כּדי דו זאָלסט נישט מאַכן קיין געוואַלד אויף די כּתבים, וואָס ער האָט דיר צוגענומען. און דעריבער האָט ער ביי דיר אַרויסגענומען דאָס געלט—כּדי ער זאָל דיר געבן פון דיין געלט כּל זמן ער וועט זיך מוזן מיט דיר האַלטן. דעריבער זע צו טאָן און אַרויסבאַקומען דיין געלט מיט די כּתבים.

פון דעמאָלט אָן האָב איך געהיט דעם בעל שמס טריט, כּדי צו געפינען אַן אויסרייד מען זאָל זיך צוליב דעם לאָזן אין וועג אַריין. אַלע טאָג האָב איך געטראַכט און געזוכט מיטלען דאָס דורכצופירן, ביז ס׳איז אָנגעקומען דער טאָג.

אין אונזער שכנות האָט געוואוינט אַ שיין ווייבל פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק, זי האָט געליטן פון אַ קראַנקהייט און געקומען צום רבין. די גאַנצע צייט, וואָס מענטשן זענען צו אים געקומען בין איך געזעסן אין ערשטן צימער, אויך דאָס ערשטע מאָל, וואָס דאָס ווייבל איז צו אים געקומען בין איך געזעסן אין מיין חדר. צומאָרגנס פאַרנאַכט, אַז דאָס ווייבל איז ווידער געקומען, איז ער אַרויסגעקומען און האָט מיך געשיקט צו זיינס אַ פריינט, וואָס האָט געוואוינט אין אַנדערן עק שטאָט,

גאָר ווייט פון אונז און האָט מיר באַפוילן צו פאַרשליסן די טיר פון ערשטן חדר און דעם שליסל מיטנעמען מיט זיך, וואָרום ער האָט געהאַט אַ באַזונדער שליסל צו דער טיר.

ווען ער וואָלט מיר דאָס געהייסן טאָן מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, וואָלט איך זיך נישט קעגנגעשטעלט, אָבער איצט בין איך געווען גאָר אַן אַנדער מענטש, דעריבער האָב איך אים געענטפערט:—איך גיי!—אָבער געגאַנגען בין איך נישט, נאָר כ'האָב זיך באַהאַלטן אונטערן בעט. נאָכדעם ווי ער האָט פאַרשלאָסן די טיר פון זיין חדר, בין איך אַפּויער פון אונטערן בעט און אַריינגעקוקט דורכן שליסללאָך אין צימער, וואו ער האָט זיך געפונען מיטן ווייבל און איך דערזע זער אַ שיין בילד: ער האָט גענומען אַ גלעזל בראָנפן אין האַנט, האָט עס באַשפּראָכן מיט אַ שפּרוך און דערלאַנגט דעם ווייבל צו טרינקען. אָבער זי, ווי נאָר זי האָט זיך צוגערירט צו דעם מיט די ליפּן, האָט זי געענטפערט אַז זי וועט נישט קאָנען אויסטרינקען אַזאַ גלעזל בראָנפן. ער האָט זי אָבער שטאַרק געבעטן זי זאָל טרינקען, האָט אַליין גענומען דאָס גלעזל און צוגעטראָגן צו איר מויל, און ווי ער וואָלט זי געוואָלט אונטערהאַלטן זי זאָל טרינקען—האָט ער זי דערווייל אַרומגענומען. זי אָבער האָט אָפּגעשטופּט זיין האַנט און געזאָגט:

—ניין, הייליקער רבי, נישט איר דאַרפט אַרומנעמען אַן אשת-איש.

ער האָט זיך אָבער דערפון גאָרנישט פאַרשעמט (ער איז שוין מסתּם געוואוינט געווען צו אַזעלכע פאָרוואורפן) און האָט געזאָגט מיט אַ זיס געלעכטערל: „פייער פאַרלעשט פייער" האָבן אונזערע חכמים געזאָגט.

—כ'פאַרשטיי נישט וואָס איר מיינט מיט דעם—האָט דאָס ווייבל געענטפערט—וואָרום איך בין אַ פּראָסטע יודענע.

—וועל איך דיר פאַרטייטשן: דאָס פייער פון דיינע אויגן וועט פאַרלעשן דאָס פייער פון מיין הייליקייט—האָט ער געענטפערט מיט געפיל און האָט זי מיט אַלע כחות אַרומגענומען.

זי איז בייז געוואָרן און געזאָגט: „גייט אַוועק פון מיר, וואָרום איך וועל מאַכן אַ געוואַלד".

—זיי נישט בייז מיין שיינע, זע ווי שטאַרק ס'איז צו דיר מיין ליבע, אַז איך פאַרגעס צוליב דיר די וועלט און יענע וועלט. טרייב מיך נישט פון דיר.

—לאָזט מיך אָפּ—האָט דאָס ווייבל באַפעלעריש אויסגערופן—ווען נישט וואָס איך אַכט מיין אייגענעם כבוד, וואָלט איך שוין לאַנג געמאַכט אַ געוואַלד.

—אומזיסט מאַכסטו זיך, ווי דו וואָלסט געווען אין כעס אויף מיר. דורך דיינע שיינע אויגן זע איך דאָך, וואָס עס טוט זיך אין דיין האַרץ—אַז דו ביזט גאָרנישט בייז אויף מיר. אַזוי איז שוין דער שטייגער פון די שיינע ווייבלעך צו מאַכן זיך פאַר צנועות כדי נאָך שטאַרקער צעצעפלאַקערן די ליבע. אָבער גלייב מיר, אַז אויך אָן דעם ברענט אין מיר דאָס העלישע ליבע-פייער צו דיר, און וואָס נאָך דאַרפסטו? גלייב מיר, אַז איך קען די פרויען און ס'איז נישטאָ קיין איינע, וואָס זאָל האָבן אַזאַ שטיינערן האַרץ, אַז די ליבע זאָל זיך נישט קאָנען אַהין אַריינרייסן. און אויב איך זע אַ שיין ווייבל, וואָס אַ מאַנסביל האָט איר נישט איבערגערעדט, ווייס איך באַלד, אַז זי איז אַ נאַרישע און פאַרשטייט גאָרנישט, אָדער זי האָט פשוט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט. וואָרום פאַרוואָס זאָלן די ווייבער זיין ערלעכער פון זייערע מענער? צי אויך דיין מאַן וועט אויפשפּרינגען פון זיין אָרט מיט כעס אויב אַ שיין ווייבל וועט אים אַרומנעמען? און איך האָב דיך דאָך ליב מיטן גאַנצן האַרצן און וועל דערפילן אַלע דיינע פאַרלאַנגען, זאָג: אָפשר ווילסטו געלט—נאַ דיר געלט! און אויב דו ווילסט ליבע—נאַ דיר אַ האַרץ וואָס איז פול מיט ליבע איבער די ברעגן.

איך האָב באַמערקט אָן ווייבל, אַז זיינע רייד האָבן אויף איר געווירקט, וואָרום כאָטש זי האָט נישט אויפגעהערט צו פייזערן זיך ווי פריער, פונדעסטוועגן האָט זי נישט אויפגעהויבן קיין געוואַלד, אַז ער האָט זי ווידער אַרומגענומען און זי געקושט אויף די ליפּן.

אַז איך האָב דאָס געזען האָב איך אַ טראַכט געטאָן: ס׳איז געקומען די צייט. האָב איך זיך געעפנט די טיר פון ערשטן צימער און בין אַרויס. אין אַ ווײַלע אַרום בין איך צו צו דער טיר און אָנגעהויבן זעצן אין איר מיט אַלע כּחות און מיט אַ גרויס געשריי, ווי מען וואָלט מיך געשלאָגן. באַלד איז אַרויסגעקומען דער בעל השם אין גרויס אײַלעניש און זײַן פּנים—האָט געפלאַמט—פון זײַן הייליק פייער אָדער פון זײַן ליבע־פייער?—און מיט ציטערניש האָט ער זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זײַטן און אַז ער האָט מיך דערזען, איז ער אַ ביסל צו זיך געקומען אָבער באַלד איז ער אַרײַן אין גרויס גרימצאָרן און האָט אויף מיר אָנגעהויבן דונערן מיט זײַן קול: וואָס איז דאָ, אַ שענק וואָס דו ברעכסט די טירן? אויסוואורף!—צום ערשטן מאָל האָב איך פון אים געהערט דעם צונאָמען, וואָס האָט ווירקלעך געפּאַסט פאַר אים. איך האָב אַ ווײַלע געשוויגן, ווי איך וואָלט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, דערנאָך האָב איך אויסגעשריגן:

—דעם ווײַבלס מאַן! דעם ווײַבלס מאַן!

און האָב זיך געגומען אַרומקוקן, ווי איך וואָלט געזוכט דעם מאַן פון דעם ווײַבל.

—וואָס רעדסטו, קינד מײַנס? ווײ! עפּעס ציטערסטו דאָך אינגאַנצן, וואָס פאַר אַ ווײַבל? וואָס פאַר אַ מאַן. זאָג, וואָס איז געשען?

—דער מאַן... פון דעם ווײַבל... וואָס איז געווען... דאָ אין שטוב—האָב איך גערעדט נישט קאָנענדיק כאַפּן דעם אָטעם כּדי אים נאָך מער צו צעטומלען.

—וואָס האָט געטאָן דער מאַן פון ווײַבל? זאָג, רעד!

—דער טײַוול זאָל אים נעמען! אוי ווײ! דער מאַן פון ווײַבל, דער אויסוואורף... האָב איך געשריגן אַ צעטראָגענער און אין האַרצן האָב איך זיך געפרייט זעענדיק זײַן צעטומלעניש.

—אָבער רעד קלאָרע דבורים. וואָס אַזוינס? וואו האָסטו אים געזען?—האָט דער בעל שם אויסגערופן מיט זאָרג.

—דעם ווייבלס מאַן האָט אַריינגעקוקט דורכן פענצטער אין שטוב אַריין, און אַז איך בין צוגעקומען צו דער טיר, האָט ער זיך אויך געוואָלט אַריינרייסן אינעווייניק, נאָר איך האָב אים פאַרשטעלט און האָב נישט געלאָזט. אַ פּאָר מינוט האָט ער זיך מיט מיר געריסן, נאָר זעענדיק אַז איך וועל אים נישט אַריינלאָזן, האָט ער זיך אויסגעדרייט און אַוועק נאָך פּאָליציע.

כ׳האָב נאָך נישט געענדיקט רעדן, און דאָס ווייבל איז אַרויס פון זיין חדר און ביטער אויסגעשריגן:

—באַטריגער! אומגליקלעך האָסטו מיך געמאַכט! איצט בין איך אַ פאַרלוירענע. מיין מאַן וועט מיך אַוועקוואַרפן און וואו וועל איך זיך אַהינטאָן? וויי! אויסוואורף, זאָל דיר גאָט באַצאָלן!

—שאַ, כ׳בעט דיך, שריי נישט!—האָט ער אויסגערופן מיט געבעט און זאָרג—וואָס איך האָב קאַליע געמאַכט וועל איך פאַרריכטן. אַדרבה, זאָל גאָט העלפן ער זאָל זיך מיט דיר גטן און איך וועל מיט דיר חתונה האָבן.

הערנדיק ווי ער רעדט דאָס רואיק און ווי ער וואָלט עס געמיינט מיט אַן אמת, האָב איך זיך אַ טראַכט געטאָן:

—אומזיסט איז געווען מיין אַרבעט! איצט וועט ער זיך שוין פון דאַנען נישט רירן, וואָרום ער וויל זי טאַקע מיטן גאַנצן האַרצן. אויך דאָס ווייבל איז באַשטאַנען אויף דעם, דאָס האָב איך דערקענט אין איר פּנים און אַ ווײַלע בין איך געשטאַנען שטאַרק דערשלאָגן. כ׳האָב אויך מורא געקריגן טאָמער וועט ער זיך מאָרגן דערוויסן, אַז דאָס האָב איך אים אָפּגענאַרט און ער וועט מיך מיט שאַנד פאַרטרייבן פון זיך. אָבער ער אַליין האָט מיך אַרויסגענומען פון מיין צעטומלטקייט, וואָרום ווי נאָר דאָס ווייבל איז אַרויס פון שטוב, האָט ער געזאָגט צו מיר:

—גיכער, יוסף, שפּאַן איין דאָס וועגעלע און לאָמיר זיך גיך לאָזן אין וועג אַריין, וואָרום איך האָב זער מורא פאַר דעם מאַן אירן ער זאָל מיך נישט בחרפה שטעלן. גיכער, שטיי נישט!

ווילנדיק באַהאַלטן פון אים מיין פרייד, האָב איך געגו-

מען רעדן און נישט אײַלן זיך, לסוף האָב איך אים געפרעגט:
—און די שטוב מיט די זאַכן אויף וועמען וועט איר לאָזן?
כאָטש ער האָט מיר שוין לאַנג געזאָגט אַז די שטוב מיט די זאַכן זענען נישט זײַנע נאָר געהערן דער יודענע, וואָס קומט אַלע טאָג אים באַדינען, פונדעסטוועגן האָב איך עס געפרעגט, כדי ער זאָל זיך נישט אָנשטויסן, וואָס איך טראַכט.
—איך וועל אַלץ איבערלאָזן, איך וועל די גאַנצע וועלט פאַרלאָזן, וואָרום מײַן כבוד איז פאַרשוועכט. מײַן נאָמען וואָס האָט געלויכטן ווי דער טאָג—וועט איצט פאַרשוועכט ווערן צוליב דער שולד פון אַ מאַן וואָס איז אײַפערזיכטיק אויף זײַן ווײַב און ווייסט נישט, אַז איך האָב זי אויסגעהיילט. גיכער! כ׳בעט דיך, נעם גיכער און שפאַן דאָס וועגעלע און לאָמיר שוין פאַרלאָזן די שטאָט.
אײַלנדיק בין איך אַרויס אין דרויסן, האָב צוגעגרייט דאָס וועגעלע און ער האָט צונויפגענומען זײַנע זאַכן און ספרים, האָט זיי אַליין אַרויסגעטראָגן צום וועגעלע, האָבן מיר זיך אויפגעזעצט און געפאָרן און אין אַ האַלבער שעה אַרום זענען מיר שוין געווען ווײַט פון דער שטאָט. די גאַנצע צײַט האָבן מיר גאָרנישט גערעדט, וואָרום ביידע זענען מיר געווען פאַרזונקען אין געדאַנקען. וואָס ער האָט געטראַכט ווייס איך נישט, נאָר איך האָב כסדר מורא געהאַט ער זאָל נישט דערקענען, אַז דאָס האָב איך אים אָפּגענאַרט און פאַרפירט. כ״האָב מורא געהאַט: טאָמער קליגט ער מיך איבער, וואָרום אַן אַנדער סבה האָט אים געבראַכט צו דעם ער זאָל פאַרלאָזן די שטאָט און ער מאַכט זיך נאָר ווי ער וואָלט נישט פארשטאַנען מײַן שטיקל אַרבעט. דערנאָך האָט ער מיך געפרעגט:
—פון וואַנען זשע האָסטו געוואוסט, אַז דאָס איז דער מאַן פון דעם ווײַבל?
—ער האָט עס מיר געזאָגט: וואָרום ער האָט געמיינט, אַז איך וועל הערן אַז ער איז דער מאַן וועל איך אים אַרײַנלאָזן אינעווייניק.

— האָסט גוט געטאָן, וואָס דו האָסט אים נישט אַריינגעלאָזט. איך זע אַז דו ביזט אַ קלוגער, דערפאַר וועסטו מיט מיר שטענדיק זיין צוזאַמען.

— אַ דאַנק אייך, רבי!

נאָך אַ דריי פיר שעה זענען מיר אָנגעקומען אין אַ גאַסט־הויז וואָס איז געשטאַנען אויפן וועג.

# ה.

## אַריינגעפאַלן אין נעץ.

די קרעטשמעס און גאַסטהייזער פון יענער געגנט, זען אויס פון דרויסן און פון אינעווייניק ווי שטאַלן, ווי דאָס מערסט גאַסטהייזער אונזערע. פאַרשוואַרצט פון דרויסן און פאַרפינסטערט פון אינעווייניק און די ערד איז אַ פאָדלאָגע. אַ העלפט פון דעם הויז—איז אַ שטאַל פאַר פערד, שעפסן און רינדער. און די אַנדערע העלפט—אַ גאַסטהויז פאַר דורכפאָרנדיקע אויף וועגעלעך אָדער פאַר פוסגייער, וואָס ווערן מיד פון וועג און דערפרייען זיך, אַז זיי באַקומען אַן אָרט וואו זיך אָפּצורוען. קיין בעט מיט בעטגעוואַנט געפינט זיך נישט אין גאַנצן גאַסטהויז, און די געסט וואָס פאָרן מיט וועגענער, פירן־מיט מיט זיך קישענס מיט קאָלדרעס, לייגן עס אויס אויף די טישן און בענק און אונטער די טישן און בענק און מאַכן זיך דאָס געלעגער זייערס. און די, וואָס גייען צו־פוס—זייער קישן איז די פויסט און זייער געלעגער זענען זייערע מלבושים וואָס זיי שפרייטן אויס, און אַזוי שלאָפן זיי. אין מיטן שענק־שטוב שטייט אַ גרויסער טיש אָן אַ טישטוך און פון זיינע ביידע זייטן—בענק, וואָס זענען אַזוי לאַנג

ווי דער טיש. אַלע געסט זיצן אַרום דעם טיש, עסן, טרינקען בראָנפן, שמועסן צווישן זיך און לאַכן אויף הויכע גראָבע קולות, און פונדעסטוועגן וועקן זיי נישט אויף די, וואָס שלאָפן און שנאָרכן מיט אימהדיקע קולות.

אַז מיר זענען אָנגעקומען אין אַזאַ גאַסטהויז צען אַ זייגער אין אָוונט, זענען אַרום טיש דעמאָלט געזעסן אַ גאַנצע חברה געסט, אַ מענטשן צען, אַלע אָנגעטאָן אין יודישע מלבושים און איינער פון זיי איז געזעסן אויבנאָן, האָט גערעדט מיט גרויס געפיל און אַלע האָבן זיך שטאַרק צוגעהערט צו זיינע רייד.

אַז דער רבי איז אַריינגעקומען אין שטוב האָט ער די געסט געזאָגט „גוט נאָוונט" און אַריין אין אַ באַזונדער צימער צו דאַוונען מעריב. און דער וואָס האָט דאָ דערציילט, האָט ווייטער דערציילט. איך—ווען מען דאָס דאַוונען מעריב האָט נישט אַזוי שטאַרק געצויגן—בין געבליבן אין דער שטוב און אָט וואָס איך האָב דאָרט געהערט:

— — —און אַז אונזער רבי זאָל לעבן האָט געזען, אַז דער אפיקורוס מאיר זרחי וויל אים נישט הערן און צושטיין צו אים, האָט ער מיט כעס געגעבן אַ זאָג צו אים: „דו וועסט שוין איצט זען צי עס וועט געשען דאָס וואָס איך האָב געזאָגט צי נישט!" מיר, וואָס זענען געווען דערביי און דאָס צוגעזען מיט אונזערע אויגן און אויסגעהערט מיט אונזערע אויערן האָבן געמיינט, אַז דער נבל וועט פאַר אים זאָל לעבן פאַלן אויפן פנים און בעטן פון רבין מחילה און סליחה נאָכדעם ווי ער האָט אַזוינס געהערט. אָבער ס'איז נישט געשען ווי מיר האָבן געמיינט. דער נבל איז זיך געבליבן ביי זיינעם און האָט נאָך גענומען אַקעגן רעדן און געזאָגט: „גאָט איז מיט מיר און איך האָב קיין מורא נישט". איר הערט אַ חוצפה! דער עוכר ישראל, וואָס פאָלגט נישט אונזער רבין, און פאָרט נישט צו קיין שום רבין, וואָרום ווען ער וואָלט כאָטש געגלייבט אין אַן אַנדערן, וואָלט מען געקאָנט מיינען, ער פאַרלאָזט זיך אויף זיין רבין, כאָטש די הילף פון אַלע רבים קאָנען העלפן ווי גאָרנישט

קעגן צאָרן פון אונזער רבין, און אויב אונזער רבי פאַלט אַריין אין כעס—זענען זיי אַלע אַ שמעק טאַבאַק נישט ווערט (ביי די ווערטער האָט זיך דאָס פנים ביי איינעם אַ צוהערער אָנגעצונדן פון כעס, נאָר ער האָט גאָרנישט געזאָגט) אָבער דער ימח שמוניק, וואָס שפּעט אָפּ פון אַלע רביים און צדיקים, ער האָט נאָך די העזה אָנצורופן גאָטס נאָמען!—אַז אונזער הייליקער רבי זאָל לעבן האָט דערהערט ווי גאָטס נאָמען גייט אַרויס פון דעם ימח שמוניקס מויל, האָט ער זיך פאַרשטאָפּט די אויערן און אויסגעשריגן אויף לשון קודש: „הוציאו את הארורה״!—דעם רבינס משמש האָט דער ערשטער אויסגעצויגן די האַנט, נאָך אים האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אַלע חסידים און איך פאָראויס, און מיר האָבן אָנגעכאַפּט דעם נבל, אים גענומען שלעפּן און רייסן און געוואָרפן אויף דער ערד ביז מיר האָבן אים אַרויס־געשלעפּט ווי אַ פּגר פון שטוב אַרויס. ער איז טאַקע קראַנק געוואָרן און געלעגן דריי חדשים, און אַלע דאָקטוירים נישט קיין יודן (וואָרום די יודישע דאָקטוירים האָבן אים אַפילו נישט געוואָלט אָנקוקן, נאָכדעם ווי אונזער רבי האָט אים אַרויסגע-טריבן) האָבן אים אָפּגעזאָגט דאָס לעבן, נאָר נאָך דריי חדשים איז ער אויפגעשטאַנען פון בעט און אָנגעהויבן אַרומגיין, אָבער הערט אויס די גרויסע צדקת פון אונזער רבין:

די גאַנצע צייט וואָס דער אפיקורוס איז געלעגן קראַנק, איז אונזער רבי שטאַרק טרויריק געווען. און אַז זיין זון דער צדיק האָט אים געפרעגט די סבה, וואָס האָט אים טרויריק גע-מאַכט, האָט ער געענטפערט מיט זיין פה קדוש און געזאָגט: ער איז טרויריק דערפון, וואָס ער האָט מורא אַז דער רשע, וואָס האָט זיך אַוועקגעלייגט זאָל זיך נישט אויפהייבן מער.

—וואָס ושע אַרט עס דיך?—האָט אים געפרעגט דער זון דער צדיק—אַזעלכער איז דען מער ווערט ווי דעם טויט. אדרבה, זאָלן אויסשטאַרבן אַלע רשעים און זאָלן בלייבן נאָר חסידים.

—ניין, זון מיינער—האָט ער אים געענטפערט—איך וויל נישט ער זאָל שטאַרבן איידער ער וועט זיך מתודע זיין אויף

זיינע זינד, און אויב ער וועט איצט שטאַרבן, אָן ודוי, וועט אויך זיין נשמה אָפּשטאַרבן.

פון דעמאָלט אָן זענען מיר געווען זיכער, אַז ער וועט נישט שטאַרבן, מחמת אונזער רבי וויל עס נישט. און אַזוי איז טאַקע געווען. ער איז געזונט געוואָרן. אָבער פון דעמאָלט אָן האָט ער מיט קיינעם קיין וואָרט נישט גערעדט און האָט שוין נישט אָפּגעשפּעט פון אונזער רבין ווי אַמאָל. מיר האָבן געמיינט, אַז ער איז געוואָרן אַ בעל-תשובה און מיר האָבן אַלע טאָג געוואַרט, ער זאָל קומען צום רבין אים בעטן מחילה, אָבער ער איז נישט געקומען, וואָרום ער האָט פאַרלאָזט די שטאָט און האָט קיינעם נישט אויסגעזאָגט וואוהין ער איז אַוועק.

—דעם סוף האָב איך געהערט ווען איך בין געווען אין אַשדות—האָט איינער פון די צוהערער געזאָגט—ער איז אַהין געקומען צו מסרן דעם צדיק פאַר דעם גובערנאַטאָר, איך וואָלט אָבער געוואָלט וויסן די סבה צוליב וועלכער דער צדיק איז אַזוי בייז געוואָרן אויף דעם מענטש?

—דו ביזט נישט פון אַנשי שלומנו!—האָט דער דערציילער אויסגערופן און זיך אַיינגעקוקט אין דעם וואָס האָט דאָס געפרעגט.

—פון וואַנען ווייסטו, אָדער ווער האָט דיר געזאָגט, אַז איך בין נישט פון אַייעריקע?

—וואָרום דו ווייסט נישט די פאַרבאָרגענע זאַכן, וואָס אונזערע ווייסן, דעריבער דאַרפסטו זיך נישט פרעגן אויף די זאַכן און זאָל מיך גאָט היטן איך זאָל עפּעס דערציילן פאַר אַ פרעמדן.

—איך בעט דיך—האָט זיך דער מענטש געבעטן—אמת טאַקע, אַז איך האָב נישט זוכה געווען ביז אַהער צו זיין פון אייעריקע, וואָרום ביז אַהער איז מיין רבי געווען ר׳ יעקב ישראל, אָבער איך האָב זיך אָנגעהערט אָן אַ שעור מופתים, וואָס אַייער רבי האָט באַוויזן, פאַר איך טאַקע איצט צו אים און וויל ווערן אַייער.

—גיב מיר אַ סימן, אַז וואָס דו זאָגסט איז אמת, וועל איך דיר דעמאָלט מגלה זיין אַלע סודות וואָס איך ווייס.

—כ'קאָן דאָס באַווייזן—האָט יענער געענטפערט, און אַרויסגענומען פון בוזעם אַ בריוו און געוויזן דעם דערציילער. אַז יענער האָט נאָר איבערגעלייענט צוויי דריי ווערטער, האָט ער געזאָגט: ריכטיק, גערעכט, אָבער נישט דאָ איז דאָס אָרט פאַר אַלעמען אין די אויגן מגלה צו זיין סודות, וואָרום דאָ זענען פאַראַן מענטשן פרעמדע צו אונז, אָבער דו וועסט אַלץ וויסן ווי יעדער איינער פון אונז.

—און פאַרוואָס האָסטו ביז אַהער דערציילט פאַר מענטשן וואָס דו קענסט זיי נישט?

—דאָס וואָס איך האָב ביז אַהער דערציילט, איז קיין סוד נישט, וואָרום איך האָב נאָר דערציילט דאָס צדקות פון אונזער רבין.

—גערעכט, אַ סימן אַז דו ביזט אַ גרויסער חסיד

—איך ווייס אַליין, אַז איך בין גערעכט—האָט דער דערציילער געענטפערט מיט גרויסקייט און אויפהייבנדיק די אויגן און הענט צום הימל—איך הויב שטענדיק אויף מיין קול צו דערציילן דאָס צדקות פון מיין רבין אומעטום. ווער קאָן גאָר אויסדערציילן די וואונדער זיינע? ווער קאָן גאָר אויסרעכענען זיינע מופתים? אין זיין האַנט זענען די אוצרות פון רעגן און שניי. ער האָט דעם שליסל צו די הימלען, ער קאָן טאָן אויבן און אונטן וואָס ער וויל. ס'איז נאָך גאָר אַזוינס נישט געווען און ס'וועט נישט זיין, און וואויל איז דעם דור וואָס האָט אַזאַ צדיק, וואָרום ער איז מגין אויף דער גאַנצער וועלט. ווען נישט ער וואָלט די וועלט געוואָרן תהו ובהו צוליב דעם רשעת פון די מענטשן...

—מער קאָן איך שוין נישט אויסהאַלטן!—האָט אויסגעשריגן דער וועמענס פנים ס'האָט זיך פריער אָנגעצונדן.—גענוג דיר צו רומען דיין רבין מיט פוסטע זאַכן, די גאַנצע וועלט ווייסט דאָך, אַז מיין רבי איז טויזנט מאָל גרעסער פון דיין רבין.

—ווער איז עס דיין רבי, וואָס דו בלאָזט זיך אַזוי מיט אים?—האָט דער געפרעגט—ווער איז עס די פליג וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן אַ לייב?

—אַ ליגן! שקר וכזב!—דיין רבי איז נישט קיין צדיק און נישט קיין בן-צדיק, נאָר מיין רבי איז אַ צדיק בן צדיק. וואָרום אַז דער פאָטער זייערער דער גרויסער צדיק איז נפטר געוואָרן, האָט ער אַליין איבערגעגעבן די שטול צו מיין רבין, וואָרום ער איז דער בכור און נישט דיין רבי וואָס איז דער יונגערער ברודער, און דו ווילסט אויפהייבן דעם קלענערן ביז צום הימל? זאָג וואָס פאַר אַ גרויסע זאַכן האָט ער באַוויזן?

—און וואָס פאַר אַ וואונדער ווייסטו צו דערציילן פון דיין רבין? צי האָט ער מחיה מתים געווען? צי האָט ער גע-געבן קינדער צו עקרות? דאָס נישט, זיין גאַנצע חכמה איז נאָר צוזאַמענגעזוכט, צונויפצונעמען געלט.

—וואונדער ווילסטו? מופתים פאַרלאַנגסטו? וועל איך דיר דערציילן. הערט אַלע און וואונדערט זיך! וואָרום איך דערצייל דאָס, וואָס איך האָב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן: איך האָב אַליין געזען טויזנטער מענטשן וואָס זענען דורך מיין רבין גע-ראַטעוועט געוואָרן פון טויט, הונדערטער יודישע טעכטער קו-מען צו אים אַלע יאָר, וואָרום זיי האָבן נישט קיין קינדער—און דערנאָך געבוירן זיי. ביי אים אין האַנט זענען די אוצרות פון רעגן און שניי, אויך דער מלאך המות יועט אים נישט ווידערשפעניקן, וואָרום אַז דער סוחר, דער רשע, דער ליטוואַק יעקב בן ראובן, האָט אים נישט געוואָלט פאָלגן צו פאַרקויפן דאָס האָלץ, וואָס ער האָט געבראַכט, פאַר ווייניק געלט—האָט דער רבי אויף אים אַ געשריי געטאָן: „מאָרגן וועט מען זען!" און צומאָרגנס האָט מען דעם רשע געפונען אַ טויטן אונטער דער שטאָט ביים טייך! און פאַרוואָס האָט אויך דיין רבי נישט באַפוילן דעם מלאך המות ער זאָל צונעמען די נשמה ביי דעם דאָזיקן, וואָס האָט אין אים ווידערגעשפעניקט? איז עס אַ סימן, אַז ער קאָן דאָס נישט באַווייזן, און דערפאַר זאָג איך אַז מיין

רבי איז טאַקע דער גרויסער צדיק, און דיינער—אַ פאַלשער נביא!

—שווייג, דו מנובל, דו מחוצף—האָט דער, וואָס האָט דערציילט, אויסגעשריגן מיט שרעקליכן צאָרן—רשע! ווי האָסטו די העזה אַזוי צו ריידן אויף אונזער רבין, אַז ער קאָן נישט באַפעלן דעם מלאך המות? שווייג!

—כ׳האָב פאַר דיר קיין מורא נישט! כ׳האָב פאַר דיין רבין אויך קיין מורא נישט. ער קאָן נישט גאָרנישט, ער האָט נאָר טויזנטער געטריבן אין דער ערד אַריין.

—האַלט איין דאָס מויל, וואָרום שפּילסט זיך מיט דיין לעבן!

—שווייג דו, אויב דו ווילסט לעבן אויף דער וועלט! דיין רבי איז אַן עם הארץ, דיין רבי איז אַ פאַלשער און אַפּנאַרער, דיין רבי איז אַ יודענע, אַ הונט איז ער... דיין...

דער וואָס האָט פריער דערציילט איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ לייב און זיין קעגנער אָנגעכאַפּט ביי די האָר. יענער האָט אָבער אויך נישט פאַרלייגט די הענט און אים אָנגעכאַפּט פאַר דער באָרד. אַלע געסט האָבן זיך צעטיילט אין דריי גרופּעס: צוויי האָבן זיך געכאַפּט העלפן דעם געשלאָגענעם, דריי-פיר האָבן זיך געוואָרפן העלפן דעם שלעגער, די איבריקע זענען געשטאַנען פון וויטן און האָבן זיך צוגעקוקט. אויך דער, וואָס האָט זיך נאָכגעפרעגט די סבה וואָס האָט געבראַכט דעם רבינס כעס אויפן אפּיקורוס מאיר זרחי, איז אויך געשטאַנען ביי דער זייט און זיך צוגעקוקט, און איך האָב באַמערקט אַז עס טוט אים הנאה. די בעל־הביתטע, אַז זי האָט דערזען די מלחמה, וואָס ס׳האָט אויסגעבראָכן, האָט זי אָנגעהויבן רופן אויפן קול:

—ראובן! גיכער אין שטוב אַריין!

דער בעל-הבית, וואָס האָט געהייסן ראובן, איז געווען מיט אַ גאַנצן קאָפּ העכער פון אַלע איבריקע, זיין פנים האָט עדות געזאָגט אויף שטאַרקייט און נאַרישקייט צוזאַמען. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ פעלצל ביז די קניען און מיט אַ גראָבן שטריק אויף די לענדן. אַז ער איז אַריינגעקומען, האָט

ער זיך אַנידערגעשטעלט אויף דער שוועל, זיך אַרומגעקוקט און געפרעגט מיט וואונדער:

—וואָס איז? וואָס רופסטו מיך

—ביזט בלינד געוואָרן, צי וואָס? זעסט נישט, וואָס עס טוט זיך אין שטוב?—האָט דאָס ווייב זיך צעשריגן אויף אים מיט אַ באַפעלעריש קול.

—כ'זע, אַוודאי זע איך.

—וואָס זשע שטייסטו ווי אַ סלופּ און טוסט גאָרנישט?

—וואָס זאָל איך טאָן?

—דער רוח זאָל דיך נעמען! אַ טויט זאָל אויף דיר קו-מען! גראָבער נאַר דו—

—דאָס האָב איך שוין פון דיר געהערט היינט אַליין טויזנט מאָל, און וועל נאָך מסתּם הערן און הערן, צוליב דעם האָסטו מיך גערופן?

אַזוי האָט ער געענטפערט, זיך אויסגעדרייט און געוואָלט אַרויסגיין.

—טויזנט רוחות זאָל אין דיין טאַטן אַריין, אויסוואורף! פאַרוואָס שטילסטו נישט איין דאָס געשלעג, געמיינער הונט?!

—איך זאָל זיך צו זיי מישן? וואָס זענען זיי, פּויערים, האָלצהעקער, וואָס האָבן זיך אָנגעשכּורט? זיי זענען דאָך אַלע לומדים און חסידים און איך—וואָס בין? זאָלן זיי טאָן, וואָס זיי געפעלט, נישט מיין עסק.

אַזוי האָט ער געזאָגט און צוריק אַרויס.

אַזוי ווי זיי שלאָגן זיך און דער רבי, דער בעל שם איז אַרויסגעקומען פון זיין צימער און אויסגערופן:

—ווי פּאַסט עס פאַר אייך יידן, וואָס טוט איר וואָס! הקול קול יעקב, יודן דערציילן נאָר מעשות פון הייליקע צדיקים, אָבער שלאָגן זיך—דאָס איז עשוס אַרבעט. חלילה יידן זאָלן גיין אין די וועגן פון עשו הרשע, ער איז דער סמאַ"ל, די סטרא אחרא...

די דאָזיקע ווערטער האָבן באַלד איינגעשטילט די שלע-גער, וואָס האָבן געקוקט מיט וואונדער אויפן בעל שם. ער

האָט אָבער נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און איז צוריק אַריין אין זיין חדר און ווייטער געדאַוונט אויפן קול זינ-געַנדיק.

—ווער איז דאָס?—האָט איינער דעם אַנדערן געפרעגט!

—דאָס איז אַ רבי—האָב איך געענטפערט מיט גרויסקייט, און איידער נאָך זיי האָבן מיך געפרעגט, האָב איך זיי אָנגעהויבן דערציילן די וואונדער, וואָס ער באַווייזט טאָג־טעגלעך. און זיי האָבן עס אָנגענומען פאַר אַן אמת. וואָרום איך האָב עס דערציילט נישט צום ערשטן מאָל און שוין געקענט די מלאכה. זיי האָבן אויפגעשטעלט מויל און אויערן און מען האָט מיך אָנגעהויבן באַשיטן מיט פראַגן: ווי הייסט ער, פון וואַנען איז ער, וואוהין פאָרט ער. נאָר ווי איך האָב געוואָלט אָנהייבן ענטפערן, האָט דער רבי פון זיין חדר געגעבן אַ געשריי צו מיר:

—שווייג יוסף! רעד נישט גאָרנישט!

דאָס האָט נאָך מער צערייצט ביי זיי דעם חשק, צו וועלן וויסן ווער ער איז. און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן שושקען צווישן זיך. איינער האָט געזאָגט: ער איז אַ פאַרבאָרגענער צדיק. אַ צווייטער ווידער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ שליח פון אַ צדיק וועגן אַ פאַרבאָרגענער זאַך. אָבער ביי אַלע איז געבליבן אַז ער איז אַ קדוש. אויך די, וואָס האָבן מיט אַ מינוט צוריק זיך געריסן ביי די האָר, האָבן צווישן זיך שלום געמאַכט און גערעדט וועגן רבין. דער וואָס האָט פריער דערציילט די גרויסע מופתים פון זיין רבין און זיך אָנגעהויבן שלאָגן—האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, איז ער שטיל צוגעגאַנגען צו דער טיר און אַריינגעקוקט דורכן שליסללאָך. אַ פאָר מינוט האָט ער זיך איינגעהערט און צוריקגעקומען צו דער חברה און געזאָגט מיט גרויס געפיל: ער איז אַ צדיק! ער דאַוונט ווי אַ צדיק, פון זיין דאַוונען זעט מען אַז ער איז אַ צדיק. נאָך איינער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, האָט אויך אַריינגעקוקט דורכן שליסללאָך און געזאָגט:

—אַזאַ מענטש האָב איך געזען אין חלום, ער איז אַ צדיק!

און בײַ אַלעמען איז געבליבן, אַז ער איז אַ צדיק. די בעל הביתטע, אַז זי האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך זער דערפרייט, וואָס גאָט האָט איר צוגעשיקט אַ פאַרבאָר־גענעם צדיק אין שטוב אַרײַן. זי האָט געטראַכט, אַז דורך אים וועט איר הויז געבענטשט ווערן. האָט זי אים געוואָלט מהנה זיין פון גאָטס ברכה איידער נאָך זי איז געקומען, אָבער זי האָט נישט געהאַט די העזה אַרײַנצוגיין צו אים. איז זי גע־שטאַנען עטלעכע מינוט און נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן. פלוצלינג איז איר אײַנגעפאַלן אַ גוטע עצה. זי איז צוגעגאַנגען צו מיר און געפרעגט:

—דו ביזט דאָך געקומען מיטן צדיק?

—יאָ—האָב איך געענטפערט מיט גרויסקייט—איך בין זיין משמש שוין דריי יאָר.

—וואָס זשע זיצסטו דאָ אַזוי רואיק?—האָט זי ווידער גע־פרעגט.

—וואָס זשע דען זאָל איך טאָן? טאַנצן זאָל איך?

—איך האָב געמיינט צו פרעגן, פאַרוואָס הייסטו זיך נישט געבן קיין עסן? די גאַנצע שטוב איז דאָך פאַר דיר אָפן, קאָנסט עסן, וואָס נאָר דיין האַרץ גלוסט. נאָר איין זאַך וועל איך דיך בעטן זאָלסט מיר צוליב טאָן. פרעג בײַם הייליקן רבין, אפשר וויל ער עפּעס עסן.

—גוט.—האָב איך איר געענטפערט און בין צוגעגאַנגען צו דער טיר. אַז איך האָב זי געעפנט, האָט מען געהערט ווי דער רבי שפּאַנט הין און צוריק און זאָגט „ועמך כלם צדיקים" „ועמך כלם צדיקים". אַלע האָבן זיך גענומען צוהערן, ווי זיי וואָלטן דערהערט אַ קול פון הימל. איך בין אַרײַן צו אים אין חדר און געפרעגט: צי ער וויל עפּעס עסן?

—נאָך נישט! נאָך נישט! אין אַ צוויי שעה אַרום וועל איך ענדיקן דאַווענען.

—„אָבער ווען דאָס ווייבל איז געווען בײַ דיר האָסטו

אויף גיך אָפּגעדאַווענט מנחה" האָב איך זיך אַ טראַכט געטאָן.

איך בין אַרויס פון זיין חדר און אָנגעזאָגט דער בעל־הביתטע די בשורה, אַז אין צוויי שעה אַרום וועט דער רבי טאָן איר פאַרלאַנג. די יידענע איז געוואָרן שטאַרק אויפגעלייגט און גיך אַוועק אין קיך אַריין אָנצוגרייטן פון די בעסטע פליישן, געשמאַק עסן פאַרן געטלעכן מאַן. אַלע געסט, וואָס זענען געווען שטאַרק מיד פון וועג און פון בראָנפן, וואָס זיי האָבן אויסגעטרונקען, האָבן זיך געלייגט און אַנטשלאָפן געוואָרן אויפן טיש און אויף די בענק, אונטערן טיש און אונטער די בענק. און באַלד האָט זיך אויפגעהויבן אַ פייפעריי און אַ שנאָרכעריי פון די נעזער. אַז איך האָב געזען ווי אַלע שלאָפן שוין און קיינער זעט מיך נישט, בין איך אַריין צום רבין אין חדר און געזעצט זיך וואַרטן ביז מען וועט ברענגען די גוטע וועטשערע: וואָרום אויך איך בין אַזוי קלוג ווי דער רבי און האָב בעסער געוואָלט וואַרטן צוויי שעה ביז די יידענע וועט צוגרייטן די גוטע מאכלים. דער רב האָט זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט און האָט גאָרנישט גערעדט צו מיר, נאָר האָט אַלץ געשפּאַנט הין און צוריק פאַרזינקען אין מחשבות און די רעכטע האַנט געהאַלטן אויפן שטערן. ס'האָט זיך געהערט ווי אין אַנדערן חדר זינגט אַן אַלטע יודענע:

שלאָף מיין קינד, שלאָף.
אונטער שמעונס וויגעלע,
שטייט אַ קלאָר־ווייס ציגעלע.
דאָס ציגעלע איז געפאָרן קויפן סחורה,
און שמעולע מיין קינד וועט לערנען תורה.
שלאָף מיין קינד, שלאָ־אָף
וועסט לערנען און זיין אַ ר־ב.
שלאָף—און וועסט ניסעלעך קריגן—
יחזקאלע וועט קיין ניסעלעך נישט קריגן...

—אַ מכה דיר!—האָט זיך געהערט ווי עס רעדט אַ קינד מיט אַ גראָב קול ווי עס רעדן דאָרפסקינדער—איך וועל צונע־

מען אַלע ניסעלעך און דיר מיט שמעונען וועל איך געבן אַ מכּה.

—שוויג, דו משוגענער הונט, שוויג!—האָט דאָרט די יודענע געענטפערט.

—אַן אַלטע און אַ קינד איז גלייך—האָט זיך געהערט אַן אַנדער פרויען-קול—האָסט פאַרגעסן, אַז דער מלמד האָט אָנגעזאָגט נישט צו רופן בײנאַכט די קינדער „הונט" אָדער „קאַץ". ווארום ס'זענען פאַראַן נישט-גוטע וואָס הייסן אַזוי און אַז מען רופט זיי בײ די נעמען קאָנען זיי קומען און אָנטון שלעכטס.

—כ'האָב פאַרגעסן, פאַרגעסן! זאָג עס נישט אויס דער בעל-הביתטע, כ'בעט דיך.

—כ'וועל נישט זאָגן, נאָר מער זאָלסטו עס נישט טאָן.

—מער וועל איך נישט.

און ביידע זענען שטיל געוואָרן.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט זיך די בעל-הביתטע באַוויזן בײ דער טיר און אין די הענט האָט זי געהאַלטן ברויט, זאַלץ און גאָפּל-מעסער, אָבער זי האָט נישט געוואַגט אַרײנצוגיין.

—קום אַרײן, גאָטספאָרכטיקע אשה, קום אַרײן!—האָט דער רבי געזאָגט—זאָל דיר גאָט העלפן, ווארום דו האָסט געפונען חן אין זיינע אויגן, האָט ער דיר געגעבן איין זון וואָס הייסט יחזקאל און ער וועט אויסוואַקסן און זיין אַ גדול בישראל, אָבער שמעון זיין קלענערער ברודער, וועט זיין גרעסער פון אים, ווארום אויף אים וועט רוען די שכינה און פון זיין מויל וועלן געבענטשט ווערן אַלע יודן.

יודענע איז געוואָרן איבערראַשט און האָט אירע אייגענע אויערן נישט געגלויבט. ווי אַ נביא האָט ער איר אויסגעוויזן, ווי אַ געטלעכער מאַן וואָס ווייסט אַלץ, וואָס עס וועט געשען אויף דער וועלט. ווארום פון וואַנען ווייסט ער ווי אירע קינדער הייסן? נישט אַנדערש ער איז אַ נביא. און פון גרויס איבערראַשונג האָט זי נישט געקאָנט קיין וואָרט אויסרעדן

און זי האָט געקוקט מיט גרויס וואונדער און ער האָט ווייטער גערעדט:

—גלייב מיר, אשה, אַז ס'וועט קיין האָר נישט געמינערט ווערן פון דעם, וואָס איך האָב געזאָגט.

—הייליקער רבי! מלאך פון גאָט! געטלעכער נביא! איר ווייסט דאָך אַלץ און ווי אַזוי זאָל איך נישט גלייבן אייערע הייליקע ווערטער? איך גלייב מיטן גאַנצן האַרצן, איך בין עס גאָרנישט ווערט, אַז איר זאָלט זיין ביי מיר אין שטוב אפילו איין נאַכט, איך בין נישט אומשטאַנד אייך אָפּצוצאָלן פאַר אַלע חסדים אייערע.

—האָסט געפונען חן ביי גאָט, ווי אַזוי זשע זאָלסטו נישט געפונען חן ביי מיר? גאָט וויל דיר גוטס טאָן און ווי אַזוי זאָל איך דאָס פאַרשווייגן און נישט אויסזאָגן?

די יידענע האָט אַ ווײַלע געשוויגן, וואָרום זי איז געווען ווי שכור פון פרייד און גליק, האָט זי אַ ווײַלע פאַרגעסן די גאַנצע וועלט מיטן עסן, וואָס שטייט אויפן קוימען. אָבער פּלוצלינג האָט זיך באַוויזן אַ טרויעריקייט אויף איר פּנים און אַ שטילער זיפץ האָט זיך איר פון האַרץ אַרויסגעריסן.

—וואָס איז דיר אשה, וואָס דו זיפצסט?—האָט דער רבי געפרעגט מיט וואונדער.

—זאָל מיר דער הייליקער רבי מוחל זיין, זאָל דעם רבין נישט פאַרדריסן אויף אַזאַ נאַרישער יידענע, וואָרום איך וויל נאָך עפּעס פרעגן.

—פרעג, פרעג—

—פאַרוואָס זאָגט נישט דער הייליקער רבי, וואָס ס'וועט זיין פון מיין עלטסטן זון חיים?

דער צדיק איז אַ ביסל צעטומלט געוואָרן, וואָרום „מן השמים" האָט מען אים נישט אַנטפּלעקט, אַז די יידענע האָט נאָך אַ זון, וואָס הייסט חיים, אויך פון יענער זייט וואַנט (דאָרט וואו די קינדער שלאָפן) האָט מען אים דאָס נישט מיטגעטיילט. נאָר באַלד איז ער געקומען צו זיך. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און שווער געשטאַמלט:

—חיים... חיים... צופיל פרעגסטו, וואָרום...

די יידענע אָבער האָט אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן און האָט אויסגעשריגן:

—ווי איז מיר, ווי צו מיר! איך ווייס רבי, אַז איר ווייסט מיינע זינד. איר זעט אַלץ און ווייסט אַלץ גלייך מיט מיר. און איך וועל מיך פאַר אייך מתודע זיין: ווי מיר ווי! דורך זינד איז מיין עלטסטער זון געבוירן געוואָרן. דורך זינד איז ער אויף דער וועלט געקומען! אָבער גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב עס נישט געטאָן צוליב מיין תאוה, נאָר כדי צו דערהייבן דעם צדיקס נאָמען, וואָרום דער צדיק האָט געהייסן טאָן דעם שדוך: האָט מיך מיט מיין מאַן געבענטשט אין אונזער חתונה-טאָג אַז צום יאָר זאָלן מיר האָבן אַ קינד, און אַז איך האָב געזען אַז אָט אָט וועט די צייט אַדורך און דעם צדיקס ברכה איז נאָך אַלץ נישט מקוים געוואָרן, האָב איך דעמאָלט געפרעגט דעם מלמד, וואָס איז געווען ביי אונז אינדערהיים, און ער... אָבער צו וואָס מיינע רייד, אַז איר אַליין ווייסט אַלץ. אָבער ווי דער מלמד האָט מיר געזאָגט, וועט עס מיר גאָט נישט רעכענען פאַר קיין זינד, וואָרום איך האָב עס געטאָן פאַרן כבוד פון צדיק און כדי כ'זאָל האָבן אַ זון, וואָס זאָל קענען לערנען און נישט זיין קיין גראָבער יונג. אָבער איצט זע איך, אַז גאָט האָט עס פאַר אַ זינד. וואָרום מיינע איבריקע צוויי זין האָט ער געבענטשט און דעם עלטסטן נישט. ווי איז מיר!

דער בעל שם האָט עס רואיק אויסגעהערט און געזאָגט:

—כ'ווייס אַלץ, כ'ווייס, אָבער גאָט וועט דיר אַלץ מוחל זיין. גיב אַ סך פדיונות די צדיקים און חסידים און גאָט וועט אויך בענטשן דיין עלטסטן זון. דעם בכור.

—כ.וועל אייך פאָלגן, רבי.

—און איך וועל מאָרגן מתפלל זיין צו גאָט, ער זאָל אַרויסטרייבן דעם רוח הטומאה פון שטוב.

—אַדאַנק אייך רבי.

—און איצט דערלאַנגט מיר עסן כדי איך זאָל אויף דעם

אַ ברכה מאַכן, וואָרום אין אַזאַ שטוב דאַרף איך וואָס מער ברכות מאַכן—כדי די שטוב מיט די איינוואוינער זאָלן גע־בענטשט ווערן.

די יידענע האָט געדאַנקט און געלאָפן ברענגען עסן. אַז די יודענע איז אַרויס פון חדר האָט זי אויסגעזען ווי אַ מענטש וואָס האָט מורא פאַר זיינע זינד, גייט אַרויס מוצאי יום כפור פון שול און טראַכט, אַז גאָט האָט אָפגעמעקט אַלע זיינע זינד.

באַלד איז זי צוריקגעקומען און אַוועקגעשטעלט פאַרשי־דענע גוטע מאכלים, פון וועלכע עס וואָלטן זיך געקאָנט אָנ־עסן צען מענטשן צו דער זעט און עס זאָל נאָך בלייבן. די צדיקים האָבן אַ טבע אַז זיי עסן אַ ביסעלע פון אַ סך. און נאָר אַ דריטל פון די מאכלים האָבן זוכה געווען אויפגעגעסן צו ווערן. די יידענע איז געקומען אָפּרוימען פון טיש און האָט געזאָגט:

—דער רבי האָט דאָך גאָרנישט געגעסן, אַ סימן אַז די מאכלים געפעלן אים נישט.

—כ׳האָב געגעסן גאַנץ גענוג.—האָט ער געענטפערט.

אויך איך האָב זיך גוט אָנגעגעסן און בין דערנאָך גע־שמאַק איינגעשלאָפן.

אינדערפרי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט דערהערנדיק אַ גרויס געשריי, אַ טומל און אַ רעש. אַז איך האָב געעפנט די אויגן האָב איך דערזען, אַז דער מענטש, וואָס האָט נעכטן דערציילט די וואונדער און מופתים פון זיין רבין, שטייט אין ווינקל געשמידט אין קייטן און אַרום אים דריי באַוואָפנטע זעל־נער. פון אַלע געסט איז קיין איינער נישט געבליבן אַחוץ דער איינציקער, וואָס האָט זיך נעכטן נאָכגעפרעגט אויף דער סבה, וואָס האָט געבראַכט דעם צדיק צו אַזאַ כעס אויפן אפיקורוס מאיר זרחי, דער איז געזעסן ביי דער טיר און עפּעס געשריבן מיט אַ בלייפעדער אויף אַ בויגן פּאַפּיר. אַז ער האָט געענדיקט שרייבן, האָט ער דעם פּאַפּיר איבערגעגעבן איינעם פון די זעל־נער און געזאָגט:

—פירט דעם דאָזיקן אַוועק קיין אַשדות, און דעם בריוו

אָלט איר אַוועקגעבן צום ריכטער פון געריכט. אָבער היט זיך און לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון אים—וואָרום טאָמער אַנט-לויפט ער—וועסטו זיין שולדיק.

—זייט זיכער, אַז ער וועט זיך שוין פון מיין האַנט נישט אַרויסרייסן—האָט דער זעלבער געענטפערט און זיך אַ גלעט געטאָן די שוואַרצע וואָנסן.

דער אַרעסטירטער האָט געוויינט און זיך געבעטן מען זאָל עפענען די קייטן, נאָר קיינער האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט. ער האָט זיך אָבער געהאַלטן אין איין בעטן:

—צי ביזטו קיין ייד נישט, ביזט דאָך אַ ייד ווי איך, פאַרוואָס טוסטו מיר עס?

—ס'טוט מיר זער לייד—האָט דער מענטש געענטפערט—ס'טוט מיר זער לייד וואָס אויך דו ביזט אַ ייד, וואָרום אַזעל-כע ווי איר זענט נאָר אַ חרפה פאַר יידן. ווען איך וואָלט קיין ייד נישט געווען, וואָלט עס מיך נישט געאַרט, אַזוי אָבער איז אויף מיר אַ חוב אויסצוראָטן די דערנער פון יודישן גאָרטן.

—אָבער דערבאַרם זיך אויף מיר, האָב רחמנות אויף מיין ווייב און קינדער, אָן מיר וועלן זיי בלייבן אָן אַ שטיקל ברויט. און וואָס האָבן זיי געזינדיקט?

—פאַרוואָס האָסטו דאָס נישט געטראַכט, ווען דו האָסט זיך געכאַפּט שלאָגן מאיר זרחי. דו מיט דיינע לייט האָבן אים געשלאָגן ביז ער האָט שעור די נשמה אויסגעהויכט און האָסט נישט רחמנות געהאַט אויף זיין ווייב און קינדער וואָס זענען געווען ריין פון זינד—אויך ער אַליין האָט קיין שום שלעכטס נישט געטאָן.

—כ'שווער ביי מיין לעבן, אַז איך האָב אים גאָרנישט געטאָן!

—האָסט נאָך די העזה צו זאָגן ליגן און שווערן פאַלש? האָסט דאָך אַליין דערציילט נעכטן אַז דו האָסט אים געשלאָגן צוזאַמען מיט די רשעים! אָבער אויב דו האָסט נאָך מיט וואָס צו באַווייזן דיין אומשולד, וועסטו עס באַווייזן אין געריכט.

—און אויב אַפילו איך האָב געהאָלפן שלאָגן, בין איך

דען איינער? פאַרוואָס דאַרף איך אַליין ליידן פאַר אַלע?

—דו וועסט אַליין נישט ליידן, מען וועט זיי אַלע כאַפּן. אויך דעם צדיק אַליין וועלן זעלנער שמידן אין קייטן.

—„עמו אנכי בצרה"!—האָט דער אַרעסטירטער פלוצלינג אויסגעשריגן מיט פרייד ווי ער וואָלט משוגע געוואָרן און גע־וואָלט פּליעסקען מיט די הענט, אָבער די אײַזערנע קייטן האָבן אים געשטערט דאָס צו טאָן—בעל הביתטע!—האָט ער אויסגע־שריגן—גיט מיר אַ גלעזל בראָנפן! דער צדיק וועט באַצאָלן! פאַר רבינס געזונט!—האָט ער אויסגערופן נעמענדיק דאָס גלעזל און אויסבייגנדיק דעם קאָפּ צום טרינקען—לחיים פאַר אַלע יידן, און צום טויט פאַר דעם מסור, גיט נאָך איינס! דער רבי וועט באַצאָלן! און ווער ווייס ווי לאַנג ער וואָלט אַזוי גע־טרונקען פאַרן צדיקס געזונט, אָבער דער מענטש האָט געגעבן אַ צייכן דעם זעלנער, זיי זאָלן זיך לאָזן אין וועג אַריין און אַז זיי האָבן זיך אויסגעדרייט צו גיין, האָט דער אַרעסטירטער אויסגעשריגן הויך:

—מוסר! כופר! אפיקורוס! ממזר! וואַרט, וואַרט, וואַרט! דו וועסט אַריינפאַלן אין אונזערע הענט, וועלן מיר דיר באַצאָלן.

דער מענטש האָט גאָרנישט געענטפערט און איז אַרויס.

די גאַנצע צייט איז דער רבי געזעסן שטיל אויף זיין אָרט און אפילו קיין שטאַרקן אָטעם נישט אַרויסגעלאָזט. נאָר ווען אַלע זענען אַרויס פון שטוב, האָט ער זיך אויפגעהויבן און אָנגעהויבן שפּאַנען הין און צוריק ווי זיין שמייגער איז תמיד געווען. נאָך מיטאָג, האָט ער מיך געהייסן, אַז פאַרנאַכט זאָל איך אים כאַפּן אַ קאַץ. וואָס ער וויל טאָן מיט דער קאַץ האָב איך נישט געוואוסט, נאָר זיכער בין איך געווען, אַז ער וועט שוין עפּעס מיט איר מאַכן. פאַרנאַכט האָב איך אים גע־בראַכט אַ קאַץ. ער האָט זי ביי מיר צוגענומען און באַהאַלטן אין אַ פּענכער און האָט געהייסן מען זאָל אים אויסרוימען זיין שלאָפחדר. ער איז אַהין אַריין און דאָרט געבליבן ביי אַ האַל־בע שעה און אַז ער איז אַרויסגעקומען האָט ער אָנגעזאָגט אַלע שטוב-מענטשן, אַז קיינער זאָל זיך נישט אַנטוועגן צוצוגיין צו

דעם צימער אַריינקוקן, וואָרום ער קאָן האָבן אַ שלעכטן סוף. אַלע האָבן געהערט ווי ער האָט אָנגעזאָגט און האָבן זיך אָפּגערוקט פון דעם חדר. ער האָט מיך אַריינגערופן צו זיך און מיך געהייסן גיין אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אין שלאָפּחדר. אַז איך בין אַהין אַריין, האָב איך דערזען ווי די קישן הייבט זיך, וואַרפט זיך אַהין און אַהער, אַרויף און אַראָפּ, ווי זי וואָלט לעבעדיק געוואָרן. כ'האָב אָנגעהויבן צו שרייען, אַלע שטוב-מענטשן זענען זיך צונויפגעלאָפן, האָבן דאָס דערזען און אַ געוואַלדיקע שרעק איז זיי באַפאַלן.

—ווי געשריגן! רבי, הייליקער רבי!—האָט די יודענע זיך צעשריגן מיטן גאַנצן האַרצן—מיר זענען פאַרלוירן, רבי!

—וואָס איז? וואָס פאַר אַ געשריי?—האָט ער געפרעגט מיט וואונדער אַרויסגייענדיק רואיק פון זיין חדר—וואָס איז געשען?

—שדים שפּרינגען אַרום אין צימער! ווי איז מיר, מיר זענען פאַרלוירן—האָט זיך די יודענע צעוויינט.

—איר האָט שלעכט געטאָן!—האָט ער אויסגערופן בייז—פאַרוואָס האָט איר מיך נישט געפאָלגט. איך האָב דאָך אָנגעזאָגט, אַז קיינער זאָל זיך נישט אַנטוועגן אַריינצוקוקן אין צימער ביז נאָך צוויי שעה.

—ראַטעוועט אונז, הייליקער רבי! ראַטעוועט מיינע קינדער, העלפט רבי!

—איר זענט אַליין שולדיק, ווייל איר האָט מיך נישט געפאָלגט. נאָר שרעקט אייך נישט, עס וועט אייך קיין בייז נישט זיין. גייט אַרויס פון דאַנען און איך וועל פּרובן מיין כח.

אַלע זענען אַרויס פון דעם חדר און איך מיט אַלע. ער אַליין איז אַריין אין דעם צימער וואו די שדים זענען אַרומגעשפּרונגען.

—אוי, אוי!—האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ שטים פון דאָרט. און אַלע זענען שטאַרק דערציטערט געוואָרן.

—ס'איז דעם רבינס קול—האָב איך זיי געזאָגט און בין גיך אַריין צו אים אין צימער און ווי איבערראַשט בין איך

געוואָרן דערזועענדיק, אַז דעם בעל שמס פּנים איז שטאַרק צע־גראַטשעט און איינגעשמירט אין בלוט, זיין רעכט אויג טרערט מיט טרערן און בלוט און זעט אויס שרעקלעך.

—וואָס איז דאָס?—האָב איך געפרעגט דערשראָקן.

—דער מנוול האָט מיך געשעדיקט; כ׳האָב מלחמה גע־האַלטן מיטן שד, כ׳בין אים בייגעקומען, אָבער אויך ער האָט זיך אין מיר נוקם געווען—אַזוי זאָלסטו זאָגן פאַר די שטוב מענטשן—און דו נעם גיך אַרויס די קישן אין דרויסן אַרויס און צערייס זי אויף שטיקלעך פאַר זייערע אויגן, און די פע־דערן צעלאָז מיטן ווינט אויף אַלע זייטן.

די שטוב-מענטשן, אַז זיי האָבן געזען ווי איך צערייס דאָס קישן, האָבן זיי זיך שטאַרק געוואונדערט און ביי זיי איז עס געווען אַ גרויסער מופת. אַז עס זענען שוין גאָרנישט גע־בליבן פון די פעדערן, ערשט דעמאָלט האָבן זיי זיך אונטער־געשטעלט אַריינצוגיין אין שטוב און די אַלטע יודענע האָט געזאָגט:

—איך האָב אים געזען

—ווּעמען האָסטו געזען?—האָט די בעל הביתטע געפרעגט.

—דעם שד—האָט די אַלטע ג ענטפערט מיט זיכערקייט.

—גאָט זאָל אונז אויסהיטן—האָט די בעל-הביתטע אויס־געשריגן און זיך פאַרשטאָפּט די אויערן—ברענג נישט דעם נאָמען אויף דיינע ליפּן.

—אָבער איך האָב אים געזען מיט מיינע אייגענע אויגן—האָט די אַלטע געענטפערט—ער האָט זיך פאַרשטעלט אין גע־שטאַלט פון אַ מוראַדיקער חיה, ער האָט אויסגעזען ווי אַ־קאַץ באַוואַקסן מיט פעדערן, ווען ער האָט זיך אַרויסגעריסן און אַנטלאָפן דורכן פענצטער און פאַרשוואונדן געוואָרן.

—אויך איך האָב אים געזען—האָט די קעכין געזאָגט.

—ווער האָט אים דען נישט געזען?—האָט די בעל-הביתטע זיך צעשריגן אויף זיי—וואָרום זי האָט זיך געשעמט זי זאָל אים נישט האָבן געזען—אָבער צו וואָס זאָל מען רעדן פון אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן? געלויבט איז גאָט און דער הייליקער

רבי, וואָס האָט אונז געראַטעוועט פון אים—הערנדיק זייערע רייד האָב איך איצט פאַרשטאַנען, וואָס דער אויסוואורף האָט געטאָן מיט דער קאַץ, אַז ער אַליין האָט זי אַריינגעלאָזט אין קישן און ווען ער האָט זי אַרויסגעלאָזט האָט זי מיט די נעגל צעגראַטשעט זיין פּנים און אים אויסגעשטאָכן דאָס רעכטע אויג. איך האָב זיך געפרייט מיט דער געשעעניש, ווייל דאָס וועט מיר העלפן דורכצופירן מיין פּלאַן. כ׳האָב זיי דערציילט וואָס דער רבי האָט געזאָגט, כ׳האָב זיי דערציילט פון דער שרעקלעכער מלחמה, וואָס דער רבי האָט געהאַט צו פירן מיטן שד. איך האָב זיי אויך אָנגעזאָגט אין זיין נאָמען, אַז קיין שום מענטש זאָל נישט אַריינגיין אין זיין צימער, אויב מען וועט אים נישט רופן ביים נאָמען. איך האָב דאָס אַלץ דערציילט הויך אויפן קול, כדי ער זאָל זען אַז איך פּאָלג אים אַלץ.

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געזיפצט און געקרעכצט און זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער: וואָרום ער האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן פון ווייטאָק. אויך איך האָב קיין אויג נישט צוגעמאַכט די גאַנצע נאַכט; איך האָב געהאַלטן אין איין טראַכטן ווי אַזוי דורכצופירן מיין פּלאַן. אינדערפרי באַגינען, אַז איך האָב געזען, אַז ער איז איינגעשלאָפן, בין איך שטיל אַרויס פון זיין חדר און געזאָגט אין שטוב, אַז דער רבי האָט מיר ביינאַכט באַפוילן איך זאָל צוריקקערן קיין אַשדות אום צו רופן איינעם פון זיינע חברים. דערנאָך בין איך צוריק אַריין און גענומען די קליינע וואַליזקע אין וועלכער עס זענען געווען פאַרשלאָסן די כתבים און דאָס געלט, בין אַרויס מיט דעם און אָנגעזאָגט שטרענג, אַז קיינער זאָל זיך נישט אַגטוועגן אַריינצוגיין צום רבין סיידן, דער רבי וועט אים רופן מיטן נאָמען.

—גוט—האָט די בעל הביתטע געענטפערט—אָבער ווי וועסטו גיין צופוס אַזאַ וויטן וועג? וואַרט צו נאָך אַ ביסל, וועל איך הייסן איינשפּאַנען דאָס פערד און וועגעלע.

כ׳האָב איר געדאַנקט און געזאָגט, אַז איך קאָן נישט פאַרזוימען קיין איין מינוט, ווייל עס איז זער אַ נייטיקע זאַך. דעריבער וועל איך זיך לאָזן גיין צופוס ביז דעם נאָענטן קליי-

בעם שטעטל און דאָרט וועל איך זיך נעמען אַ וועגעלע כדי זיך נישט צו זוימען אין וועג.

אויך דאָס איז איר געפעלן: וואָרום זי האָט מיך נישט חושד געווען אין גאָרנישט. און ווי אַזוי זאָל איר טאַקע איינ-פאַלן, אַז דער אויף וועמען דער צדיק פאַרלאָזט זיך זאָל עפּעס שלעכטס אין זינען האָבן? און ווען יאָ—וואָלט עס דאָך דער צדיק געוואוסט, גאָט אַליין וואָלט עס דאָך אים מודיע געווען...

## ו.

# דער בעל הבית.

כילון איז זער אַ קליין שטעטל. עס געפינען זיך בײַ דרײַסיק הײַזער, וואָס האָבן נישט קיין טעם און קיין ריח. זיי שטייען ווי צוויי סטאַדעס שעפסן איינע קעגן די אַנדערע, איין העלפט פון דער זײַט און די אַנדערע העלפט פון דער צווייטער זײַט, אין מיטן געפינט זיך אַ גרין באַוואַקסענער פּלאַץ, אויף וועלכן עס שפּאַצירן אַרום גענז, הינער און טויבן, גייען זיך אַרום במנוחה און קיינער שרעקט זיי נישט. איין גרויסער האָן איז אַרומגעגאַנגען שטאָלץ און גרויס בײַ זיך צווישן די הינער, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, האָט אויסגעצויגן די פליגל, וואָס האָבן געגרייכט מיט די שפּיצן ביז דער ערד און הויך געגאָרגעלט, געשפּרונגען, געטאַנצט און געשאָקלט מיט דער קאָם, אַז איך האָב דעם האָן דערזען האָב איך זיך שטאַרק צעלאַכט; ער האָט מיר דערמאַנט דעם גרעסטן און עלטסטן צווישן די חסידים אין אַשדות, וואָס האָט אויסגעזען ווי דער האָן; זײַן קאַפּאָטע האָט געגרייכט ביז דער ערד און ער האָט אויך געשפּרונגען און געטאַנצט, האָט הויך געשריגן, כּדי אָנ-

צעוואַרפן אַ שרעק אויף אַלע, וואָס זענען געקומען אין שטיבל אַריין...

איך בין אַוועק אין גאַסטהויז—ס'הייסט אין שול אַריין, וואָרום אַהין קומען אַלע אָרימעלייט דורכגייער, זיך אָפּצורוען פון וועג און דאָרט געפינען זיי אויך אַ מאָלצייט, וואָרום פון אַלע וואָס קומען אַהין דאַווענען, נעמט יעדער מיט אַן אורח צו וועטשערע.

כ'בין געקומען אין שול און אָפּגעדאַווענט מיטן עולם מנחה. דער גאַנצער עולם איז באַשטאַנען פון אַ מענטשן זיבע-צען, האָבן אַלע געדאַווענט יעדער אויף זיין אָרט. נאָר צוויי פון זיי, איינער פון אַ יאָר אַכצען אַ נידריקער מיט אַ גרויסן קאָפּ מיט שוואַרצע האָר און אַ פּנים פון אַ יונג ווייבל. דער צווייטער—אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט גלאַנציקע לויפנדיקע איי-געלעך, געלע האָר און אַ לאַנגער נאָז. זייביידע האָבן נישט געדאַווענט, נאָר גערעדט צווישן זיך די גאַנצע צייט. איך האָב געהערט וועגן וואָס זיי ריידן און אַ ציטערניש איז מיך באַ-פאַלן הערנדיק אַז זיי רעדן דאָס וועגן מיר.

—ס'איז מיר אַ חידוש!—האָט איינער געזאָגט צום צווייטן—פון וואַנען קומט צו אַזאַ יונגל, וואָס גייט צופוס אַזאַ לעדער-נע וואַליזקע?

—נישט אַנדערש, אַז ער האָט זי אַוועקגעגנבעט פון אַ רייכן מאַן, ערגעץ אין אַ גאַסטהויז אויפן וועג—האָט דער צווייטער געענטפערט.

—איך מיין אויך אַזוי. גיב זשע אַן עצה ווי אַזוי מציל צו זיין די גנבה פון גנב, דו ביזט דאָך עפּעס אַ קלוגער.

—אַן עצה? וואָס דאַרפן מיר זוכן עצות? איך וועל צו-גיין און אים גוט אויספּאַטשן נאָך איידער איך וועל ביי אים עפּעס פרעגן און ער וועט שוין נישט האָבן קיין העזה צו לייקענען און וועט באַלד מודה זיין און אונז אַוועקגעבן די גנבה.

—דיין עצה איז אַ גוטע, איך האָב אָבער מורא, טאָמער קומט אָן דער גבאי און ער וועט נישט דערלאָזן.

—ער וועט נישט קומען היינט, ווארום ער האט היינט צו טאָן מיט די פּויערים, ביי וועלכע ער האט געקויפט ווייץ. און מיר קאָנען טאָן, וואָס אונז געפעלט, און אויב עס וועט דאָרט ליגן אַ סך געלט, וועט אונז דער גבאי נאָך דאַנקען און קיין גלעזל בראָנפן וועט נישט פעלן.

—פונדעסטוועגן האָב איך מורא טאָמער קומט ער פלוצ-לונג אָן אין מיטן און וועט שטאַרק בייז ווערן. דו ווייסט דאָך, אַז ער האָט פיינט מען זאָל עפּעס טאָן איידער מען פרעגט ביי אים. דעריבער איז מיין עצה מיר זאָל אויך צורופן ראובנען, ער איז זיין שוועסטערס זון און צוליב אים וועט ער אונז פאַרשווייגן.

—לאָז אים צורו דעם ראובנען, ער ווייסט וואָס עס טוט זיך מיט אים. קאָנסט אים אַראָפּגנבענען דעם קאָפּ פון די אַקסלען, וועט ער אויך קיין וואָרט נישט זאָגן.

—פונדעסטוועגן וועל איך פּרובן רעדן מיט אים.

—פּרוב אויב דו ווילסט.

—ראובן!—האָט אים גערופן דער נידריקער.

—וואָס איז—האָט יענער געפרעגט.

—דו זעסט דעם יונגל מיט דער וואַליזקע?

—וואָס איז מיין עסק?

—פון וואַנען קומט צו אים די וואַליזקע? אַ לעדערנע וואַליזקע ביי אַ יונגל אַ שלעפּער!

—וואָס איז מיין עסק צו זיין וואַליזקע?

—ביזט דאָך טאַקע גאָר אַ מיידל נישט קיין בחור. „וואָס איז מיין עסק", עס פאַלט דיר גאָר נישט איין: אפשר האָט ער זי געגנבעט!

—ביי מיר האָט ער גאָרנישט געגנבעט. און וואָס איז מיין עסק צי ער האָט יאָ געגנבעט אָדער נישט געגנבעט. מיר איז אַלץ איינס.

—גיי צום טייוול!—האָט אויסגערופן דער הויכער מיט אַ געלעכטער און בייזקייט.—ביזט אַ שלימזל!

ס'איז זיך לייכט פאַרצושטעלן מיין שרעק און ציטערניש

הערנדיק זייערע רייד, אַז זיי האַלטן מיך פאַר אַ גנב און ווילן מיר צונעמען די וואַליזקע, און ווייל ביי זיך אַליין בין איך אויך געווען אַ גנב — האָב איך זיך שטאַרק דערשראָקן. כ'האָב אָנגעהויבן טראַכטן ווי אַזוי אַנטרונען צו ווערן פון זייערע הענט, נאָר כ'האָב נישט געפונען קיין שום עצה. צום ערשטן האָב איך זיך געהאַט באַשלאָסן אַוועקצוגיין פון שטאָט, נאָר איך האָב זיך באַטראַכט: מענטשן וועלן זען אַז איך פאַרלאָז דאָס שטעטל ביינאַכט, וועט ביי אַלע בלייבן, אַז איך בין אַ גנב. כ'האָב אויך מורא געהאַט צו גיין אַליין ביינאַכט. נישט האָבנדיק קיין שום ברירה, איז ביי מיר געבליבן זיך צו דער-ווייטערן פון זיי און וואַרטן. כ'בין אַריין אין בית-המדרש, וואָס איז געווען ביי דער זייט פון שול — אויף צו לערנען דאָרט — האָב זיך דאָרט אַוועקגעזעצט און געהאַלטן מיין וואַליזקע מיט אַלע כחות ווי איך וואָלט זיך געגרייט מלחמה צו האַלטן. אויך ביי מעריב דאַווענען בין איך געזעסן אויף מיין אָרט מורא האָבנדיק מען זאָל מיר נישט צונעמען די וואַליזקע. נאָכן דאַ-ווענען זענען אַלע אַוועק און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן מיך צו נעמען אויף וועטשערע, וואָרום איך בין געזעסן אין דעם זייטיקן בית-המדרש און קיינער האָט מיך נישט געזען. פינף פון די וואָס לערנען אין בית המדרש זענען אַריינגעקו-מען און יעדער האָט גענומען אַ ספר אין האַנט. אויך די צוויי וואָס האָבן געטראַכט צוצונעמען מיין וואַליזקע — זענען געווען צווישן זיי. איך האָב מיין אָרט נישט פאַרלאָזט און פון רגע צו רגע איז מיין שרעק געוואַקסן, אַזוי אַז איך האָב אָן עסן פאַרגעסן.

מיטאַמאָל איז איינער צו מיר צוגעגאַנגען און ברייט באַפעלעריש אַ פרעג געטאָן.

— פון וואַנען ביזטו און ווי הייסטו?

— וואָס פאַר אַן עסק האָט איר צו מיר וואָס איר פרעגט זיך נאָך? — האָב איך זיך אונטערגעשטעלט און געענטפערט: איך האָב געמיינט, אַז ער וועט זען, אַז איך בין נישט קיין דער-שראָקענער, וועט ער מיך לאָזן געמאַך.

—ע, דו עזות פנים!—האָט ער זיך מיר מוראדיק אַ גע-שריי געטאָן—דו ווייסט ווער איך בין? איך בין די צווייטע האַנט פון גבאי, איך לערן שוין דאָ אַכצען יאָר, איך גיב אַכ-טונג אויף די ספרים און אַלע אוצרות אין שול. און אויב עמי-צער וועט עפּעס צונעמען—וועל איך שולדיק זיין. דעריבער דאַרף איך וויסן ווי ס׳הייסט דער, וואָס קומט אַהער נעכטיקן, פון וואַנען ער קומט און וואוהין ער גייט. און דו שטעלסט זיך אונטער מיר צו ענטפערן מיט עזות!

—האָט נישט קיין מורא פאַר מיר—האָב איך געענטפערט—וואָרום איך בין נישט קיין גנב און האָב נאָך קיינמאָל נישט גענומען קיין זאַך, וואָס איז נישט מיין.

—און דו זאָג מיר תיכף פון וואַנען דו ביזט, אויב נישט וועל איך וויסן, אַז ביזט אַ גנב און וועל וויסן וואָס כ׳האָב צו טאָן.—האָט ער אויף מיר שטאַרק אַ געשריי געטאָן און גע-מאַכט אַ טריט נענטער צו מיר.

די ווערטער האָבן מיר אַ זעץ געטאָן ווי אַ דונער אין קאָפּ און מיך איבערגעשראָקן. דעריבער האָב איך אָנגעהויבן ענטפערן שוין ווייכער.

—אויב איר ווילט וויסן מיין נאָמען און פון וואַנען איך בין קאָן איך אייך זאָגן: איך הייס יוסף און בין אַ יתום אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען און בין פון דער שטאָט ע ז ו ב ה.

—דו ביזט פון עזובה און איך קען דיך נישט?!—האָט ער אויסגערופן מיט וואונדער—דו קענסט דאָרט דעם רב ר׳ אברהם אַן אייניקל פון רבין, וואָס וואוינט דאָרט?

—ניין—האָב איך געענטפערט.

—ניין! ניין! היתּכן זאָלסט נישט קענען דעם רב אויב דו ביזט פון עזובה? זאָג מיר וועמען קענסטו פון דאָרט? קענסט אפשר דעם גביר אַחירע?

אַלע מיינע אברים האָבן אָנגעהויבן אין מיר ציטערן דער-הערנדיק מיין פּעטערס נאָמען, איך בין אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז איך האָב נישט געקאָנט קיין וואָרט אויסריידן.

—ס׳אַ ליגן!—האָט ער זיך צעשריגן—דו ביזט נישט פון

עזובה. דו׳ ווילסט מיך אָפּנאַרן, איך זע שוין באַשײנפּערלעך, אַז דו ביזט אַ גנבֿ!

—איך האָב קײנמאָל נישט געגנבֿעט—האָב איך זיך גענו־מען בעטן—די שטאָט עזובה געדענק איך שוין נישט: וואָרום ווען איך בין נאָך אַ קלײן יונגל געווען, האָב איך פאַרלאָזט די שטאָט, אין אַשדות האָב איך ביז אַהער געוואוינט.

—אין אַשרות האָסטו געוואוינט! דאָרט וואו עס וואוינען נאָר כופרים, משומדים און אפּיקורסים, דאָרט וואו מען האָט גע־מסרט אונזער הײליקן רבין כדי אים אַײנצוזעצן אין תּפיסה, ביזט מסתּם אויך נישט בעסער פון זײ. ווײז מיר גיכער, האָסט אַ טלית קטן מיט כשרע ציצית?

און נישט וואַרטנדיק, האָט ער מיר גלײך צעקנעפּלט און געפינען דעם טלית קטן נאָר די ציצית זענען געווען אַרײנגע־לאָזט אין די הויזן אַרײן און אײן ציצה האָט נאָר געהאַט זעקס פעדים.

—אַפּיקורוס! מומר להכעיס!—האָט ער זיך צעליאַרמט ווי שדים וואָלטן אים באַפאַלן—ווי אַזוי האָסטו געהאַט די העזה אַרײנצוקומען אין אַ מקום קדוש ווען דו באַהאַלטסט די ציצית אין די הויזן און בײ אײן ציצה פעלט צווײ פעדים?! אַן אַפּיקורוס ביזטו! און אַן אַפּיקורוס איז חשוד אויף אַלסדינג. זאָג זשע גיכער: וואו האָסטו גענומען די דאָזיקע וואַליזקע? וואָס איז דאָ אין איר? האַ?

—ס׳איז מײן וואַליזקע—האָב איך געענטפערט מיט פּחד.

—אַ ליגן!—האָט ער אויסגעשריגן מיט צאָרן און מיר אַראָפּ־געלאָזט אַ פּאַטש מיט גרויס אכזריות.

ער האָט מיך גענומען שלאָגן און פון די קלעפּ איז מיר דער קאָפּ צעמישט געוואָרן; אין די אויערן האָט מיר געקלונגען ווי טויזנטער גלעקער מיט פאַרשידענע קולות, פאַר די אויגן זענען מיר געפלויגן ווי טויזנטער פײערדיקע רע־דער, גרויסע און קלײנע, רויטע, גרינע און שוואַרצע. איך

האָב אָבער נישט געוויינט, דאָס האַרץ איז מיר פאַרשטיינערט געוואָרן.

—האָט איר געזען אַזוינס?—האָט ער אויסגערופן מיט נצחון—האָט איר געזען? אַזאַ יונגל זאָל אויסהאַלטן אַזעלכע קלעפּ און שווייגן? זיי זיך מודה, אַז דו ביזט אַ גנב. נישט אַנדערש, אַז ער איז שוין געוואוינט צו קלעפּ, אַזוי ווי אַלע גנבים! ער וועט נישט וויינען אפילו ווען מען זאָל אים צעשניידן אויף שטיקער. אָבער ביי מיר וועט ער רעדן!

און האָט מיך ווידער אָנגעהויבן שלאָגן מכת אכזריות.

ערשט דעמאָלט האָב איך זיך ביטער צעוויינט און אָנגעהויבן גיסן מיט בעך-טרערן. די טרערן האָבן ווייך געמאַכט די הערצער פון די וואָס זענען דערביי געשטאַנען און זיי האָבן אים גענומען בעטן ער זאָל מיך אָפּלאָזן, אָבער דער אכזר איז נישט ווייכער געוואָרן און געזאָגט צו זייניקע:

—זעט נאָר זעט, ווי דאָס גיסט מיט טרערן. אַזוי איז שוין דער שטייגער פון אַלע גנבים! זיי וויינען באַלד כדי צו דערוועקן רחמנות צו זיך. נאָר איך וועל אָבער קיין רחמנות נישט האָבן אויף אַזאַ אויסוואורף—האָט ער אויסגעשטעלט אַ רוצחיש פּנים—זאָג גיכער, זיי זיך מודה. וואו האָסטו געגנבעט די וואַליזקע?

איך האָב גאָרנישט געענטפערט, איך בין אינגאַנצן געווען צעטומלט און נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן און ער האָט ווי־דער אויפגעהויבן די האַנט. דעמאָלט איז צו אים צוגעלאָפן איינער פון די, וואָס זענען דערביי געשטאַנען און געזאָגט:

—פון וואַנען ווייסטו, אַז ער האָט די וואַליזקע געגנבעט? טאָמער האָט ער זי אַליין געקויפט? זער נישט פיין צו שלאָגן אָן רחמנות אַ פרעמד יונגל, וואָס איז געקומען אַהער נעכטיקן און האָט קיינעם נישט.

—דו האָסט נישט קיין גאָט אין האַרצן! האָסט פאַר גאָט נישט קיין מורא, אַז דו קאָנסט זיך אָננעמען פאַר אַן אפּיקורוס, וואָס האָט געוואוינט אין אַשדות און האָט פּסולע ציצית!

יענער האָט זיך אָפּגערוקט און גאָרנישט געענטפערט.

—ער איז דאָך אָבער נאָך אַ יונגל—האָט זיך אַ צווייטער אָנגערופן—און ער קאָן נאָך זיין אַ גרויסער צדיק, ווען ער וועט עלטער ווערן.

—אויף דיר איז מיר שוין גאָר אַ וואונדער—האָט. דער אכזר אים געענטפערט—דו ביזט דאָך אַ ירא שמים מיטן גאַנצן האַרצן, און ווי קומט עס צו דיר דו זאָלסט זיך אָננעמען פאַר אַזאַ אויסוואורף, וואָס האָט געוואוינט צווישן די אפיקורסים אין אשדות און זיך אויסגעלערנט זייערע דרכים?

יענער האָט מודה געווען, אַז ער האָט זיך באַנאַרישט. און דער אכזר איז ווידער צוגעגאַנגען צו מיר. איך האָב געוויינט, זיך געבעטן און ער איז אַלץ מער געוואָרן אין דער רציחה און געליאַרמט:

—זיי זיך מודה! אויב נישט...

איך האָב שוין אָנגעהויבן טראַכטן פון מודה זיין זיך, זעענדיק, אַז ער וועט מיך נישט אָפּלאָזן. נאָר דאָ האָט זיך פּלוצלונג געעפנט די טיר און אַן עלטערער מענטש איז אַריינגעקומען. אַ שרעקלעכע אימה איז אַלעמען באַפאַלן דערזעענדיק אים, און דער אַכזר, וואָס האָט מיך געשלאָגן, האָט מיט ציטערניש אָפּגעטרעטן פון מיר און געהאַט אַ פּנים ווי אַ גנב וואָס מען כאַפּט ביי דער האַנט. דער אַריינגעקומענער האָט זיך געגעבן אַ גלעט די צוויי שפּיצן פון זיין לאַנגער באָרד, האָט זיך אַרומגעקוקט און ווי אַ מושל געפרעגט:

—וואָס איז דאָ? וואָס איז עס פאַר אַ ליאַרמעס, וואָס איך האָב געהערט פאַרבייגייענדיק די שול? איצט איז די צייט אַרומצוגיין פּוסט און פּאַסט? פּוליאַקעס! דערפאַר גיט מען אייך צו עסן איר זאָלט זיך נאַריש מאַכן? טעג-פרעסער! קיינער פון אייך נעמט נישט קיין יידיש ספר אין האַנט! פאַר וואָס פרעסט איר אומזיסטע טעג? האַ? גזלנים! רויבער! רוצחים! אַרויס פון דאַנען! ביז אינדערפרי זאָל אייער פוס דאָ נישט זיין!

אַלע האָבן געשוויגן און געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

—ווער איז דאָס יונגל? פאַרוואָס וויינט ער?

אַלע האָבן געשוויגן.

—איר זענט שטום געוואָרן צי וואָס?—האָט ער אָנגעהויבן טופּען מיט די פיס אַז די ווענט האָבן געציטערט—מיט אַ מינוט צוריק האָט איר געשריגן ווי שכורע פּויערים און איצט שווייגט איר? וואָלף! ווער איז דאָס ייִנגל און פאַרוואָס וויינט ער?

דער אַכזר, וואָס איז מיט אַ מינוט פריער אויף מיר אָנגעפאַלן ווי אַ ווילדער וואָלף, איז איצט געוואָרן ווי אַ שטיל לעמעלע און האָט קיין כח נישט געהאַט צו ענטפערן אויף דעם, וואָס מען האָט אים געפרעגט—האָט ער שטיל אַרויסגעשעפּטשעט:

—ער האָט געגנבעט.

—ער האָט געגנבעט! וואָס האָט ער געגנבעט? וואו האָט ער געגנבעט? ביי וועמען האָט ער געגנבעט?

יענער איז געבליבן שטאַרק צעטומלט פון די פראַגן און נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. אין מיר האָט ער אָבער אַריינגעזעצט אַ נייע נשמה און איך האָב געוואַרט ביז ער וועט זיך ווענדן צו מיר. ער האָט אָבער זיך צו מיר נישט געווענדט און האָט נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן דונערן אויף דעם אכזר:

—וואָלף! ווייסט ווער איך בין? ווייסטו צו וועמען דו רעדסט? דו האָסט דאָך נאָר וואָס געזאָגט, אַז ער האָט געגנבעט, פאַרוואָס-זשע ענטפערסטו מיר נישט: וואָס, פון וועמען און וואו האָט ער געגנבעט?

—איך ווייס נישט—האָט וואָלף געענטפערט גאַנץ שטיל און האָט אינגאַנצן געציטערט—אָבער די דאָזיקע וואַליזקע...

—זאָל דיך נעמען דער טייוול! זאָלסט גיין אין דער ערד אַריין דו, מיט דיין טאַטן און זיידן ביז דיין צענטן זיידן, אויסוואורף! דו ווערסט פון מיר חוזק מאַכן? וואָס קער איך מיך אָן צו זיין וואַליזקע?!

אַזוי רעדנדיק איז ער צו מיר צוגעגאַנגען און מיך געפרעגט וואָס דאָ טוט זיך. און כאָטש ער האָט זיך באַמיט מיט אַלע כחות צו פאַרבאָרגן זיין כעס רעדנדיק צו מיר, פונדעסטוועגן האָט ער אויסגעזען ווי אַ ווילדע חיה, וואָס וויל פאַר-

ציקן: פון מויל האָט געזעצט אַ שוים פון כּעס, די הענט האָבן אים געציטערט, די אויגן זענען אים אַרויסגעקראָכן פון די לעכער, נאָר מיך האָט עס נישט געשראָקן, ווייסנדיק אַז נישט אויף מיר איז ער אַזוי אין כּעס. דעריבער האָב איך אים גע-ענטפערט מיט געשליפענע גלאַטיקע ריידלעך, ווי עס קענען די גרויסשטעטישע, וואָס ווירקן אַזוי אַרום אויף אַ דאָרפסמאַן און ער גלייבט אַלץ.

—טייערער הער—האָב איך אים געהנפט—הערט מיך אויס, וואָרום דאָס האָט אייך גאָט אַליין צוגעשיקט מיך צו ראַטעווען פון אַכזר. טייערער הער, איר זענט אַ געטלעכער מאַן! איך זע באַשיינפערלעך אַז איר האָט פיינט שקר, דערבאַרמט זיך איבער מיר, העלפט מיר און איך וועל עס אייך אייביק נישט פאַרגעסן. וואוהין איך וועל נאָר קומען, וועל איך אומעטום דערציילן אַז אין דער שטאָט איז דאָ אַ מלאך מושיע.

—וואָס איז דיר, קינד מיינס?—האָט ער געפרעגט מיט רחמנות, וואָרום מיין רעדן איז אים געפעלן און מיין געוויין האָט אויף אים געווירקט.—זאָג גלייך, וואָס דו פאַרלאַנגסט און איך וועל דיר טאָן אַלץ, וואָס איך בין בכח צו טאָן.

—טייערער הער! איך ווייס, אַז איר קאָנט אַלץ טאָן, דעריבער זייט מיך מציל פון דעם דאָזיקן וואָלף, וואָס איז אויף מיר אָנגעפאַלן ווי אַ וואָלף פון דער מדבר און האָט מיך געשלאָגן אומזיסט און אומנישט מכּת רצח—און איך האָב דאָך גאָרנישט געזינדיקט.

איידער נאָך איך האָב געענדיקט רעדן און ווי אַ לייב איז ער אויפגעשפּרונגען, האָט געכאַפּט דעם אַכזר פאַרן קאַרק און אים אָנגעהויבן טרייסלען מיט אַ שרעקלעכן כּעס.

—וואָס האָסטו געוואָלט פון אים? האַ? פאַרוואָס האָסטו אים געשלאָגן?

—אוי, לאָזט מיך אָפּ!—האָט זיך יענער געבעטן מיט אַ שטים ווי פון אונטער אַ וואַנט, מחמת ער האָט אים דערוויילגעשטיקט—וויי איז מיר, לאָזט מיך אָפּ!

איך האָב אויף אים רחמנות געקריגן און נישט געקאָנט

צוקוקן זיינע צרות, בין איך צוגעגאַנגען צו דעם ייד און אים געבעטן, ער זאָל אים אָפּלאָזן. דער ייד האָט זיך פאַרוואונדערט און געזאָגט:

—דו האָסט אַ גוט האַרץ און אַ טייערע נשמה, אַז דו קאָנסט אַזוי גיך מוחל זיין דיין פיינט, אָבער דערצייל מיר, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

—אויב איר וועט מיר צוזאָגן אויף אייער וואָרט, אַז איר וועט אים גאָרנישט טאָן, וועל איך אייך דערציילן ווי דאָס איז פאָרגעקומען.

ער האָט מיר צוגעזאָגט און איך האָב אים אַלץ דערציילט. איך האָב אויך נישט פאַרלייקנט, אַז מיינע וויטאָקן זענען גרויס און אַז דער וואָלף איז אין מיינע אויגן אַ רוצח. הערנדיק, וואָס ער האָט מיר געטאָן, איז ער אַלע ווײַלע אַריין אין ווילדן כעס און זיך געוואָלט אַ וואָרף טאָן צו אים, אָבער איך האָב אים פאַרשטעלט און נישט געלאָזט ער זאָל אים אָנרירן. און דערמיט בין איך אים אַזוי געפעלן, אַז ער האָט מיך גערופן צו זיך אַהיים אויף וועטשערע און צו נעכטיקן ביי אים.

צו וואָלפן האָט ער געזאָגט:

—ווען נישט דאָס, וואָס איך טו דעם יונגל צוליב—וואָלט איך דיר געוויזן, וואָס איך קען. אָבער איך האָב צוגעזאָגט און וועל דיר גאָרנישט טאָן, נאָר ביז מאָרגן אינדערפרי זאָלסטו אַוועק פון דאַנען און דיין פיס זאָל אין שטאָט נישט זיין!

אַזוי האָט ער געזאָגט און איז אַרויס פון שול. איך—נאָך אים.

אַז מיר זענען געקומען צו אים אַהיים, האָט ער געגעבן אַזאַ שטאַרקן עפן די טיר, אַז זיין ווייב וואָס איז געזעסן און געלייענט אין „צאינה וראינה" איז אַזש דערשראָקן געוואָרן. דאָס איז געווען אַ קליין ווייבל, די באַקן זענען איר אייַנגעשרומפּן געוואָרן פאַר דער צייט, די אויגן אירע האָבן געטריפט און זענען געווען נאַס פון טרערן, זי איז אויפגעשטאַנען מיט

איילעניש פון איר אָרט, האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף איר מאַן און באַלד דערקענט, אַז ער איז אין כּעס.

—וואָס איז געשען, מאַן מײַנער? אויף וועמען ביזטו אַזוי אין כּעס?

—דער עזות פּנים האָט געהאַט די העזה אויפצוהייבן דעם קאָפּ! ער מיינט אַז ער איז שוין אויך אַ גבאי און קאָן שוין שעלטן און שלאָגן, אָבער איך האָב געוויזן אַז איך בין דער ראש הקהל! איך, ווייטער קיינער און אָן מיר טאָר קיינער גאָר-נישט טאָן. צום טײַוול! זאָלן זיי גייען צום טײַוול! אַלע וואָס עסן קבצניש ברויט. מיר דאַרפן זיי נישט האָבן.

—ווער האָט עס געהאַט די העזה?—האָט די יודענע גע-פרעגט מיט אַ קול פון אַ קראַנקן.

—ווער? וואָלף!

—און אויב וואָלף האָט געזינדיקט, פאַרוואָס-זשע ביזטו אין כּעס אויף אַלע?

—שווייג! פאַרמאַך דאָס מויל! איך בין דער ראש, איך בין דער בעל הבית! אַלץ האָב איך מיט מײַנע אייגענע הענט פאַרהאָרוועט. אַ סך נדן האָט מיר דײַן טאַטע געגעבן? טויזנט מאָל האָב איך דיר שוין געזאָגט זאָלסט זיך נישט אַרײַנמישן ווען איך רעד! געהערט?

—געהערט, געהערט.—האָט די יודענע געענטפערט מיט אַ זיפץ.

—פאַרמאַך דאָס מויל! איך בין דער בעל הבית, אַלץ איז מײַן, די שטוב און אַלץ אין דער שטוב. אויך דו אַליין ביזט מײַן—גרייט צום טיש!

די יידענע האָט באַלד געגרייט צום טיש, האָט אַוועקגע-לייגט ברויט, זאַלץ, הילצערנע לעפל, איין גרויס מעסער און אַוועקגעשטעלט אַ פלעשל בראָנפן פאַרן בעל-הבית. מיר האָבן זיך געוואַשן, דער בעל הבית האָט זיך אַוועקגעזעצט אויבנאָן, נעבן אים רעכטס זײַן ווײַב, וואָס ער האָט גענומען אָן נדן. לינקס פון אים אַ קליין ייִנגל, וואָס זײַן ווײַב האָט אים גע-שענקט אָנשטאָט נדן. איך און זײַן שוועסטערקינד—אַנטקעגן זיי.

ער האָט אַרייַנגעוואָרפן איין גלעזל בראָנפן נאָכן אַנדערן, האָט געגעסן און ווידער געטרונקען און מיר האָבן אָפּגעבענטשט. דערנאָך האָט דער בעל הבית זיך צעלאַכט און זיך געריִמט מיט דעם, וואָס ער איז אַ גוטער מענטש, האָט דערציילט ווי וואָלף האָט מיך געשלאָגן און אין מיטן רעדן איז ער איינגעשלאָפן.

איך, זיין שוועסטערקינד און זיין ייִנגל האָבן זיך געלייגט אין אַ באַזונדער צימער זיי זענען באַלד איינגעשלאָפן, נאָר איך האָב נישט געקאָנט שלאָפן. איך האָב זיך דערמאַנט אַלץ, וואָס מיט מיר האָט שוין פּאַסירט און האָב זיך געטראַכט, וואָס כ׳האָב ווייטער צו טאָן. וואו גייט מען און וואו שטייט מען? און אפשר איז אין וואָליזקע גאָר קיין געלט נישטאָ... כ׳האָב זער געוואָלט זי עפענען און זען וואָס דאָרט איז, כ׳האָב אָבער מורא געהאַט, מענטשן זאָלן עס נישט דערזען און מיך כאַפּן ביי דער האַנט.

אַזוי האָב איך לאַנג געטראַכט. כ׳האָב שוין געהאַט באַשלאָסן אַוועקצופאָרן אין אַ ישיבה, און האָב באַלד חרטה געהאַט, דערנאָך איז מיר איינגעפאַלן, וואָס איך האָב צו טאָן.

און אָט וואָס:

ווען איך בין געווען אין אַשדות—האָב איך זיך באַקענט מיט עטלעכע ייִנגלעך משוררים ביי אַ חזן. זיי זענען מיר זער געפעלן, ווייל אַלע זענען געווען גרויסע לאָבוסעס און ווייסע חברהניקעס. זיי האָבן אָפּגעלאַכט און אָפּגעשפּעט פון יעדן, אויך פון חזן האָבן זיי חוזק געמאַכט, אַפילו ביים דאַווענען, אַז ער האָט זיך נאָר אויסגעדרייט, האָבן זיי אים אַרויסגעשטעלט צונגען און פייגן. איך, וואָס בין געווען זער אַ שרעקענדיקער, האָב זיי פּשוט מקנא געווען. און ס׳איז מיר דערפאַר געפעלן געוואָרן צו ווערן אַ משורר. זיי האָבן מיך אַוועקגעפירט צום חזן, ער האָט אויסגעפּרובט מיין קול און מיך צוגענומען פאַר אַ משורר. דעם בעל שם איז עס אויך געפעלן און איך האָב געזונגען ביים חזן.

דריי חדשים בין איך געווען משורר, דערנאָך איז מיר

מאוס געוואָרן דער חזן מיט די משוררים און איך האָב זיך געזוכט אַן אויסרייד אים צו פאַרלאָזן.

ערב ראש חודש אלול זענען מיר זיך צונויפגעקומען צום חזן .צוצוגרייטן זיך צום יום כפור קטן. אַז איך בין אַריין אין שטוב, וואָס איז געווען ביי דער קעך, האָב איך געזען ווי דער חזן האַלט די קעכין צווישן זיינע אָרעמס און קושט זי—דעמאָלט איז מיר איינגעפאַלן, אַז ס'איז געקומען די צייט צו מאַכן אַ סוף מיט אים. בין איך צו צום פענצטער און אים אַרויסגעשטעקט אַ צונג. אַז ער האָט דאָס דערזען, איז ער גע- וואָרן שטאַרק אין כעס, איז ער גיך אַרויס פון קעך נאָר גע- טשעפעט האָט ער מיך נישט. איך האָב אָבער געוואוסט, אַז ער וועט עס מיר נישט שענקען, דעריבער האָב איך אים גע- וואָלט אָפּטאָן נאָך אַ שטיקל. כ'האָב דערזען זיין שוואַרץ היטל ליגן אויף אַ שטול אין ערשטן חדר, האָב איך גענומען דאָס היטל און געטאָן אויף דעם דאָס, וואָס אַ הונט טוט אויף דער וואַנט אַרויף. דערנאָך בין איך זיך אַריין אין שטוב צום זינ- גען. דער חזן אָבער איז געווען בייז און אויפגערעגט אויף די משוררים, זייער זינגען איז אים נישט געפעלן, איז ער אויפ- געשטאַנען און געוואָלט גיין אין שול אַריין, האָט ער גיך גע- כאַפּט, אָנגעטאָן די קאַפּאָטע און געגעבן אַ טו-אָן דאָס היטל— און—צוויי ריטשקעס האָבן זיך אָנגעהויבן גיסן פון קאָפּ אויף דער באָרד.

—וואָס איז דאָס?—האָט ער אויסגעשריגן מיט שרעקלעכן כעס און אָנגעהויבן טופּען מיטן פוס—ווער האָט דאָס אָפּגעטאָן?

—יוסף, יוסף'ס אַרבעט איז עס—האָבן אַלע אויסגעשריגן אין איין קול, כאָטש זיי האָבן נישט געוואוסט אויף זיכער, אַז דאָס האָב איך געטאָן, נאָר ווייל זיי האָבן מיך פּשוט פיינט געהאַט, ווייל איך האָב זיי אויפגעהערט צו געבן פון מיין געלט. ער האָט געמאַכט אַ טריט נענטער צו מיר און זיך גע- וואָלט מיט מיר אָפּרעכענען, איך אָבער האָב זיך צעשריגן:

—די קעכין! די קעכין!

—אַרויס פון דאַנען, לאָפּוס!—האָט ער אויסגעשריגן.

איך האָב גיך געפאָלגט און בין אַרויס. און אַז ער איז אַרויסגעקומען האָב איך אים נאָכגעשריגן: די קעכין! די קעכין! און איך בין אַהיים.

צומאָרגנס האָט דער חזן געשיקט צום בעל שם זאָגן, ער זאָל מיך מער נישט שיקן צו אים, וואָרום איך טויג נישט פאַר קיין משורר.—פון דעמאָלט אָן האָב איך פאַרגעסן דעם חזן מיט דעם זינגען. נאָר איצט—איז מיר אַיינגעפאַלן, אַז דאָס בעסטע וואָלט פאַר מיר געווען צו געפינען אַ חזן ביי וועמען איך זאָל מיך שטעלן פאַר אַ משורר.

און אפשר איז פאָרט גלייכער צו זיצן אין ישיבה, זיצן און לערנען און מיט דער צייט וועל איך ווערן אַ רבי?

און לסוף איז ביי מיר געבליבן, אַז איך וועל אַוועק אין שטאָט שכולה, וועל זיך דאָרט זעצן לערנען און ווערן אַן אָרנטלעכער מענטש.

אַזוי האָב איך זיך באַשלאָסן.

# איך אַנטלויף.

איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן און געהאַט מוראדיקע חלומות. אינדערפרי האָט מיך די בעל־הביתטע אויפגעוועקט:

די זון איז שוין לאַנג אויפגעשטאַנען און דו שלאָפסט נאָך--האָט זי מיך געוועקט—גיכער שטיי אויף וואָרום דו וועסט פאַרשפּעטיקן דעם זמן תפלה.

—נאָר די צרה זאָל מיר צוהאַנען קומען—האָב איך זיך געטראַכט. איך האָב זיך אָבער גיך אָנגעטאָן און גענומען די וואַליזקע אין האַנט.

—דו וועסט דאָך נאָך צוריקקומען נאָכן דאַווענען צו עסן אָנבייסן און נאָך וואָס נעמסטו מיט די וואַליזקע? האָסט זי מורא דאָ איבערצולאָזן מען זאָל דיר עפּעס נישט אַרויסנעמען?

איך וועל נישט קומען צום אָנבייסן, וואָרום איך פאַרלאָז די שטאָט.

—נאָך וואָס דאַרפסטו פאַרלאָזן די שטאָט פאַרן עסן?

—וואָרום איך האָב מורא.

—פאַר וועמען האָסטו מורא? מיין מאַן וועט דיר נישט לאָזן טאָן קיין שלעכטס.

—אייער מאַן קאָן מיך באַשיצן פון די בחורים, וואָס לערנען אין בית-המדרש, אָבער פון מיינע פאַרפאָלגער קאָן ער מיך נישט באַשיצן.

—דיינע פאַרפאָלגער? צי האָסטו אויך פיינט-פאַרפאָלגער? ביזט דאָך נאָך אַ קליין יינגל און האָסט נאָך קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן?

—יאָ, מיינע פאַרפאָלגער יאָגן זיך נאָך מיר און ווילן מיך כאַפּן כּדי מיך אָפּצוגעבן פאַר אַ זעלנער. דעריבער האָב איך מורא און איך אַנטלויף פון זיי.

—איצט פאַרשטיי איך—האָט די יודענע געענטפערט מיט אַ זיפץ—טאָ גיי לשלום און גאָט זאָל זיין מיט דיר און דיך אָפּהיטן פון די וואָס יאָגן דיך נאָך, אַזוי... איצט וועל איך דיך נישט פאַרהאַלטן.

זי האָט מיר מיטגעגעבן ברויט מיט קעז, האָט מיר גע־געבן אַ זילבערנע מטבע און האָט מיר צוגעווינטשן, גאָט זאָל מיך באַהיטן און באַשירמען. איך האָב איר זער געדאַנקט און שוין געוואָלט אַרויסגיין. אָבער זי איז צו מיר צוגעגאַנגען און מיך געפרעגט:

—וואו זשע אַהין גייסטו? דו ביזט דאָך דאָ אַ פרעמדער און ווייסט דאָך נישט וואו צו גיין.

—איך וועל גיין וואוהין די פיס וועלן מיך טראָגן. צי קלערט דער, וואָס אַנטלויפט וואוהין ער זאָל גיין?

—ביזט גערעכט, נאָר ווען דו ווילסט מיך פאָלגן, וואָלט איך דיר געגעבן אַ גוטע עצה.

- מיטן גאַנצן האַרצן וועל איך אייך פאָלגן.

—אויב אַזוי, טאָ הער זשע מיך אויס: אין קליינעם שטעטל פּדרון, וואָס געפינט זיך פון דאַנען אַ טאָג גאַנג, וואוינט מיין ברודער, ער איז זער אַן אָנגעזענער מענטש אין שטאָט, וואָרום ער איז דאָרט דער חזן. אויב דו וועסט גיין אין דעם שטעטל און וועסט אים ברענגען אַ גרוס פון מיר, וועט ער פאַר דיר טאָן אַלץ וואָס ער קען, און מעגסט זיך פאַרלאָזן אויף מיר, אַז דו וועסט קיין הונגער נישט ליידן דאָרט. דער־

צייל אים אויך אַז דו ביזט געווען ביי מיר אין שטוב און—גאָט צו דאַנקען—עס פעלט מיר גאָרנישט. און כאָטש מיין מאַן וועט אַמאָל אין כּעס, פונדעסטוועגן איז מיר נישט שלעכט אויף דער וועלט.

—גוט, איך וועל אַזוי טאָן—האָב איך געענטפערט און אין האַרצן האָב איך זיך דערפרייט פון דעם צופאַל- איך וועל אַהיין גיין און וועל אים דערציילן אַלץ, וואָס איר האָט מיך געהייסן.

—גיי לשלום און גאָט זאָל זיין מיט דיר.

—נאָר קיינער טאָר נישט וויסן וואוהין איך בין אַוועק.

—האָב קיין מורא נישט, איך וועל קיינעם נישט זאָגן

—זייט געזונט.

—גיי געזונט און גאָט זאָל דיך אויסהיטן פון אַלדעסבייז.

איך בין אַרויס פון שטוב און פון שטאָט, און אַז איך האָב שוין דערזען דעם וועג האָב איך איצט אָפּגעאָטעמט, ווי איך וואָלט אַראָפּגעוואָרפן אַ שווערע משא פון די פּלייצעס.

די עצה, צו זאָגן דער יידענע, אַז איך אַנטלויף פון מי-ליטער-דינסט, איז מיר פּלוצלינג איינגעפאַלן. און דער ענטפער האָט געהאַט אַזאַ כּח, נישט נאָר אָפּצונאַרן אַ יידענע, נאָר אפילו די קלוגסטע מענטשן וואָלטן דערשראָקן געוואָרן הערנ-דיק דאָס: וואָרום יענע צייטן פלעגט מען כאַפּן קליינע קינדער און זיי פירן פאַר זעלנער ווי געבונדענע שעפּסן. און ווער עס האָט צוגעזען דאָס בילד, איז זיין האַרץ צעבראָכן געוואָרן. אפילו די מענטשן, וואָס ס'איז ביי זיי לייכט געווען צו גנבענען, גזלנען און בארויבן אָרימעלייט, צונעמען דאָס געלט פון יתומים און אַלמנות, וואָס מען האָט ביי זיי איינגעלייגט, אויך זיי האָבן געגאָסן מיט ביטערע טרערן זעענדיק דאָס שרעקלעכע בילד, ווי מען כאַפּט די קינדער פאַר זעלנער: אַחוץ די ראשי הקהל, וועלכע זענען געווען געזעצט פון דער ממשלה אין יעדער שטאָט זיי זאָלן אויסקלייבן קינדער פאַר זעלנער: זיי האָט עס נישט געאַרט, ווייל זיי האָבן דערפון געמאַכט אַ סך געלט: וואָרום זיי האָבן גענומען געלט ביי די רייכע כּדי אויסצומיידן

זייערע קינדער און געוואָרפן דעם ביטערן גורל אויף די קינדער פון אָרימעלייט און יתומים, וואָס האָבן נישט געהאַט ווער עס זאָל זיך פאַר זיי אָננעמען. עס האָט אויך נישט געאַרט די כאַפּערס, וואָס זענען געווען די משרתים פון די ראשי הקהל און פלעגן פאַר געצאָלטס קומען אין די הייזער פון די אָרימעלייט און כאַפּן די אָרימע קינדער. אָבער ס'איז נישט געווען קיין איינער אין פאָלק—אַחוץ זיי—זיי זאָלן נישט וויינען און קלאָגן צוזעענדיק די בראָך פון די אומגליקלעכע. זיי האָבן נישט געקאָנט איינהאַלטן דעם שטראָם פון טרערן זעענדיק ווי וועגענער פירן גאַנצע קופּעס אומגליקלעכע קינדער, פירן זיי ווי שעפּסן אין אַ ווייט לאַנד אַריין אומצוקומען פון הונגער און קעלט.

שטעלט אייך פאָר:

צוואַנציק, דרייסיק וועגענער פולגעפּאַקט מיט צען און צוועלפיעריקע קינדער, אַלע זענען געבונדן און געשמידט אין קייטן, איינער ליגט אויפן אַנדערן, איינער שרייט ביטער: מיין פוס! דער צווייטער ליאַרמט: ווײ, די האַנט ווערט מיר צעבראָכן! דער דריטער קלאָגט: מיין קאָפּ, אוי, מיין קאָפּ! דער פערטער שרייט: ווײ מיר, איך גײ אויס, מאַמע ראַטעווע מיך! איך שטאַרב! דער פינפטער קאָן קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן און שטיקט זיך... און די מאַמעס?—זיי לויפן נאָך מיט שרעקלעכע געוויינען און געשרייען.

—ווײ איז מיר, אלואי וואָלט איך בעסער דיין קבר געזען.

—אַלואי וואָלט איך דיר מפּיל געווען און נישט צוגעזען דיינע צרות!

—אַלואי וואָלט איך געשטאָרבן איידער איך האָב דיך געהאַט!

—פאַרשאָלטן זאָלן ווערן די מענטשן וואָס האָבן דיך פון מיר צוגעזלט! פאַרשאָלטן איז דיין טאַטע וואָס האָט דיך געבוירן! פאַרשאָלטן בין איך וואָס איך האָב דיך געווינען צו אַזעלכע צרות.

—צי איז דען דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט?! וואָס זשע

שווייגסטו? קינד מיינס, קינד מיינס! גיט מיר אָפּ מיין קינד! איינאונאיינציק איז ער ביי מיר! מיין קינד גיט מיר אָפּ! שטאַרבן זאָל איך, נאָר איך וועל אים ראַטעווען!

—אַוועק דו נאַרישע יידענע!—שרייט דער זעלנער, וואָס שטייט ביי דער פור, זעענדיק אַז זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט אָנצוכאַפּן איר קינד. אַלע ווייבער שלאָגן זיך אין די הערצער, רייסן זיך די האָר, נאָר האָבן מורא צוצוגיין צו דער פור, וואָרום באַוואָפנטע זעלנער רינגלען אַרום די פורן. איינע נאָר איז משוגע געוואָרן און וויל מיט געוואַלד ראַטעווען איר קינד. איז זי מיט גרויס צאָרן צוגעשפרונגען צו דער פור, אָבער דער זעלנער האָט איר אַ זעץ געטאָן און זי איז אומגע-פאַלן און אַ טייך בלוט האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון איר מויל. נאָר זי האָט זיך אויפגעהויבן, וויל נאָכלויפן, און פּלוצלינג, ווען די פור פאָרט אַריבער די בריק איבערן טייך, שפּרינגט זי אַריין אין טייך אַריין. און די קינדער פאָרן אַוועק אין ווייטע לענדער אויף אומצוקומען, אָדער פאַשען חזירים און ליידן בויט און פיין און מכּת רצח.

דערפאַר—האָבן אַלע געוויינט אויף זייער גורל, און דער-פאַר האָט עס אַזוי שטאַרק געווירקט אויף דער יידענע, אַז איך האָב געזאָגט, אַז איך אַנטלויף פון די כאַפּערס, אַז זי האָט מיר מיטגעגעבן עסן און גיך אַוועקגעשיקט.

ז.

## אַן אָח לצרה.

פון דער שטאָט אַרויס בין איך געלאָפן אין איין אײַלעניש, ציטערנדיק עס זאָל מיט מיר עפּעס נישט געשעען. נאָכדעם ווי איך בין שוין געווען ווייט אָפּגעגאַנגען, האָב איך זיך אַרומגעקוקט און קיינעם נישט געזעען, האָב איך זיך באַרואיקט. דער טאָג איז געווען אַ לויטערער, אַן אָנגענעמע רואיקייט האָט געשוועבט אויפן גאַנצן שטח. אַ וואַלד מיט פרישע גרינע צווייגן האָט פאַרשטעלט די זון-שטראַלן. כ'בין אַריין אין וואַלד און זיך געזעצט אָפּרוען. פאַרשידענע מחשבות זענען מיר געקומען אין קאָפּ אַריין און איך האָב נישט געוואוסט פון וואַנען זיי נעמען זיך צו מיר. דאָס זענען געווען פאַר מיר נייע מחשבות, נישט אַזעלכע ווי איך האָב געהאַט ביז אַהער. ביז אַהער פלעג איך טראַכטן וועגן דעם, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן און וועגן דעם, וואָס איך וועל טאָן. איצט אָבער האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַלע פון מיין עלטער און וועגן מיין אייגענעם מצב: צי דען געשעט מיט אַלע, וואָס עס געשעט מיט מיר? אַ סך יונגלעך האָב איך געזעען און אַלע האָבן

נישט וואָס צו זאָרגן און ווערן דערצויגן אין אַלעם גוטן ביי זייערע עלטערן און לערנען זיך ביי לערערס, וואָס די עלטערן גיבן זיי. און איך? איך ווער פאַרוואָגלט און ווייס נישט ווי זיך צו קערן און ווענדן. קיינער גיט אויף מיר נישט אַכטונג און קיינער איז מיר נישט מדריך. איז וואָס זשע בין איך שולדיק אויב איך טו זינדיקע זאַכן? איך האָב אויך געטראַכט פון אַזעלכע, וואָס זיי איז נאָך ערגער פון מיר: איך האָב דאָך כאָטש צו עסן און טרינקען און זיי הונגערן, האָבן נישט קיין ברויט און נישט קיין מלבוש. און אַזוי ווי איך בין ביז אַהער נישט געשטאָרבן פון הונגער—אַזוי יועל איך ווייטער נישט אומקומען, לאָמיך נאָר עפענען די וואַליזקע און זען וואָס דאָרט טוט זיך.

כ'האָב געעפנט די וואַליזקע און צו מיין גרויסער פרייד האָב איך דאָרט געפונען אַ הונדערט גאָלדשטיקלעך און אַ פופ-ציק זילבערשטיק.

דערזעענדיק דאָס געלט האָב איך פאַרגעסן אַלע זאָרגן און אויסגערופן מיט פרייד:

—אָך, ווי גליקלעך איך בין! כ'האָב אַזויפיל געלט און פאַר וועמען האָב איך נאָך מורא?

כ'האָב ווייטער געזוכט אין וואַליזקע און געפינען דאָרט פאַרשידענע בריוו אויך ספרים געשריבן אויף העברעאיש, איך האָב אָבער אין זיי אפילו נישט אַריינגעקוקט און האָב זיי צו-ריקגעלייגט אויף דער דנאָ פון וואַליזקע. דאָס געלט האָב איך אַריינגעלייגט אין בייטל, וואָס איז מיר געהאַנגען אויפן האַלז און איך האָב זיך געלאָזט גיין ווייטער, ביז איך וועל אָנטרעפן אַ פור, וואָס זאָל מיך ברענגען אין שטעטל וואו דער חזן וואוינט.

מיט לייכטע טריט בין איך מיר געגאַנגען און געזונגען. די טרויעריקייט, וואָס האָט מיר פריער געפרעסט דאָס האַרץ איז אַוועקגעקומען און אַן אָנגענעמע רואיקייט, ווי די רואי-קייט וואָס איז געווען אַרום און אַרום האָט זיך באַזעצט אויפן אָרט פון טרויער. די זון האָט באַשיינט אַלץ וואָס געפינט זיך

אין דער געגנט פון די העכסטע ביימער ביז די קלענסטע גראָזן, פון די פייגל וואָס זיצן צווישן די צווייגן און זינגען ביז דעם קלענסטן ווערמעל, וואָס קריכט אויף דער ערד. אַלץ האָט געלויכטן און געפרייט זיך מיט דער ליכטיקייט און לע־בעדיקייט. און נישט נאָר די זון האָט דערפרייט מיין האַרץ, נאָר אויך די גאָלדענע רענדלעך האָבן מיין וועג באַלויכטן.

ביי צוויי שעה בין איך געגאַנגען צופוס און דאָס האַרץ האָט אין מיר געזונגען געדענקענדיק אַז איך האָב אַ סך געלט. ביז איך בין מיד געוואָרן און זיך שוין געוואָלט זעצן אָפּרוען, נאָר דאָ האָב איך דערהערט אַ הירזשען פון אַ פערד הינטער מיר. כ׳האָב זיך אומגעקוקט און דערזען אַ פויער פאָרט אויף אַ וואָגן אין וועלכן ער האָט געפירט האָלץ אין שטאָט אַריין און נעבן אים זיצט אַ יידישער יינגערמאַן פון אַ יאָר אַכצען. אַז דער פויער האָט מיך דערזען האָט ער איינגעהאַלטן דאָס פערד אויף אָפּצורשטעלן עס און האָט מיך געפרעגט:

—וואוהין גייסטו יונגערמאַן?

—קיין פדרון—האָב איך געענטפערט.

—איך פאָר אויך אַהין, אויב דו ווילסט, באַצאָל מיר, וועל איך דיך אויפנעמען.

—וויפיל ווילסטו?

—וועסט מיר געבן אַ פוד זאַלץ.

—וואו זאָל איך דיר נעמען זאַלץ? איך האַנדל דען מיט זאַלץ?—האָב איך זיך געוואונדערט. כ׳האָב נאָך נישט געוואוסט, אַז פויערים האָבן אַ טבע צו בעטן מען זאָל זיי באַצאָלן מיט זאַלץ אָנשטאָט געלט.

—דו ווייסט נישט וואו מען קריגט זאַלץ? דער סוחר ראובן פון פדרון וועט דיר פאַרקויפן טויזנט פוד זאַלץ פאַר געלט—אפשר ווייסטו נישט וואו ער וואוינט, וועל איך דיך אַהין פירן.

—וואָס דאַרף איך זוכן זאַלץ פאַר דיינעטוועגן? איך וועל דיר באַצאָלן געלט און דו טו מיט דעם וואָס דו ווילסט. זאָג נאָר וויפיל ווילסטו?

—אַ פּופּציקער.
—איך גיב דיר.

אַז דער פּויער האָט דערהערט, אַז איך גיב אים וויפיל ער וויל, האָט אים באַנג געטאָן פאַרוואָס ער האָט נישט געבעטן דאָפּלט און ער האָט געזאָגט:

—אָבער אַ טרונק בראָנפן וועסטו אויך געבן.

—כ׳וועל דיר אַ טרונק בראָנפן אויך געבן.

—וואָס זשע, אַ פריץ ביזטו צי וואָס?—האָט מיט וואונדער געפרעגט דער יידישער יונגערמאַן אויף יידיש—איך גיב אים סך הכל צען פונט זאַלץ, וואָס קאָסט צען גראָשן, פאַר דעם גאַנצן וועג און נאָכוואָס זאָלסטו גלאַט אומזיסט אַרויסוואַרפן דיין געלט? צי צוליב מיר אָדער צוליב דיר האָט ער געשפּאַנט דעם וואָגן? ער פאָרט דאָך צוריק ליידיק נאָכן פאַרקויפן דאָס האָלץ, און עס וועט אים זיין גענוג, אויב ער וועט ביי דיר אויך נעמען נאָר צען גראָשן.

—ביזט גערעכט, איך האָב עס אָבער נישט געוואוסט פריער, און די פיס זענען מיר אָפּגעשטאַנען.

—וואָס פּלאַפּלט איר דאָרט אויף אַ פרעמד לשון „פאַר-שאָלטענע זשידעס”—האָט דער פּויער זיך אויסגעשריגן אויף אונז און אַ טרייב געטאָן דאָס פערד.

—שטיי!—האָב איך זיך צעשריגן באַפעלעריש—שטיי דו געמיינער הונט! ווי וואַגסטו אונז צו זידלען? צי ווייסטו, אַז איך קאָן דיך אַרעסטירן און דיך איבערגעבן צום ריכטער?!

אַ ציטערניש האָט אָנגעכאַפּט דעם יונגענמאַן דערהערנדיק אַזעלכע ווערטער, וואָרום ער האָט געמיינט, דער פּויער וועט מיך הרגענען. אָבער פאַרקערט: דער פּויער דערהערנדיק אַ באַ-פעלערישע שטים האָט זיך דערשראָקן פאַר מיר און געזאָגט:

—נישט אויף דיר האָב איך געשריגן נאָר אויף דעם צווייטן.

—און אויף אים ווי האָסטו די העזה צו שרייען? אָבער וואָס וועל איך רעדן מיט אַ טפש? איך פאָר נישט מיט דיר.

אַזוי זאָגנדיק בין איך אַראָפּגעשרונגען פון וואָגן.

דער פּויער איז זער איבּערראַשט געוואָרן, ס'איז אים אויך שטאַרק אַ שאָד געווען דער פּופּציקער, וואָס ער האָט היזק און ער האָט זיך אָנגעהויבּן בּיי מיר בּעטן איך זאָל זיך צוריק אויפזעצן.

—אויך דו גיי אַראָפּ פון וואָגן—האָבּ איך געזאָגט צום יונגענמאַן.

—איך האָבּ דאָך אים בּאַצאָלט צען גראָשן.

—איך וועל דיר אָפּגעבּן פּופּציק און מיר וועלן צוזאַמען גיין קיין פּדרון.

ער האָט מיך געפאָלגט און איז אַראָפּ פון וואָגן, און דער פּויער איז אַוועקגעלאָפן אין איין אָטעם און כּסדר געשאָלטן.

—ווער בּיזטו?—האָט מיך געפרעגט דער יונגערמאַן נאָכ־דעם ווי מיר האָבּן זיך אַוועקגעזעצט אויפן גראָז—דאָס זע איך דאָך, אַז דו בּיזט נישט פון דער געגנט—אָבּער...

—פון וואַנען ווייסטו, אַז איך בּין נישט פון דער געגנט?—האָבּ איך אים געפרעגט נישט לאָזנדיק אים ענדיקן זיינע רייד.

—דערפאַר, וואָס צווישן יידן פון דער געגנט איז נישטאָ קיין איינער, וואָס זאָל קענען אַזוי גוט רעדן גויאיש, און אַזאַ דרייסטקייט האָבּ איך נישט געזען אפילו צווישן די רייכע לייט דאָ. ווארום אַלע האָבּן דאָ מורא פאַר אַ שאָרך פון אַ בּלאַט און דו בּיזט אַזוי נישט דערשראָקן—דערפאַר וויל איך וויסן ווער דו בּיזט.

—אַ יידישער יונגערמאַן בּין איך—דאָס זעסטו דאָך. געבּוירן געוואָרן בּין איך אין אַשדות און זיך דאָרט דערצויגן, און בּיי אונז אין שטאָט וועט זיך קיינער נישט אונטערשטעלן צו זידלען אַ מענטשן ווייל ער איז אַ ייד. דאָרט איז נישט צו דערקענען אַ ייד פון נישט יידן. מיט זייער שפּראַך און קליידונג אונטערשיידן זיי זיך נישט. דעריבּער האָבּ איך נישט געקאָנט איבּערטראָגן, אַז אַזאַ געמיינער הונט, וואָס וויל בּיי מיר פאַרדינען זאָל זיך אַנטוועגן מיך צו זידלען אומזיסט און אומנישט.

—צי געפינט זיך דען אַזעלכע שטעט וואו יידן האָבן אַראָפּגעוואָרפן זייערע פּאַסקודנע מלבושים און גייען אָנגעטאָן ווי אַלע מענטשן?—האָט ער געפרעגט מיט וואונדער.

—אַ סך שטעט זענען פאַראַן אַזעלכע.

—איך קאָן עס נישט גלייבן.

—האָסט דען געהערט איך זאָל זאָגן ליגן, וואָס דו גלייבסט מיר נישט? איך דערצייל דיר דאָס, וואָס איך האָב דאָרט געזען.

—אויב אַזוי, פאַרוואָס זשע טראָגסטו אויך נישט אַזעלכע מלבושים ווי די קריסטן?

דאָ האָב איך זיך אַ ביסל צעטומלט און נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן, דעריבער האָב איך אים דערציילט דעם אמת: אַז איך בין נישט קיין געבוירענער פון אַשדות, און אַז אויך אין אַשדות געפינען זיך אַזעלכע פרומאַקעס, וואָס האַלטן זיך ביי די לאַנגע קאַפּאָטעס ווי אין אַ הייליקע זאַך און איך האָב זיך צווישן זיי געפינען.

—און וואו האָסטו זיך אויסגעלערנט די לאַנד-שפּראַך אויב דו האָסט זיך געפונען צווישן די פרומאַקעס?

—אין אַשדות לערנען זיך אויך די פרומאַקעס די לאַנד-שפּראַך.

—און פאַרוואָס ביזטו אַוועק פון דער שטאָט? ווען איך בין דאָרט, וואָלט איך שוין בשום אופן זי נישט פאַרלאָזט.

—ס'מוז דאָך צו אַלעמען נעמען אַ סוף, און צו דיינע פראַגן נעמט גאָר קיין סוף נישט. איך ווייס דאָך נאָך נישט ווער דו ביזט און דו קענסט מיך אויך נישט, ווי אַזוי זשע זאָל איך אויסדערציילן מיין האַרץ פאַר דיר?

—ביזט גערעכט. ווען דו קאָנסט זיך פאָרשטעלן ווי מיין האַרץ האָט גענומען ציטערן פון פרייד הערנדיק אַז אויך ביי אונז אין לאַנד האָט אָנגעהויבן זיך באַווייזן די השכלה—וואָלסטו זיך נישט געוואונדערט, וואָס איך פרעג אַזויפיל, נאָר איך וועל דערוויייל שווייגן. זאָג מיר אָבער וואוהין גייסטו? כדי איך זאָל קאָנען וויסן צי מיר גייען צוזאַמען.

—איך גיי קיין פדרון. איך וויל אָנקומען פאַר אַ משורר צום אָרטיקן חזן.

—איך בין אויך אַ משורר און גיי צו אַ חזן, אָבער נישט קיין פדרון גיי איך, ווייל דאָס איז זער אַ קליין שטעטל און דער חזן דאָרט האָט אַליין נישט גענוג אויף צו עסן, בפרט נאָך צו שפייזן משוררים. אַנדערש אָבער איז אין אַזאַ שטאָט ווי מאפליה, דאָרטן איז משוררים גוט. ווען דו פאָלגסט מיך, קום מיט מיר און מיר וועלן אַהין אַוועק צוזאַמען.

—ס'איז נאָך ווייט אַהין?

—פינף שעה גאַנג.

—און קיין פדרון?

—פיר שעה גאַנג.

—גוט. לאָמיר גיין צוזאַמען, ווארום מיר איז אַלץ איינס צי מאפליה, צי פדרון און דו געפעלסט מיר. לאָמיר זשע זיך נישט צעשיידן, און אויב איך וועל זיך איבערצייגן אַז דו ביזט אַ באַגלייבטער געטרייער מענטש, וועל איך דיר אויסדערציילן דאָס גאַנצע האַרץ מיינס און מיר וועלן ווערן גוטע חברים אויב דו וועסט וועלן.

—מיטן גאַנצן האַרצן. כ'בין גרייט דיך ליב צו האָבן ווי אַן אייגענעם ברודער אויב נאָר איך וועל זען, אַז דו ביזט אַן אמתער מענטש. און אויך איך וועל דיר דערציילן אַלץ, וואָס בייט מיר אויפן האַרצן: ווארום אַ סך, אַ סך האָב איך זיך אָנגעזען און מיין האַרץ איז פאַר דעם געוואָרן אַ קבר ביז איצט. אָך, אַלואי וואָלט איך געפונען דעם באַגלייבטן מענטש פאַר וועמען איך זאָל קאָנען אויסגיסן מיין האַרץ, וואָלט מיר אַ סך גרינגער געוואָרן.

—צי אויך דו האָסט זיך אָנגעליטן?—האָב איך אים געפרעגט מיט רחמנות און טרויער: ווארום זיינע ווערטער האָבן געטראָפן ווי פיילן אין מיין האַרצן.

—יאָ, אויך איך האָב מיך אָנגעליטן.

ער האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ שטים, וואָס איך קאָן זי מיט ווערטער נישט אָפמאָלן. דאָס איז נישט געווען קיין גע-

לעכטער און נישט קיין טרויער, נאָר עפּעס איראָניע און עקל. ווי די שטים פון משוגעים אָדער מענטשנפיינט.

—צי אויך איך האָב געליטן—האָסטו מיך געפרעגט, אַ סימן, אַז אויך דיך האָט דאָס ליידן נישט אויסגעמיטן—האָט ער ווייטער גערעדט—דערפאַר זענען מיר ברידער פון איין צרה.

אַזוי האָט ער גערעדט מיט אַ געזונקענעם קאָפּ, אויך איך האָב די אויגן נישט אויפגעהויבן און טרויעריקע מחשבות האָבן מיר דאָס האַרץ געפרעסט. אַזוי זענען מיר געגאַנגען ביז מיר זענען פאַרנאַכט אָנגעקומען אין מאפליה.

## ט.

## די זינדיקע.

די שטאָט מאפליה איז אַ גרויסע שטאָט מיט אַ צען טויזנט אײַנוואוינער, וואָס זענען כּמעט אַלע יידן. נאָר אין איין גאַס, וואָס מען רופט „די גוישקע גאַס“ וואוינען קריסטן. און כאָטש די הייזער זענען געבויט געוואָרן מיט אַ סדר, פונדעסט־וועגן האָט די שטאָט נישט געהאַט קיין פּנים און קיין אויס־זען: וואָרום די הייזער זענען געווען הילצערנע, נישט קיין ריינע, אין די גאַסן האָט זיך געצויגן אַ רינשטאָק אפילו אום זומער און דאָס וואַסער האָט דערגרייכט ביז די קניען, אין די רעגנדיקע טעג אָבער האָט דאָס וואַסער דערגרייכט ביזן האַלז. אין אַזאַ שטאָט איז שטיל און רואיק, נאָר אין מאַרק איז אַ גערויש פון די הענדלער און וועַנדלער. דאָרט הערן זיך פאַר־שידענע קולות און שטימען. טייל קריגן זיך און שעלטן, טייל רייסן ביי די פאָלעס און רעדן צו קונים זיי זאָלן אַרײַנגיין אין די געוועלבלעך. אָבער אין אַלע גאַסן איז כּסדר שאַ־שטיל. און דעריבער בין איך שטאַרק פאַרוואונדערט געוואָרן, אַז איך בין אַרײַנגעקומען אין שטאָט און דערזען ווי מענער און ווײַ־

בער, יונג און אַלט לויפן אין איין אָטעם, איינער דעם אַנ־דערן שטופט און שטויסט מיט רעש און געטומל.

—וואָס איז דאָס פאַר אַ רעש?—האָב איך געפרעגט ביי איינעם אַ פאַרביילויפער, ער האָט מיר אָבער נישט געענטפערט, אַזוי געלאָפן איז ער.

—לאָמיר אויך גיין אַהין!—האָט מיין חבר געזאָגט.

—וואוהין?

—אַהין וואו אַלע גייען.

מיר זענען געגאַנגען ביז מיר זענען אָנגעקומען צום שולהויף. אַז איך זאָג: שולהויף, זאָל מען נישט מיינען, אַז דאָס איז אַ פּאָדוויר אָדער אַרומגערינגלט מיט אַ פּלויט, הייבט זיך נישט אָן. דאָס איז געווען אַ גרויס שטיק פּלאַץ פול מיט פּאַסקודסטווע פאַר דער שול, און דאָס האָט מען גערופן שול־הויף. דאָרט האָט מען געשטעלט חפּות און דער חתן האָט מקדש געווען די כלה פאַר די אויגן פון אַלע יידן און ציגן, וואָס האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט אומגעשטערט. דאָרט האָט מען געזאָגט הספדים נאָך אַ גרויסן מענטשן, וואָס איז געשטאָרבן. און דאָרט אַהין האָבן די שטאָט־שמשים געבראַכט די זינדיקע לויטן באַפעל פון די שופטים מען זאָל זיי באַשטראָפן פאַר זייערע זינד. אויך איצט האָבן די שמשים געבראַכט אַהין... ווער מען אַ שטייגער מיינט איר? אפשר דעם ראש הקהל וואָס האָט צוגענומען קהליש געלט? אָדער דעם שול־גבאי, וואָס האָט אַרויסגעגנבעט צדקה־געלט? אָדער גאָר דעם בעל־הבית ביי וועמען מען האָט געהאַלטן יתומים־געלטער און נדן׳ען און ער האָט דאָס געלט פאַרלייקנט און די אייגנטימער נישט דערקענט? הייבט זיך גאָרנישט אָן. די וואָס באַרויבן אלמנות און יתומים און נעמען צו פרעמד געלט—די דאָזיקע זענען גאָר נישט שול־דיק. אַהין ברענגט ,מען נאָר זינדיקע. און אָט שטייט זי, די זינדיקע אויפן טיש—דאָס פּנים איז איר ווייס ווי ביי אַ מת, אַלע אברים ציטערן אין איר, אַ צעריסן קליידל פול מיט פע־דערן אַרומגעשטעקט דעקט צו איר לייב און אויפן קאָפּ—אַ חיטל אַרומגעשטעקט מיט פעדערן און זי שלאָגט זיך אין הארצן

און דאָס גאַנצע פֿאָלק קוקט עס צו און שילט און שרייט:

—„די זינדיקע”! „די זינדיקע”!

—מיט וואָס האָט זי געזינדיקט? האָט זי אַ קינד דערהרגעט, אָדער דעם מאַן פֿון דער וועלט געבֿראַשט?—דאָס האָב איך אויך געפֿרעגט טרעפֿנדיק אַזאַ מין בילד:

אַן אומגליקלעכֿע פֿרוי שטייט אויפֿן טיש אַזוי אַז יעדער זאָל זי זעען און טויזנטער מענטשן שטייען אַרום און ליאַרמען „די זינדיקע! די זינדיקע!” און זי שטייט שטום ווי די וואַנט, דעם קאָפּ צו דער ערד געבֿויגן. אַזוי איז זי געשטאַנען אַ לאַנגע צייט נעבן דעם קהל־שמש. דערנאָך האָט דער שמש אויסגערופֿן הויך אויף אַ קול:

—אַזוי טוט מען אַ יידענע וואָס נאַרט דעם מאַן און איז מזנה.

—זאָל איר נעמען דער טייוול! אין דער ערד אַריין זאָל זי גיין:—האָבן אַ סך געשריגן.

—שלאָגט איר די חצופה, שלאָגט אָן רחמנות. קיין שריד ופּליט זאָל פֿון איר און אַזעלכֿע חצופות ווי זי—נישט בלייבן—האָט געשריגן אַ נידעריק מענטשל, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין שמאַטעס און געשאָקלט מיט די פאות, וואָס האָבן נאָך קיינמאָל נישט פֿאַרזוכֿט קיין קעמל.

—זי האָט געטייט מיין מאַן דעם צדיק!—האָט זיך צעשריגן אַ הויכֿע דאַרע יידענע און אויפֿגעהויבֿן אַ פֿויסט.

—באַלד מיר וועלן איר פֿאַרשווייגן וועלן מיר אומקומען—האָט געשריגן אַ מענטש זער אַ גראָבער און אַ פֿעטער קוקנדיק אויף דער זינדיקער און גלעטנדיק זיין לאַנגע באָרד.

—אומשולדיקע עופֿלעך זענען איבער איר פֿון דער וועלט געגאַנגען—האָט געשריגן אַ יידענע אַ שטילע און אַ באַשיידענע און האָט געקוקט אויף דעם מענטש, וואָס איז קעגן איר געשטאַנען.

—נאָר ביי אונז אין שטאָט געשען אַזעלכֿע אויסגעלאַסנקייטן!—האָט זיך מיט גרויס כּעס צעשריגן אַן אַלטע יידענע און אַ שמיץ געטאָן איר שוך דער זינדיקער אין קאָפּ אַריין.

די אומגליקלעכע האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען און-אַראָפּ-געפאַלן פון טיש. אַ גרויס געלעכטער האָט זיך אַרויסגעבראָכן פון אַלע פאַרזאַמלטע און צוויי שוטרים האָבן זי אָנגענומען פאַר די הענט און זי געשלעפט אַהיים צו זיך.

—ברידער! וואָס האָט איר געטאָן!—האָט זיך פלוצלינג דערהערט אַ שטים, וואָס האָט געמאַכט ציטערן דאָס האַרץ.

איך האָב אויפגעהויבן די אויגן און דערזען אַן אַלטן מאַן, איינגעהילט אין אַ טלית מיט ציצית, תפילין אויפן קאָפּ און זיינע פּאות און באָרד וואָס זענען געווען ווייס ווי ריינע ווייסע וואָל, זענען שטאַרק לאַנג און לאָזן זיך אַראָפּ געלאָקט ביז זיין ברוסט, שטייט אויפן טיש וואו ס'איז נאָר וואָס געשטאַנען די זינדיקע, הייבט אויף זיין האַנט און שרייט ביטער:

—אומשולדיק בלוט האָט איר דאָ פאַרגאָסן! איר זענט באַגאַנגען אַ זינד, וואָס האָט נישט קיין פאַרגעבונג! דאָס בלוט פון דער אומגליקלעכער אשה שרייט צו גאָט און די וועגט פון שול וואָס האָבן דאָס צוגעזען וועלן עדות זאָגן אויף אייערע זינד פאַר דעם אַלמעכטיקן! פון זינט דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן זענען בטל געוואָרן די דיני נפשות, און איר האָט געהאַט די העזה צו משפּטן דיני נפשות נישט אויספאָרשנדיק פריער! געדענקט, גאָט וועט עס נישט פאַרשווייגן! ציטערט פאַרן שרעקלעכן יום הדין! וואָרום גאָט נעמט נישט קיין שוחד ביי די עשירים, ער הערט זיך צו צום אָרעמען. און מיט זיין צאָרן וועט ער באַשטראָפן די אויסוואורפן, די רשעים, וואָס פאַרשטעלן זיך פאַר פרומאַקעס.

אַ פינצטערע אימה איז באַפאַלן דעם גאַנצן המון דערהערנדיק זיינע ווערטער און ס'איז געוואָרן אַ מהומה און אַ צעמישעניש. פלוצלינג האָט זיך איינער אויפגעשטעלט און אויסגעשריגן הויך אויף אַ קול:

—אַוועק דו משוגענער! וואָס טוסטו דאָ? גיי אויף דיין אָרט צווישן די משוגעים. שוטרים, נעמט אים אַוועק פון דאַנען! צי ווייסט איר דען נאָך נישט, אַז ער איז משוגע?!

—איך ווייס, אַז איך בין משוגע. יעדער וואָס קערט זיך

אָפּ פון שלעכטס איז אַ משוגענער ביי אײַך—האָט געענטפערט זער, וואָס האָט זיי געשטראָפט, איז אַראָפּ פון טיש און קיי־נער האָט אים נישט אָנגערירט. אויך די שמשים האָבן אים נישט געטשעפּעט. איך האָב געקוקט. בין געווען איבערראַשט און נישט געוואוסט, וואָס דאָ טוט זיך. בין איך צוגעגאַנגען צו איינעם און אים געפרעגט:

—ווער איז דער דאָזיקער?

—דער משוגענער מגיד!—האָט ער מיר געענטפערט און איז אַוועק.

—זאָג מיר אפשר ווייסטו: פאַרוואָס האָט מען עס באַ־שטראָפט די פרוי,—האָב איך געפרעגט מיין חבר דן, וואָס האָט דעמאָלט גערעדט מיט אַן אַנדערן.

—דו האָסט דאָך געהערט, אַז זי איז אַ זינדיקע—האָט ער מיר געענטפערט—מער ווייס איך אויך נישט, פרעג איינעם פון די שטאָט־איינוואוינער, אויב דו ווילסט וויסן קלאָר, וואָס דאָ איז געשען.

—צי אַזוי גרויס זענען אירע זינד, וואָס מען פּייניקט זי אַזוי און קיינער האָט אויף איר קיין רחמנות נישט?—האָב איך געפרעגט איינעם אַ ייד וואָס איז נעבן אים געשטאַנען.

—מען האָט איר נאָך נישט באַצאָלט קיין העלפט וויפיל איר קומט.

—מיט וואָס האָט זי געזינדיקט?

—זי האָט מזנה געווען בעת איר מאַן איז געווען אין אַ וויטן וועג.

—און פון וואַנען איז מען געוואָר געוואָרן?

—וואָס הייסט פון וואַנען? זי האָט אַליין זיך מודה געווען!

—זי האט זיך מודה געווען?—האָב איך געפרעגט מיט וואונדער—נאָכוואָס האָט זי דאָס געטאָן?

—אוי דו נאַר! דו פרעגסט אַזעלכע שאלות וואָס אַ קינד וועט זיי נישט פרעגן.

—זייט מיר מוחל, איך בין דאָך דאָ אַ פרעמדער און האָב נאָך קיינמאָל אַזוינס נישט געזען, אויב איר ווילט, וואָלט

איך אײך געבעטן איר ;אָלט מיר דערצײלן.

—אויב דו װילסט װיסן אַלץ, װאָס ס׳איז געשען, קום אַרײן מיט מיר אין שול אַרײן און בעטן דאַװענען װעל איך דיר אַלץ דערצײלן.

אין שול האָט ער מיר אַזױ דערצײלט:

אין עטלעכע טעג זענען געשטאָרבן אין שטאָט אַ סך קינדער. געשטאָרבן פון אַסכּרה (דיפטעריט) רחמנא לצלן. און דאָס װײסט דאָך יעדער ייד, אַז קינדער שטאַרבן צוליב זינד: דעריבער האָט מען צונױפגערופן מאָנטאָג אַן אַסיפה זיך מישב צו זײן, װאָס צו טאָן און אָפּהאַלטן די מגפה. עס האָבן זיך צעטײלט די דעות, דער זאָגט אַזױ און דער—אַזױ, ביז ס׳איז געבליבן צונױפצורופן נאָך אַן אַסיפה דאָנערשטאָג. דאָנערשטאָג איז מען זיך װידער צונױפגעקומען און ס׳איז געבליבן מען זאָל נעמען זוכן די חטאים. זענען אַרױסגעגאַנגען די שמשים, זענען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב צו זוכן זינד. אױך שבת האָט דער שמש אױסגערופן, אַז יעדער, װאָס װײסט פון עפּעס אַ זינד און װעט נישט זאָגן, װעט ער זײן זינדיק, װאָרום אַלע יידן זענען ערוב אײנער פאַרן אַנדערן, און אויב אײנער איז זינדיק, װערט די גאַנצע עדה געשטראָפט. אַ ציטערניש האָט אָנגענומען אַלע יידן, און יעדער, װאָס האָט גאָט אין האַרצן איז געקומען, און האָט דערצײלט אַלץ װאָס ער האָט געזען מיט זײנע אויגן און געהערט מיט זײנע אויערן. און אַ סך זע-נען געװען די װעמענס זינד עס איז אַנטפּלעקט געװאָרן. אָבער זײ האָבן געאײלט און זײערע זינד אָפּגעװאַשט מיט געלט, װאָס זײ האָבן געגעבן פאַר קהל און ליכט אין שול אַרײן. אָבער די דאָזיקע מרשעת האָט שטאַרק געזינדיקט. צװײ עדות האָבן אַלײן געזען װי זי האָט זיך געשושקעט מיטן סוחר גבריאל בײ אים אין דער היים. מוז עס דאָך עפּעס זײן! די עלטסטע פון דער עדה האָבן געאײלט און גערופן צו זיך די זונה, און זי האַלט זיך בײ אירן „כ׳האָב נישט געזינדיקט!"— האָט זי געענטפערט מיט עזות.

·האָסט געזינדיקט צו גאָט, צו דײן מאַן און צו דער

גאַנצער עדה, וואָרום האָסט געטאָן וירדיקע זאַך—האָט אויסגערופן דער ראש העדה.

—איך פיל אויף זיך נישט קיין זינד—האָק זי געענטפערט מיט אַ „מצח אשה זונה״.

—זיי זיך מודה!—האָט דער ראש הקהל אויסגעשריגן—און טו אָפּ פון אונז די מגפה, וואָס דו האָסט אויף אונז געבראַכט מיט דיין רשעות. זיי זיך מודה און דו וועסט אַליין ליידן פאַר דיינע זינד.

—וי אַזוי זאָל איך זיך מודה זיין, אַז איך האָב קיין שום בייז נישט געטאָן? גאָט, וואָס ווייסט אַלץ, ווייסט אַז איך בין ריין פון זינד.—האָט די זונה געענטפערט און זיך אַפילו נישט פאַרשעמט.

דער ראש הקהל, אַז ער האָט דערהערט אַז די אומריינע זאַך ערלויבט זיך אָנצורופן גאָטס נאָמען, האָט ער אויסגעשריגן מיט גרויס צאָרן:

—דו אַרירה! דו האָסט נאָך די חוצפה אַרויסצוברענגען גאָטס נאָמען אויף דיינע אומריינע לעפצן! אַהער גייט שמשים! באַלד וועסטו זיך מודה זיין און וועסט מער נישט פאַרבאָרגן דיינע זינד!

—איך בין ביי אייך אין די הענט—האָט די אומריינע געענטפערט—טוט מיט מיר ווי אַייך געפעלט, נאָר וויסן זאָלט איר, אַז איר וועט פאַרגיסן אומשולדיק בלוט.

איינער פון די ראשי הקהל, שלמה הייסט ער, וואָס האָט אַ האַרץ פון אַ יידענע, האָט געוואָלט ווירקן אויפן ראש הקהל ער זאָל זי אָפּלאָזן פריי, אַ נאַר דאָס איז! אָבער דער ראש הקהל איז אַ חכם און אַ מענטש מיט אַ שטאַרק האַרץ, ער האָט אים אַפילו נישט אויסגעהערט, און נאָכדעם ווי דער דאָזיקער מיט דעם ווייבערישן האַרץ איז אַרויס פון דער בית-דין-שטוב, האָט ער באַפוילן די שמשים און זיי האָבן אַראָפּגעשלעפּט די קליידער פון דער זונה, נאָר אין העמד איז זי געבליבן, און מען האָט אָנגעהויבן דרעשן איר לייב מיט ריטער און דער ראש הקהל האָט אויסגעשריגן אויף אַ קול:

—זיי זיך מודה!

אָבער זי—אַזאַ אויסגעלאַסנקייט איז נאָך נישט געהערט געוואָרן אויף דער וועלט—זי האָט געשריגן מיט אַ שרעקלעך קול—איך וועל זיך מודה זיין, אַז איך האָב דיך נישט געוואָלט פאָלגן צו זיין מיט דיר.

די דאָזיקע ווערטער האָבן אויפגעבראַכט דעם כעס [illegible] אַלע ראשי הקהל, און מען האָט באַפוילן די שמשים אַז מען זאָל איר שטאַרק שלאָגן. די שמשים האָבן אַזוי געטאָן און די אַרירה האָט געשוויגן ווי די וואַנט. דעמאָלט האָבן די שופטים געזאָגט צו די שמשים:—גענוג!—וואָרום זיי האָבן געמיינט, זי גייט אויס. די שמשים האָבן אויפגעהערט שלאָגן, האָבן געגאָסן אויף איר קאַלט וואַסער, און באַלד איז די טמאה צו זיך געקומען. דער ראש הקהל האָט ווידער אויסגערופן: „זיי זיך מודה אויב נישט וועטן דיר נאָך מער צולייגן. „כ'האָב טאַקע געזינדיקט"—האָט די זונה געזאָגט מיט אַ שטיל געבראָכן קול, דעמאָלט האָט מען באַפוילן און מען האָט זי געפירט אויפן שולהויף אין די צעריסענע קליידער, כדי אַלע זאָלן זי זען און זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר.

—אָבער ווי אַזוי האָבן די ראשי הקהל נישט מורא געהאַט טאָמער שטאַרבט זי אונטער די שמשימס הענט?—האָב איך געפרעגט דערשיטערט.

—דו רעדסט דאָך גאָר ווי אַ נאַר—האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ געלעכטער—אַזעלכע זאָלן טאַקע שטאַרבן! ווער דאַרף זיי? איך געדענק מיט פינף יאָר צוריק איז טאַקע אַ זינדיקע געשטאָרבן און זיך טאַקע נישט מודה געוועזן, האָט מען איר באַגראָבן מיט חרפה—הלואי זאָל די דאָזיקע האָבן אַזאַ סוף.

—אָבער וואָס אַזוינס האָט זי דען געטאָן אויב זי האָט זיך געשושקעט מיט אַ מענטשן? ווער ווייסט, אפשר איז זי טאַקע ריין פון זינד?

—וואָס דו מאַכסט חוזק פון מיר? איך האָב דיר דאָך געזאָגט, אַז זי האָט זיך מודה געווען.

—און וואָס האָט מען געטאָן דעם חוטא?

—אים האָט מען גאָרנישט געטאָן, וואָרום ער איז אַ גרויסער גביר און האָט אַ שטאַרקע האַנט. ווער זשע וועט זיך עס אונטערשטעלן אָנצוהייבן מיט אים?

—היתּכן?

דאָ איז איינער צו אונז צוגעקומען און זיך צעשריגן:

—צי איר וועט אויפהערן צו באַטשקען בעתן דאַווענען? דער חזן דאַווענט און איר בעלבעטשעט, לאָבוסעס!

דער יונגערמאַן, וואָס האָט גערעדט מיט מיר, האָט גלייך אָפּגעריסן און איך מיט מיין חבר זענען געזעסן שטיל אויף אונזערע ערטער. מיין חבר האָט גאָרנישט גערעדט די גאַנצע צייט און האָט גאָרנישט געפרעגט, צייטנווייז נאָר האָט ער בי־טער אָפּגעזיפצט, נאָר איך האָב זיך נישט וויסנדיק געמאַכט. באָכן דאַווענען האָב איך געזאָגט צו אים:

—ס'איר אַ שרעקלעכע שטאָט! נישט אַזדערש אַז דאָס איז אַ געטלעכע שטאָט און אַלע איינוואוינער זענען מלאכים, אַז זיי זוכן מיט ליכט חטאים. נישט אַזוי איז אין אַשדות, דאָרט האַלט מען אין איין זינדיקן און קיינער מאַכט זיך נישט וויסן.

—נישט דאָ איז דאָס אָרט צו רעדן וועגן דעם, וואַרט צו און איך וועל דיר דערציילן אַזוינס, אַז די האָר וועלן זיך דיר אויפשטעלן קאַפּויר הערנדיק. אָבער איצט לאָמיר גיין צום חזן אַהיים.

—צום חזן?—האָט זיך דערהערט אַ קול פון הינטער אונז—וואָס האָט איר צום חזן?

—מיר דאַרפן צו אים—האָב איך געענטפערט זעענדיק, אַז מיין חבר וויל נישט ענטפערן.

—צום חזן ראובן דוד?

—איך ווייס נישט צי ער הייסט ראובן דוד צי יחזקאל אָדער שמעיה, נאָר מיר דאַרפן צום חזן, וואָס דאַווענט אין דער שול.

—צום חזן פון דער שול?

—יאָ.

—צי איז דען דאָ אַ שול?

—נאָר וואָס דען איז דאָ?
—אַ בית המדרש.
—גוט, ס׳איז אַלץ איינס. נאָר זאָגט מיר וואו וואוינט דאָ דער חזן?
—אייך איז אַלץ איינס. אַ שיינער אַלץ איינס—און האָט זיך אויסגעדרייט און אַוועק.
—ווער זענט איר, קינדער,—האָט אונז געפרעגט מיט ווייכקייט אַ ייד אַ זקן.
מיר האָבן זיך צערעדט מיט דעם זקן און ער האָט אונז פאַרבעטן צו זיך אַהיים אויף וועטשערע. דאָרט זענען מיר ביי אים געוואָר געוואָרן, אַז דער חזן ראובן דוד איז שוין לאַנג נישטאָ אין שטאָט, מחמת מען האָט אים פון דאָרט פאַרטריבן. דער זקן האָט דערציילט, אַז ער אַליין האָט געהאָלפן אים פאַר-טרייבן: וואָרום אויך אַלע אַנדערע חזנים זענען דאָך רשעים, און ער איז נאָך געווען ערגער פון אַלע אַנדערע, וואָרום ער פלעגט שלאָגן דאָס ווייב, און האָט איר איינמאָל אַזוי געשלאָגן, אַז זי האָט זיך אַוועקגעלייגט קראַנק און איז שוין מער נישט אויפגעשטאַנען. און דעמאָלט האָט שטאָט אים פאַרטריבן. איצט איז ער אַ חזן אין דער שטאָט תעלוליה, און דאָ אין שטאָט איז שוין דאָ אַן אַנדער חזן.

י.

## ביינאַכט אין בית המדרש.

ביינאַכט האָבן מיר זיך געלייגט שלאָפן אין בית המדרש—אָבער מיר זענען נישט געשלאָפן נאָר מיר האָבן זיך צערעדט. מיין חבר דן האָט זיך פּלוצלינג אָפּגערופן.

—יוסף, יוסף! אַ שווערער שטיין דריקט מיר אויפן האַרצן, איך וועל פאַר דיר זיך אַ ביסל אָפּרעדן פון האַרצן, אפשר וועט מיר לייכטער ווערן. דו מיינסט דאָך אַז אין אַ היי־ליקער שטאָט אַריין ביזטו געקומען—האָסטו אַ גרויסן טעות. אין אַ שלאַנגענהייל ביזטו פאַרבלאָנזשעט געוואָרן. צווישן עקדישן געפינסטו זיך איצט, טויזנטער אויגן קוקן דיר נאָך. דו גלייבסט, אַז די דאָזיקע אומגליקלעכע פרוי האָט געזינדיקט? צי רעכנסטו אַז דער ראש הקהל איז אַזוי פרום? איך וועל דיר אַראָפּנעמען דאָס הייטל פון די אויגן, און דו וועסט אַליין זען. נאָר שטאַרק דיין האַרץ! וואָרום שרעקלעך איז דאָס בילד וואָס דו וועסט זען. דו וועסט זען דאָס פייער פון גיהנום ברענט, דאָס פייער פון נקמה פאַרברענט די וואָס ריכטן זיך נישט אויף גאָרנישט. דערבאַרמט זיך נישט אויף קיין קינדער, האָט נישט

קיין דרך-ארץ פאַר אַלטע לייט, לאַכט אָפּ פון גערעכטיקייט, מאַכט חוזק פון גאַאיון.

—איך פאַרשטיי נישט, וואָס זשע, איז די גאַנצע שטאָט רשעים?

—איך האָב דען געזאָגט אַז די גאַנצע שטאָט זענען רשעים? פאַראַן אויך אָרנטלעכע מענטשן, אָבער וואָס קאָנען זיי העלפן? דאָרט וואו משפט איז דאָ רשעות. האָסט דאָך געהערט וואָס דער אַלטער מגיד האָט געזאָגט?!

—כ'האָב געהערט. ער איז דאָך אָבער משוגע.

—יאָ. אַודאי איז ער משוגע, וואָרום ווען ער וואָלט געווען ווי אַלע מענטשן—וואָלט ער דאָך נישט געהאַט די העזה זיי צו זאָגן דעם אמת אין די אויגן. וואָרום דאָס לעבן האָט ער זיך דאָך איינגעשטעלט. אָבער אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט איז אמת: אומשולדיק בלוט האָט מען היינט פאַרגאָסן פאַר גאַנץ קהל. צי גלייבסטו דען אַז די פרוי האָט געזינדיקט? קיינמאָל נישט! זי איז ריין פון זינד, זי איז אַן אומשולדיק שעפּעלע, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין לאַפּע פון אַ ווילדן לעמפּערט, וואָס פאַרציקט, צערייסט און קיינער קאָן עס נישט מציל זיין, הער און שטוין!

ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און געוואָלט נעמען דערציילן, נאָר פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ רעש אין פּאָליש—די טיר האָט זיך געעפנט מיט אימפּעט און צוויי ווייבער, איינע פון אַ יאָר פופציק און די צווייטע פון אַ יאָר דרייסיק, זענען אַריין מיט אַ גרויס געוויין, קלאָגן מיט שרעקלעכע קולות און שלאָגן זיך אין די הערצער. באַלד האָבן זיי אויפגעפּראַלט די טירלעך פון אָרון קודש, האָבן אַריינגעבויגן די קעפּ און זיך נאָך שטאַרקער צעקלאָגט.

—גרויסער גאָט, שטאַרקער גאָט—האָט די אַלטע ביטער געשריגן—קער מיר אום מיין טאָכטער! מיין טאָכטער גיב מיר צוריק! נעם בעסער מיך צו פאַר איר! גיב איר צוריק דאָס לעבן גרויסער שטאַרקער גאָט! ווייסט דאָך ווי טייער מיין טאָכטער איז ביי מיר, קער זשע מיר אום מיין טאָכטער און

איך וועל שטענדיק דאַנקען און לויבן דיין ליבן נאָמען! אבות מיינע, וואָס איר רוט אין קבר, דערוועקט זיך פון אייערע קברים צו בעטן דערבאַרימקייט פאַר מיין טאָכטער זי זאָל נישט שטאַרבן! הייליקע תורה, זיי אַ מליץ יושר פאַר מיין טאָכטער, דאָס מענטעלע דיינס האָסטו דאָך פון איר. מיט אירע אייגענע הענט האָט זי עס אויסגעהאָפטן, די „עץ חיימס" האָט זי דאָך געקויפט! הייליקע מלאכים, בעט ביים אַלמעכטיקן גאָט ער זאָל שענקען לעבן מיין טאָכטער!

אַזוי האָט זי געבעטן און געקלאָגט אַ האַלבע שעה, די צווייטע האָט ביטער געוויינט נאָר קיין וואָרט האָט זי פון מויל נישט אַרויסגעבראַכט. נאָכדעם האָט זיך די אַלטע געווענדט צו אַ ייד, וואָס איז געזעסן ביים טיש און געלערנט, און געזאָגט צו אים:

—אפשר וועט דאָ זיין אַ מנין מענטשן, וואָס זאָלן תהילים זאָגן פאַר מיין טאָכטער.

—אַ מנין איז דאָ. און מסתם ווילט איר דאָך אויך מען זאָל איר משנה השם זיין? ווארום אַז מען איז משנה דעם נאָמען איז נשתנה דער גזר דין.

—דאָס ווייסט איר דאָך בעסער פון מיר. אָבער איילט זיך און נעמט צונויף די לערנער, דערנאָך שיקט מיר מודיע זיין דעם נאָמען, וואָס מען האָט איר געגעבן און איך וועל שוין באַצאָלן מיט דער ברייטער האַנט.

—כ׳וועל אַזוי טאָן.

די ווייבער זענען אַרויס פון בית המדרש, דער ייד האָט גיך צונויפגענומען אַ מנין, יעדער האָט גענומען אַ תהילימל אין האַנט און הויך תהילים געזאָגט, אויך איך מיט מיין חבר האָבן מיט זיי געזאָגט. נאָכן תהילים האָט מען גענומען זאָגן די תפלה אויף משנה צו זיין דעם נאָמען, נאָר דאָ האָט זיך גע-עפנט די טיר און אַ ייד פון אַ יאָר פופציק אָנגעטאָן אין צע-ריסענע מלבושים, אויסגעשמירט אין בלאָטע און קויט פון קאָפּ ביז די פיס, זיינע צוויי פאות זענען געווען ווי צוויי ווידלען ווייל שוין לאַנגע צייטן אַז קיין קעמל האָט זיי נישט צעקעמט

אין געאײלעניש איז ער צוגעלאָפן צו די מתפּללים און אויס-
געדופן:

—גע־גע־גע־נוג!

—וואָס איז? וואָס רעדסטו?

—איר הערט דאָך—האָט ער גערעדט שטאַמלענדיק—גענוג
צו זאָגן תּהילים. איר וועט גאָרנישט קריגן פאַר דעם, וואָרום
זי איז שוין געשטאָרבן!

—געשטאָרבן!!—האָבן אַלע אויסגערופן מיט וואונדער און
זענען טרויעריק געוואָרן, ווייל זיי האָבן היזק געהאַט דאָס גע-
צאָלטס פאַרן תּהילים זאָגן.

—איך האָב זי דאָך היינט אינדערפרי געזען!—האָט אויס-
גערופן איינער פון די מתפּללים.

—פאַרנאַכט איז זי געווען אויפן שולהויף צו זען ווי מען
משפּט די זינדיקע, און אַז זי האָט געהערט רעדן דעם משוגענעם
מגיד, האָט זי אָנגעהויבן חלשן און באַקומען ווייען, ווייל זי איז
שוין געווען אויף דער צייט און זי איז געשטאָרבן גייענדיק צו
קינד.

—דאָס האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, הערנדיק דעם
מגיד, אַז עס וועט זיין שלעכט אין שטאָט. אָבער וועמען איז
איינגעפאַלן אַז עס וועט זיך אויסלאָזן צום ראש הקהל? אַן איינ־
ציקע איז זי ביי אים געווען און ליב האָט ער זי געהאַט ווי
זיין לעבן. ווי, ווי, צו זיין בראָך איז נאָר קיין גבול נישטאָ.
וואָס נוצן אים שוין איצט זיינע אַלע אוצרות אַז ער איז גע-
בליבן אָן אַ קינד!—האָט אַן אַנדערער גערעדט און אויפגעהויבן
די אויגן צום הימל.

—גאָטס משפּט איז אַ גערעכטער—האָט געענטפערט אַ ייד
אַ זקן.

—אויב אַזוי באַשולדיקט איר דעם ראש הקהל און זאָגט
אַז צוליב זיינע זינד איז די טאָכטער געשטאָרבן?—האָט איינער
געפרעגט און זיך איינגעקוקט אין אים.

—און דו ווילסט שולדיק מאַכן גאָט כּדי גערעכט צו מאַכן
דעם ראש הקהל?—האָט דער זקן געענטפערט.

אַ ווײַלע איז שטיל געוואָרן. קײנער האָט קײן וואָרט נישט גערעדט און קײנער האָט זיך פֿון אָרט נישט גערירט. מיטאַמאָל האָט זיך געעפֿנט די טיר און דער משוגענער מגיד איז אַרײַן, אָנגעטאָן ווי בײטאָג, אױף די תּפֿילין אױפֿן קאָפּ האָבן נישט געפֿעלט. איז צוגעגאַנגען צו אַלע פֿיר ווינקלען פֿון בית־המדרש און זײ געקושט, דערנאָך האָט ער אָנגעהױבן גײן הין און צוריק און גערעדט צו זיך מיט אַ שטיל קול:

—„ס׳האָט זיך אָנגעהױבן די מגפֿה! ס׳האָט זיך אָנגעהױבן״.

און ער איז אַרױס פֿון בית המדרש נישט קוקנדיק אױף קײנעם און נישט רעדנדיק קײן אײן וואָרט.

אַלע האָבן זיך אױפֿגעהױבן פֿון זײערע ערטער, אױך איך מיט מײַן חבר האָבן צוריקגעקערט אױף אונזער פֿריערדיקן אָרט אַזן ער האָט מיר אַזױ דערציילט.

## יא.

# אַ שלאַנג אין שמוב.

מיט פופצען יאָר צוריק, איז אַהער געקומען אַ רייכער שויינער ייד. געהייסן האָט ער אבינדב און איז געוועזן פון דער שטאָט תרצה. האָט ער דאָ אויפגעשטעלט אַ וועבעריי. פאַרוואָס האָט ער אויסגעקליבן פונקט די שטאָט פאַר דעם, האָט קיינער נישט געוואוסט, און קיינעם איז גאָר נישט איינגעפאַלן זיך נאָכצופרעגן אויף דעם. אַ סך געלט האָט ער אויסגעגעבן אויף אויפצושטעלן דאָס הויז מיט די מאַשינען, וואָרום געצאָלט האָט ער מיט דער ברייטער האַנט די אַרבעטער, ביז די וועבעריי איז פאַרטיק געוואָרן. און ווי גרויס איז געוועזן זיין פרייד זעענדיק, אַז זיין אַרבעט איז נישט געוועזן אַרויסגעוואָרפן, ווייל זיין האַנדל האָט זיך שטאַרק פאַרשפרייט און זיין הויז האָט געקריגן אַ גרויסן נאָמען. און וואָס מער ער איז רייך געוואָרן אַלץ מער זענען געוועזן זיינע פריינט, וואָס פלעגן צו אים אַריינקומען. גרויס כבוד האָט מען אים צוגעטיילט אין שול ביים דאַווענען און אַלע חברות אין שטאָט האָבן אים געוואָלט מאַכן פאַרן ראש פון די חברות. ער אָבער האָט זיך פון די כבודי־

אָפּגעזאָגט כּאָטש צדקה האָט ער געגעבן צו יעדער צייט און אויף יעדער זאַך, וואָס מען האָט בײַ אים געבעטן האָט ער געטיילט מיט דער ברייטער האַנט. און אַזוי איז ער געוואָרן באַליבט און געשעצט פון אַלעמען. אפילו די דאָזיקע, וואָס האָבן פריער נישט געהאַלטן פון אים און האָבן געזאָגט, אַז ער טיילט דערפאַר אַ סך צדקה כּדי מען זאָל אים מאַכן פאַר אַ גבאי אָדער ראש הקהל—אויך די דאָזיקע האָבן אויפגעהערט רעדן אויף אים און גענומען אים לויבן זעענדיק, אַז שוין יאָרן זע־נען פאַרביי און ער איז ווי אַ טאַטע פאַר די אָרימעלייט פון שטאָט און כאָטש די דאָזיקע קהלה האָט אים שוין עטלעכע מאָל אויסגעקליבן פאַרן ראש הקהל, האָט ער זיך דערפון אָפּגעזאָגט און האָט קיינמאָל זיך נישט אַריינגעמישט אין קהלשע ענינים. זיין ווייב שרה האָט אים געהאָלפן צדקה טאָן און די אָרימע־לייט אין שטאָט האָבן אַלע געזאָגט, אַז אַזאַ גוטהערציקע פרוי איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. און מען פלעגט איר רופן: „אונזער מוטער שרה".

ווי אין אַ גן עדן האָבן די מענטשן געלעבט אויף דער וועלט; פרייד אָן איין זיפץ, גליק אָן שום פּגם, און זייערע קינדער זענען געוואַקסן שיין און קלוג. דאָס יינגל אבשלום איז אַלט געווען אַ יאָר זיבעצען, געווען קלוג און שיין, אַז ער האָט קיין גלייכן נישט געהאַט, און כאָטש ער איז געווען ווי אַ פרייער פויגל און זיך געטאָן וואָס אים האָט זיך פאַרגלוסט, וואָרום איינציק איז ער געווען ביי זיינע עלטערן און זיי האָבן אים קיינמאָל נישט באַשטראָפט ווען ער האָט געטאָן אַזוינס וואָס מען דאַרף נישט. פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך מיט אים שטאַרק געפרייט זעענדיק ווי קלוג ער איז. זייער טאָכטער שולמית איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף, זער אַ שיינע און אַ באַחנטע און זיי האָבן זיך ממש געקוויקט מיט איר. און וואָס נאָך פעלט אַ מענטש אויב ער איז אַזוי געבענטשט?

און אַז זיי איז גוט געגאַנגען, האָבן זיי יעדן גוטס גע־טאָן. פון דער פרי ביז ביינאַכט האָבן דאָרט די טירן נישט גערוט. הונגעריקע זענען געקומען אַהין שטילן זייער הונגער

געפאַלענע—צו געפינען אַן אָנלען, און יעדער האָט דאָרט גע-פינען, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט. מען האָט קיינעם נישט גע-פרעגט, ווער ער איז, פון וואַנען ער קומט, מען האָט אפילו נישט נאָכגעפאָרשט צי יענער נאַרט אָפּ. אויך דריי בחורים פון ישיבה האָבן דאָרט געגעסן. צווישן זיי איז געווען איינער אַ בחור, מנשה האָט ער געהייסן, איז געווען אַלט אַ יאָר נײַנצען, איז געווען אַ שיינער און אַ קלוגער. ער האָט אינגאַנצן נישט אויסגעזען ווי אַ ישיבה-בחור נאָר ווי אַ רייך קינד. וואָרום ער איז געווען אָנגעטאָן אין גאַנצע מלבושים, וואָס זענען שטענדיק ריין געווען, דערפאַר האָט ער נושא חן געווען ביי אבינדבן און ער האָט אויף אים געקוקט אַנדערש ווי אויף אַלע איבע-ריקע און אים געוואָלט געבן אַ צימער ביי זיך אין שטוב. דער בחור אָבער האָט אים געדאַנקט פאַר זיין גוטסקייט און געזאָגט, אַז ער קאָן נישט פאַרלאָזן דאָס בית המדרש, וואָרום ער האָט שטאַרק חשק צום לערנען און ער וויל אויך ביינאַכט לערנען.

ער האָט אים דערמיט אָפּגענאַרט, וואָרום ער האָט גאָר-נישט אין זינען געהאַט דאָס לערנען, ער האָט נאָר געמאַכט דעם אָנשטעל און זיך געהאַלטן גרעסער פון די בחורים זיין גלייכן. יענע האָבן פאַר אים געציטערט און האָבן נישט געוואָגט צו מוסרן אויף אים, כאָטש זיי האָבן פון אים גע-זען נישט קיין פיינע זאַכן. וואָרום זיי האָבן געזען אַז דער ראש הישיבה פירט זיך מיט אים זער גוט. שלאָגט אים נישט, שעלט אים נישט ווען ער זיצט אַ גאַנצן טאָג און קוקט אפילו נישט אַריין אין דער גמרא. און כאָטש פאַר די בחורים פון ישיבה איז עס אין אָנהויב געווען אַ וואונדער, ווייל זיי האָבן געקענט דעם ראש הישיבה, וואָס האָט געהאַט הנאה פון שלאָגן מיט אַ שטעקן. פונדעסטוועגן האָבן זיי נישט נאָכגעפאָרשט דאָס צו פאַרשטיין, וואָרום זיי האָבן מורא געהאַט, טאָמער וועט דער ראש ישיבה פון דעם געוואָר ווערן און וועט זיך מיט זיי אָפּ-רעכענען. נאָר איינער פון די בחורים וואָס האָט געזען ווי מנשה גיט אים געלט, האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט עס דערציילט פאַר זיינס אַ חבר, און דער צווייטער

פֿאַר אַ דריטן, ביז אַלע האָבן אָנגעהויבן רעדן פֿון דעם און עס איז אָנגעקומען צום ראש ישיבה. אַז ער האָט זיך פֿון דעם דערוואוסט האָט זיך צעפֿלאַקערט אין אים דער כעס, האָט ער אַזוי לאַנג געפּאָרשט ביז ער איז דערגאַנגען פֿון וועמען דאָס שטאַמט. האָט ער דעם בחור שטאַרק געפּייניקט און פֿאַרטריבן פֿון ישיבה און אויך די איבריקע האָט ער נישט געשוויגן און פֿון דעמאָלט אָן האָבן אַלע געשוויגן און נישט גערעדט מער אויף מנשהן קיין וואָרט: וואָרום זיי האָבן פֿאַר אים מורא געהאַט ווי פֿאַר אַ שד און זיי האָבן אַלץ פֿון אים געליטן און געשוויגן.

דער ענטפֿער, וואָס מנשה האָט געענטפֿערט אַבינדבן, איז אים זער געפֿעלן און ער האָט געזאָגט צו אים:

—אדרבה זיך און לערן און ווער באַרימט. פֿונדעסטוועגן וואָלט איך דיר געעצהט, אַז דו זאָלסט קומען אַהער נעכטיקן, וואָרום ס'וועט דיר זיין גענוג אויב דו וועסט זיצן און לערנען אַ גאַנצן טאָג און ביינאַכט וועסטו זיך אָפּרוען.

אין אָנפֿאַנג האָט ער אים נישט געוואָלט הערן, אָבער אַז ער איז צו אים צוגעשטאַנען איז ער באַשטאַנען און פֿון דעמעלסט אָן איז ער געוואָרן דאָרט אַ בן בית, און ביסלעכ־ווייז האָט ער אָנגעהויבן אַהין קומען אויך בייטאָג און האָט געהאָלפֿן טיילן די אָרימעלייט נדבות אַלע פֿרייטאָג, פֿון צייט צו צייט האָט ער זיך אויך אַריינגעמישט און געזאָגט זיין מיינונג אין שטוב־זאַכן, ביז ער איז געוואָרן אַן אייגענער מענטש דאָרט און מען האָט אים איבערגעגעבן די שליסלען פֿון גאָלד און זילבער און ער איז דאָרט געוואָרן דער גאַנצער אויפֿזעער פֿון שטוב און אַלע האָבן אים ליב געהאַט. אַ חוץ דער מלמד, וואָס האָט געלערנט מיט אבשלומן, ער האָט אים פֿיינט געהאַט און ער האָט אויף אים געקוקט ווי אויף אַ נגע צרעת אין שטוב. אויך אבשלום האָט אים נישט געקאָנט ליידן. ס'האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און מנשה האָט נקמה גענומען אין זיין שונא. וואָרום אבשלום האָט פּלוצלינג פֿיינט געקריגן זיין מלמד און מיט מנשהן איז ער געוואָרן אַ גוטער ברודער.

אין אָנפאַנג האָט אבינדב געפּרובט ווירקן אויף זיין זון, נאָר זעענדיק, אַז די רייד זענען אַרויסגעוואָרפענע, איז גע-בליבן ביי אים אָפּצוזאָגן דעם מלמד און צונעמען אַן אַנדערן. אבשלום אָבער האָט געזאָגט אָפן, אַז ער האָט פיינט געקריגן די מלמדים, וואָרום ער איז שוין נישט קיין יינגל ער זאָל זיך לאָזן פון זיי פירן, אויב אָבער דער פּאָטער וויל ער זאָל ווייטער לערנען, זאָל ער אים געפינען אַ יונגענמאַן, וואָס קאָן לערנען און זיי וועלן ווי ברידער לערנען צוזאַמען.

עטלעכע טעג זענען אַריבער איידער דער מלמד איז אַוועק און מנשה האָט זיך נאָך מער געפלייסט צו געווינען די הערצער פון די שטוב-מענטשן, ביז אַלע האָבן אים שטאַרק ליב באַקומען און אבשלום איז צו אים צוגעבונדן געוואָרן. אויך די איינגייער פון אבינדבס הויז האָבן אים אָנגעהויבן אָפּ-געבן כבוד, זעענדיק אַז אַלע האָבן אים דאָרט ליב. אבינדב אַליין האָט זיך אויך געפרייט צוקוקנדיק ווי דורך אים ווערט דערהויבן אַן אָרימער בחור. האָט ער אים נאָך מער דערהויבן נאָר אַלעמען אין די אויגן, ביז ער האָט איבערגעגעבן אונטער זיין האַנט אויך דעם אוצר, וואָס איז אים געווען צום טייערסטן פון אַלץ אין דער וועלט- ער האָט אים איבערגעגעבן זיין איינציקן זון, ער זאָל דאָס אויף אים אַכטונג געבן.

דערביי האָט ער צו אים געזאָגט:

—הער אויס, מנשה. אויף דיר פאַרלאָז איך זיך, אַז דו וועסט אָפּהיטן מיין קינד, דעריבער גיב איך אים איבער צו דיר און דו דאַרפסט אויף אים גוט אַכטונג געבן, און אויב ער וועט זיך לאָזן אויף אַ שלעכטן וועג—זאָלסטו מיר תיכף מודיע זיין. געדענק, אַז ער איז ביי מיר אַ בן-יחיד!

—איך בין גרייט צו טאָן אַלץ, וואָס איר וועט מיר באַ-פעלן, ווי אַ געטרייער הונט וועל איך היטן די טריט זיינע.

און אַזוי האָט מנשה געוואוסט זיך אונטערצוחנפענען אויך צו אבשלומען און צו געווינען זיין האַרץ.

און מנשה האָט כסדר געטראַכט ווי אַזוי ער זאָל אַלץ מער צובינדן צו זיך אבשלומען, וואָרום קענענדיק אים, אַז ער

איז נישט קיין שטאַנדהאַפטיקער און דאָס, וואָס עס געפעלט אים היינט ווערט אים מאוס מאָרגן, האָט ער כסדר גע־זוכט מיטלען ווי אַזוי צו פאַרשטאַרקן אבשלומס ליבשאַפט צו זיך. און זיין קלוגשאַפט איז אים דערביי בייגעשטאַנען: ער האָט געזען אַז אבשלום האָט נישט קיין חשק צו לערנען תורה, האָט ער אים אויסגעקליבן אַ נייע תורה, וואָס ער האָט אים אַריינגעשלאָגן אין האַרצן—ער האָט אים געעפנט די אויגן צו זען, אַז ער איז אַ גביריש קינד און אַז זיין טאַטע פאַרמאָגט גרויסע אוצרות, און אַז אַ מענטש, וואָס האָט געלט איז נישט באַשאַפן געוואָרן צו הונגערן און אַרומגיין פאַראומערט. וואָרום ס'זענען פאַראַן אַ סך תענוגים אויף דער וועלט וואָס מאַכן פריילעך דעם מענטשנס האַרץ. און אבשלום האָט זיך צו דער נייער תורה צוגעהערט, דאָס איז פאַר אים געווען אַ נייעס און נייע מחשבות זענען אים געקומען אין קאָפּ אַריין און ער האָט גענומען ערפילן זיינע פאַרלאַנגען. וואָרום אַ שטאַרקע תאווה האָט ווי אַ פייער גענומען ברענען אין אים און מנשה האָט עס צוגעזען און נישט נאָר ער האָט אים נישט אָפּגעווענדט פון דעם, נאָר האָט נאָך געזען צו פאַרבאָרגן זיינע מעשים פון זיי־נע עלטערן. אַזוי האָט ער אים פאַרפירט אַלעמאָל צו ערגערע זאַכן און פון טאָג צו טאָג האָט זיך געשטאַרקט זיין אויסגע־לאַסנקייט און די עלטערן האָבן פון גאָרנישט געוואוסט, וואָרום זייער ליבע צו זייער קינד האָט זיי די אויגן פאַרבלענדט, זיי האָבן אויך געגלויבט אין מנשהן, אַז ער וועט נישט דערלאָזן זייער קינד גיין אויף אַ שלעכטן וועג. אַזוי האָט זיך מנשה מיט אים געפירט אַ זעקס חדשים און ס'איז אים געלונגען, און אין האַרצן האָט ער געהאָפט, אַז נאָך אַ ביסל און ער וועט קומען צום ציל צו וועלכן ער האָט געשטרעבט. ס'איז אפילו געקומען איין טאָג, ווען ער האָט געמיינט, אַז זיין גאַנצע אַר־בעט איז קאַליע געוואָרן. דאָס איז געווען אין דעם טאָג ווען ס'איז געשטאָרבן שרה אבינדבס ווייב; דער טאָג האָט געבראַכט קלאָג און יאָמער אין שטוב, און אויך אבשלומס האַרץ איז אין אים צעגאַנגען און עטלעכע טעג איז ער געווען טרויעריק און

האָט זיך אָפּגעשיידט פון אַלע פאַרגעניגנס און גלוסטיקע זאַכן, אַזוי אַז אויך מנשה האָט שוין כּמעט געגלויבט, אַז דאָס פּיי-געלע איז אַנטרונען געוואָרן פון נעץ און ער האָט געציטערט טאָמער וועט אבשלום קומען צו זיך און דערזעען, אַז דאָס האָט ער אומישנע אים פאַרפירט פון גוטן וועג. אים איז אפילו איין מינוט איינגעפאַלן צו פאַרלאָזן גיך דאָס הויז איידער עס ווערן אַנטפּלעקט זיינע באַהאַלטענע כּוונות, אָבער ער האָט זיך באַלד באַטראַכט און געגומען האָפן, אַז אים וועט צוריק גע-ראָטן צו פאַרזינקען אבשלומען אין דער בלאָטע פון תּענוגים.

און ער האָט זיך טאַקע נישט גענאַרט, וואָרום נאָך די שלושים האָט אבשלום זיך צוריקגעקערט צו זיינע פריערדיקע וועגן און נאָך מער פאַרזונקען אין תּאווה, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָפּנעמען פאַר דעם גאַנצן חודש, וואָס ער איז געווען פון אַלעם אָפּגעשיידט.

נאָך דעם, ווי מנשה האָט געזען, אַז אבשלום איז שוין שטאַרק פאַרדאָרבן און ס׳איז שוין נישטאָ קיין כּח אים צוריק-צוברענגען צום גוטן, האָט ער אָנגעהויבן מורא האָבן טאָמער וועט אבינדב דאָס באַמערקן און וועט אויף אים אַרויפוואַרפן די שולד. דעריבער האָט ער זיך באַשלאָסן אויסצוזאָגן אים. איז ער אַריינגעקומען צום אַלטן אבינדב אין צימער אַריין, האָט זיך אַנידערגעשטעלט ביי דער טיר מיט אַ געזונקענעם קאָפּ און שטאַרק אָפּגעזיפצט.

—וואָס איז דיר מיין ליבער מנשה?—האָט אַבינדב גע-פרעגט מיט ליבשאַפט.

מנשה האָט גאָרנישט געענטפערט און אַלץ ווייטער בי-טער געקרעכצט.

—וואָס איז דיר? וואָס שטייסטו ביי דער טיר?—האָט דער אַלטער געפרעגט מיט וואונדער.

—כ׳בעט אייך, האַר מיינער,—האָט מנשה פּלוצלינג אויפ-געהויבן אַ וויינענדיק קול—זייט מוחל מיינע זינד. וויי, וויי! כ׳האָב קעגן אייך געזינדיקט אַזוי שטאַרק, אַז מען קאָן עס גאָרנישט מוחל זיין, דאָס לעבן איז מיר נישט ניחא, איך שעם

זיך אײַך פֿאַר די אויגן צו ווײַזן!

—וואָס הער איך?!—האָט דער אַלטער אויסגערופֿן צע־טומלט—וואָס זענען דײַנע זינד, זאָג, אפֿשר זענען זיי גאָרנישט אַזוי גרויס?

—ניין. איך בין שטאַרק זינדיק! און איין זאַך וועל איך פֿון אײַך בעטן, טוט מיט מיר דעם חסד, און שיקט מיך אַוועק פֿון אײַער הויז. לאָזט מיך פֿרײַ און איך וועל אַוועקגיין. איך וועל גיין וואו די וועלט האָט אַן עק, כ׳וועל זיצן עלנט און אײנזאַם אין דער מדבר, אין וואַלד, נאָר בײַ אײַך אין שטוב קאָן איך מער נישט זײַן!

אַזוי האָט ער גערעדט מיט אַ ביטער קול, פֿאַרבראָכן די הענט און געגאָסן מיט טרערן.

—אָבער זאָג מיר וואָס דו מײנסט, איך פֿאַרשטיי דאָך גאָרנישט. דערצייל מיר דײַנע זינד און לאָמיך וויסן צי דו ביזט גערעכט, אַז דו קאָנסט מער בײַ מיר אין שטוב נישט זײַן. אפֿשר טרייבסטו גאָר איבער דײַנע זינד און אַז איך וועל הערן וועגן וואָס דאָ רעדט זיך, וועל איך דיר גאָר מוחל זײַן.

—איך ווייס אַז איר וועט מיר נישט מוחל זײַן, וואָרום מײַנע זינד זענען גרויס און שרעקלעך, דעריבער לאָזט מיך פֿרײַ און איך וועל אַוועק וואָגלען און הונגערן. בײַ אײַך אין שטוב קאָן איך מער נישט זײַן, וואָרום ווי דאָס פֿײַער פֿון גיהנום ברענען מײַנע זינד מײַן האַרצן.

—וואָס איך הער?—האָט דער אַלטער אויסגערופֿן מיט צי־טערניש—מנשה דער פֿרומער און פֿײַנער אין מײַנע אויגן האָט שטאַרק געזינדיקט! אַזאַ זינד, וואָס מען קאָן נישט מוחל זײַן! איך ווייס נישט וואָס צו טראַכטן. צי... אפֿשר... שולמית...—האָט דער אַלטער פּלוצלינג אויסגערופֿן און פֿון זײַנע אויגן האָבן געשפּריצט פֿונקען פֿײַער און ער איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון זײַן שטול מיט שרעקלעכן צאָרן. ווי אַ לעמפּערט וואָס דער־פֿילט דעם ריח פֿון פֿלייש.

שולמית וואָס איז געזעסן אין ווינקל פֿון צימער און גע־האָפֿטן, האָט געמיינט, אַז דער פֿאָטער רופֿט זי, דעריבער איז

זי אויפגעשטרונגען פון איר אָרט, איז צוגעלאָפן צום פאָטער און אים געפרעגט:

—וואָס איז דיר, טייערער פאָטער?

—דו ביזט דאָ אין צימער—האָט דער אַלטער געענטפערט צעטומלט—גיי נאָר אַרויס אַ ווײַלע ביז מיר וועלן ענדיקן אונזער געשפּרעך.

דאָס מיידל איז אַרויסגעגאַנגען און מנשה, וואָס איז געוואָרן צעטומלט דערזעענדיק זי, וואָרום פריער האָט ער זי גישט באַמערקט, האָט זיך באַרואיקט, ווען זי איז אַרויס און געזאָגט:

—איך פאַרשטיי נישט וואָס איר מיינט. וואָס קער איך זיך אָן מיט שולמיתן?

—ענטשולדיקט מיר פאַר מיינע משוגענע איינפאַלן. איך ווייס אַז דו ביזט גוט און פרום, אָבער הער אויף צו רעדן פאַרשטעלט, רעד קלאָרע דבורים כדי איך זאָל וויסן, וועגן וואָס דאָ גייט.

—ווײַ!—האָט מנשה ווייטער גערעדט מיט אַ געבראָכן געמיט—ווי איז מיר! איך האָב נישט אָפּגעהיטן דעם פקדון, וואָס מען האָט מיר געגעבן צו היטן, איין ווײַלע האָב איך אים אַראָפּגעלאָזט פון אויג און ווי געשריגן...

—איצט פאַרשטיי איך וועגן וואָס דו רעדסט—האָט דער אַלטער געענטפערט און זיך צוריקגעזעצט—אָן ספק האָסטו באַמערקט עפּעס אַ זינד אין מיין זון. נישט אַזוי? זאָג זשע מיר און פאַרלייקן גאָרנישט.

—אַזוי איז עס. היינט זענען געעפנט געוואָרן מיינע אויגן און איך האָב דערזען, אַז ער איז אַוועק פון גוטן וועג און ביז אַהער האָט ער מיך גענאַרט, וואָרום געוויזן האָט ער זיך מיר ווי פרום און גוט און איך האָב אין אים געגלייבט. ווי געשריגן! איך בין אין דעם שולדיק!

—באַרואיק זיך נאָר, פרייַנט מיינער, נישט דו ביזט שולדיק נאָר איך און מיין זון. אָנשטאָט וואָס דו האָסט געמיינט, אַז איך וועל בייז ווערן אויף דיר, דאַנק איך דיר פון טיפן האַרצן, וואָרום דערפון זע איך ווי גרויס עס איז דיין געטריי

שטופּט און ליבקאַפּט צו מיר. איך בין זיכער אַז נישט פון פוילקייט האָסטו אויף אים נישט אַכטונג געגעבן ביז אַהער, נאָר ווייל דיין ריין נאַאיוו האַרץ לאָזט דיך נישט טראַכטן קיין שלעכטס אויף מיין קינד. דעריבער וועל איך דיך בעטן, זאָלסט נישט נעמען אויף זיך קיין זינד, וואָס דו האָסט נישט געזינ-דיקט און נישט פאַרלאָזן מיין הויז, וואָרום ערשט איצט דאַרף איך דיך נאָך מער ווי פריער: וואָרום דו וועסט מיר העלפן צוריקצוקערן מיין קינד אויפן גוטן וועג, איך בין זיכער, אַז ער וועט אין גיכן צוריקקערן פון זיינע שלעכטע וועגן, וואָרום ער איז נאָך זייער יונג. אָבער זאָג מיר פריער מיט וואָס האָט ער געזינדיקט? וואָס אַזוינס האָסטו געפונען אין אים? זעץ זיך אַוועק רואיק און דערצייל מיר אַלץ, וואָס דו האָסט פון אים געזען.

מנשה האָט זיך געזעצט, האָט אָפּגעזיפצט מיט אַ גרויס צעבראָכנקייט און געזאָגט:

—הלואי עס זאָל זיין ווי איר זאָגט, אַז ער וועט נאָך גוט און פרום ווערן. צו מיין גרויס ווייטאָק אָבער בין איך געדעכט. ווען איר וואָלט איצט געזען, דאָס וואָס איך האָב געזען, וואָלט איר אַנדערש גערעדט.

—וואָס האָסטו געזען? וואָס פייניקסטו מיך, רעד, לאָמיך הערן. נאָכוואָס זאָלסטו מיך פייניקן, שוין בעסער זאָלסט אַרויס-ציען די שווערד און מיך מיט איינמאָל דערשטעכן.

—ווי איז מיר, ווי איז מיר!—האָט מנשה אויסגעשריגן מיט אַ ביטער קול—אַט דאָס האָב איך געטראַכט אַז מיינע רייד וועלן זיין ווי אַ שאַרפע שווערד... דעריבער האָב איך בעסער געוואָלט אַוועק פון דאַנען...

—מנשה!—האָט אבינדב זיך שוין צעשריגן מיט אַ בייזער—איך באַפעל דיר זאָלסט מיר תיכף דערציילן אַלץ וואָס דו האָסט געזען!

—כ'בין גרייט צו טאָן אייער באַפעל—האָט מנשה געענט-פערט מיט אַ שטיל קול און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער

ערד, ווי אַ רוצח וואָס שרייבט אונטער זיין אייגענעם טויט-אורטייל.

—איירנעכטן פאַרנאַכט, ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון שול, האָב איך גערעדט מיט אבשלומען וועגן דעם ווי אַ מענטש דאַרף זיך פירן, און ער ענטפערט מיר ווי אַ מענטש וואָס איז שכור. איך קוק זיך איין אין זיין פנים און זע אַז ער איז זער טרויריק און זיינע אויגן לויפן הין און צוריק ווי ער וואָלט עמיצן געזוכט. האָב איך אים געפרעגט, פאַרוואָס ער איז אַזוי טרויריק? און וואָס איז ער אַזוי צעטומלט? און וועמען זוכט ער?

—איך זוך מיר אַ וועג—האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ צאָרנדיק פנים—איך זוך זיך אַ וועג ווי אַזוי פטור צו ווערן פון לעבן, וואָס איז מיר מאוס געוואָרן.

—וואָס מיינע אויערן הערן?!—האָב איך אויסגערופן שטאַרק ערשטוינט—צי אַ נישט-גוטער איז אין דיר אַריין, וואָס דו רעדסט אַזעלכע שרעקלעכע רייד? דו ביזט דך גאָר אַ גליקלעכער, וואָס דו פאַרלאַנגסט ווערט דיר געגעבן, זאָל נאָר גאָט געבן לאַנג יאָרן דיין פאָטער וואָס האָט דיך ליב ווי זיין לעבן פאַרוואָס זשע זאָלסטו נישט געדענקען אין גאָט און אַזוי מוראדיק זינדיקן?

—וואָס טויגן מיר די פוסטע רייד? רעדסט נאַרישקייטן! וואָס נוצן מיר אַלע אוצרות פון מיין פאָטער, אַז איך בין אַ געפאַנגענער? איך בין ווי אַ לעבעדיקער מת, איך בין נישט פריי, אָן אַ שעור אויגן קוקן מיר נאָך. שומרים האָט מיין פאָטער געשטעלט איבער מיר! הארן! לערער! חברים! וויי צו אַזאַ ביטער לעבן!—האָט ער אויסגערופן מיט אַ שרעקלעכן צאָרן און געביסן די ליפ ביז בלוט.

איך האָב דאָס געזען און בין נבהל ונשתומם געוואָרן. מיך האָט אויך פאַרדראָסן פאַרוואָס ער האָט מיך פאַרשעמט און איך האָב געזאָגט צו אים: אויב איך בין דיר צו שווער, קאָן איך דיך פאַרלאָזן. כ׳גיי שוין צוריק אין בית המדרש אַריין און צו דיין פאָטער אין הויז וועל איך קיינמאָל מער נישט קומען.

—גיי דיר ווי דו ווילסט!—האָט ער מיר געענטפערט און געגומען אַוועקגיין מיט גרויסע שפּאַן. אַ ווײַלע בין איך געשטאַנען ווי אין חלום און האָב נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן, צי זאָל איך צוריקגיין אין בית המדרש אָדער גיין אייך דערציילן. נאָר דערזעענדיק אַז ער גייט נישט אַהיים נאָר נעמט זיך לינקס אין אַ קליין געסל אַריין, האָב איך זיך געטראַכט, איך וועל גיין נאָך אים און וועל זיך באַהאַלטן ער זאָל מיך נישט זעען, כּדי איך זאָל זען וואוהין ער גייט. איך בין אים נאָכגעגאַנגען און געזען ווי איינער אַ מענטש גייט צו צו אים, נעמט איך אַוועק אָן אַ זייט און רעדט צו אים אין אָנפאַנג בייז, אָבער אַז אבשלום האָט אים געגעבן אַ סך געלט האָט ער אָנגעהויבן רעדן שטילער און געזאָגט:

—פאַרלאָז זיך אויף מיר, אַז עס וועט דיר קיין שלעכטס נישט געשעען, נאָר זאָלסט מיר געבן געלט וויפיל איך וועלן.

אויף דעם האָט אבשלום געענטפערט מיט אַ זיפץ:

—וואו זאָל איך דיר נעמען נאָך געלט, אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט האָב איך דיר דאָך אַוועקגעגעבן?

—איך דאַרף דאָס נישט וויסן, דו זאָלסט מיר געבן, אויב נישט... האָט דער מענטש געענטפערט און איז אַוועק.

איך האָב געזען, געקוקט און גאָרנישט פאַרשטאַנען. אַז איך האָב געזען ווי אבשלום דרייט זיך אויס צו גיין אַהיים, האָב איך מיך באַהאַלטן און ער איז פאַרבייגעגאַנגען און מיך נישט געזען. האָב איך געקלערט צי זאָל איך אויך גיין אַהיים אָדער גיין אין בית המדרש אַריין און ביי מיר איז געבליבן—גיין אין בית המדרש אַריין, וואָרום וואָס האָב איך נאָך צו טאָן ביי אבינדבן אין שטוב. מען האָט דאָך מיך אַריינגענומען אין שטוב נאָר צוליב דעם איך זאָל זיין אַ חבר און אַ פריינט צו זיין איינציקן זון, און אויב דער זון קאָן מיך נישט ליידן, וואָס זשע האָב איך דאָרט צו טאָן? כ׳בין צוריקגעקומען אין בית המדרש און זיך געזעצט לערנען אָבער מיינע מחשבות זענען געווען זייער טרויריק. כ׳האָב זיך דערמאָנט דאָט גוטס, וואָס

אבינדב האָט מיר געטאָן. כ'האָב זיך דערמאַנט אָן די גוטע האָפנונגען און געזען דאָס שלעכטס, וואָס עס איז מיר צוהאַנען געקומען, דערמיט וואָס דער זון פון מיין גואל האָט זיך אָפּגעקערט פון מיר.

אַזוי האָב איך געטראַכט און פלוצלינג האָב איך דערפילט אַ האַנט אויף מיין אַקסל. כ'האָב אויפגעהויבן די אויגן, ווי אַ מענטש, וואָס כאַפּט זיך אויף פון שלאָף און דערזע, נעבן מיר שטייט אבשלום און האַלט זיין האַנט אויף מיין אַקסל.

—וואָס זשע, האָסט מיך שוין נישט פיינט?—האָב איך געפרעגט מיט פרייד און איין ווילדע פאַרגעסן אַלץ וואָס מיינע אויגן האָבן געזען.

—איך וועל דיך פיינט האָבן?—האָט ער מיר געענטפערט מיט ליבשאַפט—איך האָב דיך נאָר געוואָלט אויספּרובן אויב איך קאָן זיין זיכער מיט דיר, און צי דו וועסט גלייבן מיינע רייד, אַז איך וועל דיך מער נישט ליב האָבן. שעם זיך, וואָס דו גלייבסט ווי אַ נאַר יעדער זאַך און עס פאַלט דיר גאָרנישט איין טאָמער שפּאַס איך דאָס.

כאָטש איך האָב זיך געפרייט מיט דעם וואָס ער האָט מיך נאָך ליב, פונדעסטוועגן האָבן זיינע רייד נישט געווירקט אויף מיר: וואָרום איך האָב שוין געוואוסט, אַז ער באַהאַלט זיך פון מיר. נאָר איך האָב קיין סך נישט גערעדט מיט אים און בין מיט אים אַהיים געגאַנגען.

דער געדאַנק אַז אבשלום האָט געגעבן אַ סך געלט אַ מענטשן וועמען איך קען נישט, האָט מיך נישט געלאָזט רוען. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך וועגן דעם געטראַכט, ביז מיר איז איינגעפאַלן איך זאָל מאָרגן עפענען דעם קאַסטן וואו עס ליגט דאָס געלט, וואָס מיין האַר האָט אים געגעבן. כ'מיין די צוויי טויזנט רובל אויף צו לייען געלט די אָרימעלייט אָן פּראָצענט און זען צי עס זענען פאַראַן די משכנות, וואָס ער נעמט פון די וואָס לייען.

אויפן אַנדערן טאָג אַז ער איז אַרויס פון צימער, האָב איך געעפנט דעם קאַסטן און ווי געשריגן! ס'איז דאָרט נישטאָ

קיין איין רובל און קיין איין משכון. די פיס האָב מיר געַנו־
מען ציטערן און אין די אויגן איז מיר פינסטער געוואָרן.

—ווי געשריגן!—האָב איך זיך געטראַכט—איך בין פאַר־
לוירן! ער האָט אויסגעבראַכט דאָס געלט, וואָס איז געווען פאַר
די אָרימעלייט און איך האָב נישט געהערט און נישט געזען.
איך האָב גיך פאַרמאַכט דעם קאַסטן, כדי ער זאָל נישט וויסן
אַז איך ווייס דערפון.

אַ גאַנצע נאַכט נאָכדעם האָב איך נישט געקאָנט קיין
אויג צומאַכן. נאָר פונדעסטוועגן האָב איך זיך באַמיט צו האַלטן
פאַרמאַכט די אויגן ווי איך וואָלט געשלאָפן כדי אבשלום זאָל
נישט באַמערקן, אַז איך בין צעטומלט. איך האָב געמיינט, אַז
ער שלאָפט, וואָרום איך האָב געהערט, אַז ער כראָפּעט, און
פאַרוואונדערט בין איך געוואָרן הערנדיק, אַז ער גייט אַראָפּ
פון געלעגער אַרום האַלבער נאַכט, טוט זיך אָן און גייט אַרויס
אויפן גאַס. די נשמה איז פון מיר שעור אַרויס הערנדיק דאָס
אַלץ און איך האָב נישט געהאַט קיין כח אַרויסצורעדן אַ וואָרט.

—וואו איז ער געגאַנגען?—האָט דער אַלטער געפרעגט
מיט אַ געבראָכן געמיט, נאָך דעם ווי ער האָט זיך רואיק און
אויפמערקזאַם צוגעהערט צו יעדן וואָרט, וואָס מנשה האָט דער־
ציילט, כאָטש יעדעס וואָרט האָט אים געטראָפן ווי אַ שאַרפע
פייל אין האַרץ.

—כ'ווייס נישט—האָט מנשה געענטפערט.

—פאַרוואָס ביזטו אים נישט נאָכגעגאַנגען?

—ווייל כ'האָב מורא געהאַט טאָמער גייט ער אַהין...

—אוי דו תם!—האָט דער אַלטער געענטפערט שאָקלענדיק
מיט קאָפּ—פאַרוואָס האָסטו מורא געהאַט? ווען דו גייסט אים
נאָך וואָלסטו דאָך אַלץ געוואוּסט און מיר וואָלטן גע־
וואוסט, וואָס צו טאָן, איצט אָבער וויסן מיר גאָרנישט.

ער האָט אָפּגעזיפצט פון טיפן האַרצן און געזאָגט:

—פונדעסטוועגן איז מיין האָפנונג נישט פאַרלוירן. איך
האָף, אַז ער וועט צוריקקערן פון זיין שלעכטן נאַרישן וועג...
ער איז דאָך נאָך אַ יינגל! גיי צוריק צו אים, פיר זיך מיט

אים ווי אַ ברודער און חבר ווי ביז אַהער, איך וועל אים איצט גאָרנישט אויסרעדן, כּדי ער זאָל נישט וויסן, אַז דו האָסט מיר דאָס דערציילט, און דו זאָלסט מיר אַלע טאָג דערציילן ווי אַזוי ער פירט זיך און מיט דער צייט וועלן מיר וויסן, וואָס צו טאָן, מיר וועלן זיך נאָך באַראַטן וועגן דעם.

—אייער באַפעל איז מיר הייליק, און אַז איר ווילט איך זאָל דאָ בלייבן, וועל איך נישט ווידערשפּעניקן אייערע רייד.—האָט מנשה געזאָגט און איז אַרויס פון אַלטנס צימער און צוריקגעקערט אין אבשלומס חדר.

דו מיינסט געוויס—האָט מיין חבר ווייטער גערעדט—אַז מנשה, נאָכדעם ווי ער האָט געזען דעם אַלטנס ליידן און צרות, האט זיך באַדענקט אויף זיינע שלעכטע מעשים; אַז ער האָט איינגעזען, אַז עס איז אַ גרויסע זינד אָפּצונאַרן דעם מענטש וואָס האָט מיט אים גוטס געטאָן און פאַרלאָזט זיך אויף אים. האַ?

—ניין, נישט דאָס—האָב איך אים געענטפערט שטאַמלענדיק, וואָרום אַ שלאָף איז מיך באַפאַלן—אָבער איך מיין אַז זיי האָבן זיך געלייגט און זענען געשמאַק געשלאָפן, לאָמיר אויך אַזוי טאָן.

—ביזט גערעכט, איצט איז צייט צו שלאָפן, לאָמיר אָפּלייגן דאָס דערציילן אויף מאָרגן.

צומאָרגנס אינדערפרי, ווען דער עולם איז זיך צונויפגעקומען דאַווענען, האָבן מיר זיך אויפגעהויבן און אויך אָפּגעדאַוונט. נאָכן דאַווענען האָט מיר דער אַלטער מאַן וואָס האָט אונז נעכטן גענומען אויף וועטשערע, גערופן אויף אָנבייסן און אַ צווייטער האָט גענומען מיין חבר אויף אָנבייסן און דערנאָך זענען מיר אַוועק צום חזן.

## יב.

## די גלייביקע פאַלן אַריין אין נעץ

דער חזן איז געווען אַ נידעריקער און דיקער, זיין באָרד שטאַרק געדיכט און שטאַרק שוואַרץ, זיינע שוואַרצע אויגן זענען כסדר געלאָפן אַהין און אַהער און זיך אויף קיין איין רגע נישט אָפּגעשטעלט.

—וואָס פאַרלאַנגט איר?—האָט ער אונז געפרעגט און זיך גענומען גלעטן די באָרד.

—מיר ווילן זיין משוררים, אייערע העלפער.—האָט מיין חבר געענטפערט.

—איר ווילט זיין משוררים?

—יאָ.

—גוט. לאָמיך הערן דיין קול, דו, וואָס ביזט פון אַשדות—האָט ער געזאָגט צו מיר און מיר שאַרף אַריינגעקוקט אין פנים אַריין.

—פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך בין פון אַשדות?—האָב איך געפרעגט צעטומלט.

ער האָט באַלד דערקענט, אַז איך בין צעטומלט, דערפאַר

האָט ער פון מיר די אויגן נישט אַראָפּגענומען, כדי מיך נאָך מער צו צעטומלען. דערנאָך האָט ער געזאָגט מיט איראָניע: די פייגל האָבן מיר געזאָגט.

—דאָ איז געווען ר' משה שניידער און געזאָגט אַז צו אַייך וועלן קומען צוויי משוררים?—האָט מיין חבר געפרעגט דעם חזן.

—יאָ, איז געווען.

—ווער איז ר' משה שניידער?—האָב איך געפרעגט מיין חבר.

—דאָס איז דער בייַ וועמען מיר האָבן נעכטן וועטשערע געגעסן.

—נו לאָמיך הערן דיין קול! וואָס זשע, שעמסט זיך? אָדער האָסט מורא פאַר מיר? אויב דו וועסט מורא האָבן צו עפענען דאָס מויל בייַ מיר אין שטוב, וואָס זשע וועט זיין אין שול, וואו עס קומען זיך צונויף הונדערטער, טויזנטער מענטשן? הונדערטער, טויזנטער קומען דאָך הערן מיינע זיסע געזאַנגען, מיין נאָמען איז באַקאַנט אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס מיינסטו בין איך, עפּעס גלאַט אַ חזן? האָסט אַ טעות! איך קען זיך מיט די חכמות השיר און האָב זעער אַ שטאַרקע שטים און ס'איז אַ גרויסער כבוד צו זיין בייַ מיר אַ משורר. נו, לאָמיך הערן דיין שטים!—האָט ער אויסגעשריגן באַפעלעריש.

—וואָס זאָל איך זינגען?—האָב איך געפרעגט.

—וואָס זאָלסט מיר זינגען?—האָט ער זיך צעלאַכט—צי האָב איך דיר דען געזאָגט דו זאָלסט זינגען? צי קענסטו דען חכמית השיר? כ'וויל נאָר הערן דיין קול.

אַזוי זאָגנדיק האָט ער גענומען אַ קאַמערטאָן, האָט מיט אים אַ קלאַפּ געטאָן אָן טיש און ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קול.

—מאַך—אַ— — — —

איך האָב אַרויסגעלאָזט אַ קול. נאָר ער האָט אַ געשריי געטאָן: שטיל! נישט אַ נאָר אָ מאַך. אַזאַ טבע האָבן שוין די וואָס קאָנען נישט זינגען. מאַך אַ נישט אָ!

איך האָב אַרויסגעלאָזט מיט אַ שטאַרקער שטים אַ. ער

האָט געהויבן העכער זיין שטים, זי אַראָפּגעלאָזט נידעריקער און איך האָב אים נאָכגעטאָן. נאָכדעם ווי ער האָט מיך אַזוי גע־פּרובט אַ פערטל שעה, האָט ער געזאָגט צו מיר:

—דיין שטים טויג דערוויל צו גאָרנישט, נאָר איך האָף אַז איך וועל פון דיר מאַכן אַ לייט. און אויב דו האָסט קיינעם נישט, וועל איך דיך פון רחמנות אַריינגעמען צו זיך.

דערנאָך האָט ער געפּרובט מיין חבר אויך אַזוי ווי מיך, און אויך אויף אים האָט ער געזאָגט, אַז ער טויג צו גאָרנישט און אויך אים האָט ער צוגענומען פון גרויס רחמנות.

מיט אַ צוויי שעה שפּעטער און די גאַנצע שטאָט האָט שוין געקאָכט פון דעם נייעס, אַז צום חזן זענען געקומען צוויי משוררים, וואָס אַזעלכע זענען גאָר אויף דער וועלט נישטאָ: איינער האָט אַ קול פון אַ פּלייט און ער איז פון אַשדות. דאָרט האָט ער זיך געלערנט חכמת השיר און ער קען גריגטלעך. און דער צווייטער האָט אַ שטים איז זי אַזוי שטאַרק ווי פון אַ לייב, אַז ער לאָזט אַרויס זיין קול ווערט אַ רעש.

—ווער האָט דיר דאָס אַלץ דערציילט?—האָט מיין חבר געפרעגט דעם, וואָס האָט דאָס דערציילט אין שול ביי מנחה.

—וואָס הייסט ווער? דער חזן!—האָט דער מענטש געענט־פערט מיט גרויסקייט—איך האָב אַליין גערעדט מיטן חזן און ער האָט מיר געזאָגט אַז אַזעלכע משוררים האָט ער נאָך נישט געהאַט זינט ער איז חזן און אַזעלכע וועלן שוין קיינמאָל נישט זיין.

שפּעטער האָט זיך מיין חבר צו מיר געווענדט און גע־פרעגט:

—ווילסט הערן דעם סוף פון דער געשיכטע, וואָס איך האָב דיר נעכטן אָנגעהויבן דערציילן?

—איצט בין איך גרייט צו הערן.

—טאָ קום לאָמיר אַרויסגיין אין פעלד אַריין, און דאָרט וועל איך דערציילן.

אויף אַ ליידיק שטיק פעלד אין מיטן וואַלד, בין איך גע־

זעסן אויפן גראָז און מיין חבר האָט זיך אויסגעצויגן און גע-
נומען דערציילן:
מנשה איז צוריק אַריינגעקומען צו זיך אין צימער און
אבשלום האָט אים געפרעגט:
—וואָס עפּעס האָסטו געשמועסט מיט מיין פאָטער?
—דו קענסט דאָך אים דעם אַלטן מיט זיינע שמועסן—
האָט אים מנשה געענטפערט—ער האַלט מיך אין איין דערמאַנען
איך זאָל אויף דיר אַכטונג געבן און זעען ווי דו פירסט זיך.
און כסדר זאָלן מיר רעדן פון גוטע פרומע זאַכן.
—שוין אַזאַ טבע פון אַלטע לייט—האָט אבשלום געענט-
פערט מיט אַ געלעכטער—זיי פאַרגעסן גאַנץ לייכט זייער יוגנט-
צייט ווען זיי האָבן חשק געהאַט צו פאַרגעניגנס און פרייד.
און אפשר וועלן מיר אויך אַזוי רעדן, אַז מיר וועלן אַלט
ווערן, אָבער די יוגנט איז אונזערע, איצט דאַרף מען גוט
פאַרברענגען. נישט אַזוי? טייערער?
—ווען מיר קאָנען—האָט מנשה געענטפערט מיט אַ זיפץ.
—וואָס זשע זיפצסטו?
—און וואָס זאָל איך מיך פרייען?
—וואָס איז, ביזטו דען שוין אויך אַלט און האָסט אויפ-
געהערט צו האָבן די פרייד פון יוגנט?
—די יוגנט קאָן אונז גאָרנישט העלפן אויב געלט וועט
אונז צו הילף נישט קומען, און איך בין אָרים. איך קאָן דע-
ריבער נישט טאָן דאָס וואָס מיין האַרץ וויל.
—זאָל איך אַזוי לעבן, אַז איך וועל שטאַרק בייז ווערן
אויב איך וועל פון דיר נאָך אַמאָל הערן אַזעלכעס! שוין טויזנט
מאָל האָב איך דיר געזאָגט אַז מיין געלט איז דיין געלט.
—און וואָס האָסטו דען אַליין?—האָט מנשה געשפּעט—
פאַרמאָגסט דען אַ סך?
—זאָרג דיך נישט פאַר מיר, וואָרום געלט וועט מיר
נישט פעלן.
—וואו וועסטו עס נעמען, גאָלדגראָבנס פאַרמאָגסטו?
—רעד נישט אַזעלכע רייד, ווייסטו דען נישט אַז מיין

טאַטענס אוצרות זענען גרויס?

—דיין טאַטענס אָבער נישט דיינע.

—מיין טאַטענס אוצרות זענען מיינע.—האָט אבשלום בייז אויסגערופן.

—נאָך דיין טאַטנס טויט, וועלן זיי זיין דיינע, אָבער איצט זענען זיי זיינע און דו קאָנסט זיי אַפילו נישט אָנרירן.

—מיין טאַטע וועט מיר אין גאָרנישט נישט אָפּזאָגן. איך ווייס זיכער, אַז ער וועט פאַר מיר עפענען זיינע אוצרות ווען איך וועל עס נאָר וועלן.

—מיר וועלן זען.

—וועסט אַליין זען מיט דיינע אויגן, גיי מאָרגן צו מיין פאָטער און זאָג אים, אַז איך דאַרף האָבן געלט, וועסטו זען אַז ער וועט דיר באַלד געבן.

—און פאַרוואָס ווילסטו אַליין נישט בעטן ביי אים?

—איך וויל נישט ביי אים בעטן קיין געלט, כּדי ער זאָל מיך נישט פרעגן קיין חשבונות, אָבער דיר וועט ער תּיכּף געבן.

—און אויב ער וועט מיך פרעגן צו וואָס דו דאַרפסט עס, וואָס זאָל איך אים ענטפערן?

—ער וועט דיך נישט פרעגן.

—פונדעסטוועגן, טאָמער פרעגט ער יאָ?

—אָבער איך באַפעל דיר, אַז מאָרגן זאָלסטו בעטן געלט פון מיין פאָטער—האָט אַבשלום אויסגערופן באַפעלעריש.

—איך וועל עס דיר טאָן—האָט מנשה געענטפערט מיט אַ שטיל קול ווי אַ געטרייער קנעכט, וואָס טוט דעם באַפעל פון זיין האַר, כאָטש עס ווילט זיך אים נישט:

צומאָרגנס פאַרנאַכט איז מנשה ווידער אריין צום אַלטן אין צימער און געבליבן שטיין ביי דעד טיר.

—ס'איז עפּעס דאָ נייעס?—האָט דער אַלטער געפרעגט מיט אַ געבראָכן געמיט.

—קיין נייעס איז נישטאָ, נאָר אבשלום דאַרף האָבן געלט—האָט מנשה געענטפערט מיט אַ שטיל קול—ער האָט אָבער נישט

געהאַט די עצה צו קומען בעטן פון אייך. דעריבער האָט ער מיך געבעטן איך זאָל אים באַקומען געלט וויפיל ער דאַרף.
—דו זאָלסט פאַר אים באַקומען געלט?—האָט דער אַלטער געפרעגט מיט וואונדער—ביזט עפּעס אַ רייכער מענטש, אַז דו זאָלסט אים קאָנען געבן געלט וויפיל ער דאַרף?
—איך האָב אים אויך דאָס זעלבע געפרעגט, אָבער ער האָט מיר געענטפערט: קאָנסט באַקומען געלט אויב דו וועסט נאָר וועלן.
—וואָס איז? ער איז משוגע צי וואָס? פון דיר בעט ער געלט?
—איך האָב אים אויך אַזוי געענטפערט אין האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב נישט קיין אַנדער עצה, נאָר איך זאָל בעטן ביים פאָטער דאָס, וואָס ער בעט פון מיר.
—גאַנץ גוט געענטפערט. און וואָס האָט ער אויף דעם געזאָגט?
—ער האָט מיר אַזוי געענטפערט: איך וויל נישט דו זאָלסט גיין צום פאָטער בעטן געלט, וואָרום איך האָב זעער מורא, טאָמער וועט דאָס אים נישט געפעלן. ס'איז מיר גלייכער צו ליידן אָן געלט, אַבי נישט טרויריק מאַכן דעם טאַטן, וואָרום איך וויים, אַז ער וועט פון מיר פאָדערן אַ סך חשבונות און די מיינונגען פון די יונגעלייט זענען ווייט פון די מיינונגען פון אַלטע לייט ווי ס'איז ווייט מזרח פון מערב. ער איז פון שטענדיק אָן געוואוינט צו זאַמלען געלט און איך האַלט נישט דערביי, איך האָב זיך אויסגעלערנט אויסצובּרענגען געלט דעריבער וויל איך נישט בעטן ביי אים און אים נישט אָנטאָן קיין עגמת נפש.
דעם אַלטנס פּנים האָט זיך אַלע ווײַלע פאַרענדערט ווען מנשה האָט גערעדט: אַ ווײַלע האָט זיך באַוויזן טרויער אויף זיין פּנים און אַ ווײַלע האָבן זיינע אויגן אויפגעלויכטן מיט פונקען פרייד. און אויך נאָכדעם ווי מנשה האָט געענדיקט רעדן, האָט ער נאָך געהאַט אויסגעשטעלט די אויערן, ווי ער וואָלט נאָך עפּעס געוואָלט הערן. אָבער זעענדיק, אַז מנשה

שווייגט און רעדט מער נישט, האָט ער אויסגערופן מיט פרייד:
-אַזוי האָט מיין זון געזאָגט? ווּעסטו מיר שווערן אויף דיין נאמנות, אַז דאָס האָסטו פון אים געהערט?

-כ׳שווער ביי מיין לעבן, אַז אַזוי האָט ער געזאָגט. איך ווייס אָבער נישט וואָס איר פרייט זיך אַזוי מיט די ווערטער?

—אוי, יינגל. ווי אַזוי זאָל איך זיך נישט פרייען הערנ-דיק, אַז מיין זון וויל מיר נישט אָנטאָן קיין עגמת נפש? אָך! פאַר מיר איז עס גענוג! איך זע דאָך באַשיינפערלעך, אַז ער האָט נאָך אַ רעכטפאַרטיק האַרץ און איז נאָך נישט אינגאַנצן פאַרדאָרבן! ער וויל מיר נישט אָנטאָן קיין עגמת נפש! דאָס באַרואיקט מיין געמיט און גיט מיר צוריק מיין רו, ס׳איז גאָר נישטאָ מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר דעם גרויסן פאַרגעניגן, וואָס דו האָסט מיר פאַרשאַפט דערציילנדיק מיר וואָס מיין טייער קינד האָט געזאָגט.

דער אַלטער האָט זיך געפרייט ווי אַ קינד הערנדיק, אַז זיין זון וויל אים נישט אָנטאָן קיין עגמת נפש. איז ער אויפ-געשטאַנען, איז מיט שטאָלצע טריט צוגעגאַנגען צו דער קאַסע, האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַ סך געלט און געזאָגט: נאַ דיר געלט! טראָג עס אַוועק מיין זון! זאָל ער וויסן אַז איך בין אַ געטרייער טאַטע, כ׳בין אים מוחל זיינע גרייזן וואָס ער האָט געגרייזט, וואָרום ער איז נאָך יונג, איך ווייס, אַז ער וועט עלטער ווערן וועט ער קליגער ווערן. איך וועל שוין פון איצט אָן נישט האַלטן זיך פון ווייטנס פון אים. איך האָב זיך ביז אַהער באַנאַרישט און אים געלאָזט זיך פירן ווי ער וויל, פון איצט אָן וועל איך שוין אַכטונג געבן אויף אים און ער וועט זיך בעסער פירן.

מנשה האָט גענומען דאָס געלט אָן חשק און האָט גע-זאָגט: איר זענט דער טאַטע, ער איז אייער זון און איר קאָנט טאָן וואָס איר ווילט.

—פאַר וואָס ביזטו אַזוי טרויריק? צי געפעלט דיר נישט וואָס איך טו? זאָג! מיט וואָס האָב איך זיך באַנאַרישט?

—איר זענט שוין אַלט און געניט און איר פרעגט אַן עצה ביי אַ קינד?

—איך האָב טאַקע אַ סך מיטגעמאַכט אין לעבן, פונדעסטוועגן בין איך זיך מודה און שעם זיך נישט, אַז איך ווייס נישט ווי זיך צו פירן מיט די יונגע קינדער. איך ווייס, אַז איך בין שולדיק אין דעם, וואָס מיין זון איז אַראָפּ פון גוטן וועג. וואָרום איך האָב נאָר אין זינען געהאַט מיינע מסחרים און האָב אויף אים נישט אַכטונג געגעבן. און אויך פון זינט איך האָב זיך דערוואוסט, אַז ער איז אַראָפּ פון וועג האָב איך מיט אים נישט גערעדט און נישט געשטראָפט אים, וואָרום איך האָב מורא געהאַט אים צו פאַרשאַפן עגמת נפש. איך דאַנק גאָט זיבן מאָל אין טאָג, וואָס ער האָט מיין טאָכטער געפירט אויפן גוטן וועג. קיינער האָט אויף איר נישט אַכטונג געגעבן זי צו לערנען צו זיין גוט און פרום און פונדעסטוועגן איז זי ריין ווי אַ טויב, איז אַ קרוין פאַר איר פאָטער און וועט זיין אַ קרוין פאַר דעם וואָס וועט איר נעמען.

ווען דער אַלטער האָט דאָס גערעדט, איז מנשהס פנים רויט געוואָרן ווי בלוט און אַלע זיינע גלידער האָבן געציטערט. דער אַלטער האָט דאָס אָבער נישט באַמערקט וואָרום ער איז געווען פאַרנומען מיט זיינע געדאַנקען און האָט ווייטער גערעדט:

—הלואי וואָלט מיין זון געווען ווי מיין טאָכטער. אָבער איך האָף אַז אויך ער וועט פאַרלאָזן אינגיכן די נאַרישקייטן. דעריבער זאָג זשע מיר, פאַרוואָס געפעלט דיר נישט מיין פירונג? דו מיינסט, אַז ער וועט בעסער ווערן, ווען איך וועל נישט ערפילן זיינע פאַרלאַנגען?

—פון וואַנען זאָל איך דאָס וויסן? צי האָב איך דען ערצויגן קינדער איך זאָל וויסן, וואָס עס איז גוט פאַר קינדער, וואָס גייען אויף אַ שלעכטן וועג?

—מנשה! דו ביזט אַ פריינט צו מיין הויז, אָדער נישט?—האָט דער אַלטער אויסגערופן בייז.

—איר פרעגט מיך נאָך צי איך בין אַ פריינט אייך און אייער הויזגעזינט?—האָט מנשה אויסגערופן מיט אַ טרויריק קול—

גאָט דאָס איז דאָס געצאָלטס פאַר מיין געטרייער ליבשאַפט. פאַר מיין ליבשאַפט וואָס איז ריין ווי דער ריינער הימל? איך האָב נישט ערוואַרט צו הערן אַזעלכע שרעקלעכע ווערטער.

אַזוי זאָגנדיק האָט ער אָפּגעווישט די טרערן פון זיינע אויגן.

—וואָס זשע ווייניסטו?—האָט דער אַלטער געפרעגט מיט רחמנות-געפיל—איך ווייס גאַנץ גוט אַז דו ביזט אַ גוטער פריינט אונזערער און נישט כדי דיר צו פאַרשאַפן עגמת נפש האָב איך גערעדט. אָבער פאַרוואָס פאַרגעסטו אַז אַן אמתער גוטער פריינט דאַרף שטראָפן זיין פריינט ווען ער זעט אַז ער טוט נישט קיין גוטע זאַך און פאַרוואָס שווייגסטו און זאָגסט מיר נישט דיין מיינונג, צי זאָל איך געבן געלט מיין זון אָדער אויפהערן? איך זע דאָך, אַז דיר געפעלט נישט דאָס, וואָס איך וויל טאָן און פונדעסטוועגן שווייגסטו און זאָגסט גאָרנישט. דערפאַר זאָג איך דיר, אַז אַזוי טוט מען נישט.

—איך האָב געשוויגן און איך שוויג און דאָס האַרץ טוט מיר וויי. ווי פייער ברענט עס אין מיר געדענקענדיק אַז אבשלום איז אַוועק אויף שלעכטע וועגן, איך ווייס אָבער זיכער, אַז מיין רעדן וועט מיר גאָרנישט העלפן.

—פון וואַנען ווייסטו דאָס?

—ווייל איך ווייס, אַז איר וועט מיין עצה נישט פאָלגן.

—פונדעסטוועגן. לאָמיר הערן, אפשר וועט מיר דיין עצה געפעלן.

—אויב איר ווילט פאָלגן מיין עצה, זאָלט איר אים נישט געבן קיין איין פרוטה.

—פאַרוואָס?

—ווייל אויסברענגען געלט איז דאָס ערשטע אומגליק פאַר אַ יונגן בחור, דאָס געלט שטויסט אים אין אומגליק אַריין. אויב אָבער ער האָט נישט קיין געלט וועט זיין תאווה זיין ווי אַ פויגל מיט אונטערגעהאַקטע פליגל, וואָס קאָן זיך נישט אויפהייבן, בלייבט ליגן ביז ער גייט אויס.

—פון וואַנען ווייסטו דאָס?—האָט דער אַלטער געפרעגט

מיט וואונדער און אַ פּאָר מינוט געקוקט מנשהן אין פּנים אַריין.

—פון אונזער תּורה הקדושה—האָט מנשה געענטפערט מיט פרומקייט און אויפגעהויבן די אויגן צום הימל—אונזער תּורה הקדושה האָט באַפוילן צו פאַרשטיינען מיט שטיינער אַ זולל וסובא (פרעסער און זויפער). וואָרום דער וואָס האָט זיך אַריינגעלאָזט אין פרעסן און זויפן, איז שוין אַריינגעפאַלן אין נעץ פון תּאוה, וואָס מאַכט בלינד אַפילו די קלוגע, שפּאַנט איין אין אַ ציימל די שטאַרקסטע העלדן און שפּילט זיך מיט זיי ווי מיט פייגעלעך. אַז מען פאַלט אַריין אין דער תּאוה קאָן מען פון איר נישט אַרויס. מוז מען זי אָפּלעשן איידער זי צעפלאַמט זיך. און דאָס בעסטע צו דעם איז אַז ס'איז נישטאָ קיין געלט מיט וואָס זיך נאָכצוגעבן די תּאוה.

—ביזט גערעכט.—האָט דער אַלטער געזאָגט—פונדעסטוועגן קאָן איך עס נישט טאָן. וואָרום ווער ווייסט צי מיר וועלן קאָנען פאַרלעשן דאָס תּאוה-פייער? ווער ווייסט צי דערמיט וואָס ער וועט זען אַז ער קאָן פון מיר קיין הילף נישט דערוואַרטן, וועט ער ווערן דערצערנט און זיך זוכן אַנדערע תּחבולות זיך אַליין צו העלפן? דעמעלסט וועט ער נאָך ערגער ווערן, וואָרום ער וועט מיך שוין נישט ליב האָבן, ער וועט אויך ווערן אַן אַכזר צו מיר. אַנדערש אָבער איז, אַז איך וועל טאָן זיין פאַרלאַנג, וועט ער מיך נישט אויפהערן ליבן און שעצן, און אַז איך וועל צו אים רעדן, וועט ער מיך הערן.

—אפשר זענט איר גערעכט—האָט מנשה געענטפערט

—איך האָב שוין געזעען אַ סך יונגלעך, וואָס זענען געווען גרויסע לאָבוסעס, נאָר אַז זיי זענען אויסגעוואַקסן און געוואָרן מענטשן זענען זיי געוואָרן פיין און אָרנטלעך. וועגן מיין זון טראַכט איך אויך אַזוי: ער איז דאָך נאָך אַ יינגל און ס'איז נישט אַזאַ גרויס אומגליק אויב ער וועט אויסברענגען טויזנט אָדער צוויי טויזנט רובל. וואָרום פאַר וועמען משטיינס געזאָגט איז מיין גאַנצע אַרבעט? פאַרוועמענסוועגן האָב איך דאָס גאַנצע עשירות? ס'איז דאָך נאָר פאַר מיין זון און טאָכטער. איך טראַכט אים חתונה צו מאַכן מיט אַ מיידל, וואָס וועט אים גע-

פעלן. איך וועל אים נישט צווינגען ער זאָל נעמען די אָדער יענע. די וואָס וועט אים געפעלן געפעלט מיר אויך. ווער זי זאָל נישט זיין אַרט מיך נישט. און איך בין זיכער אַז ער וועט חתונה האָבן וועט ער ווערן אַ מענטש, וואָרום דאָס ווייב וועט אים אַרויספירן אויפן גוטן וועג.

—איר זענט זעער גערעכט. אייער עצה איז אַ גוטע.

—אָבער זאָג מיר גאָר מנשה, פאַרוואָס האָסטו נאָך נישט אין זינען חתונה צו האָבן? ביזט דאָך שוין אַלט צוויי־און־צוואַנציק יאָר און ס׳איז שוין צייט. קלויב דיר אויס אַ ווייב און איך וועל דיר געבן נדן און אַלץ וואָס דו דאַרפסט. מיט דער ברייטער האַנט וועל איך דיר באַצאָלן פאַר די דריי יאָר, וואָס ביזט געוועזן ביי מיר אין שטוב, און אויך מתנות וועל איך דיר געבן ווי עס פּאַסט פאַר אַ געטרייען פריינט און וועסט ווערן אַ מענטש פאַר זיך און אויך איך וועל זיך פרייען.

מנשה איז אין אָנפאַנג צעטומלט געוואָרן הערנדיק דעם אַלטנס רייד, נאָר ביסלעכווייז האָט ער זיך צוריק באַרואיקט און האָט געזאָגט:

—אַדאַנק אייך מיין וואוילטעטער און בעל טובה. אָבער ס׳טוט מיר זעער לייד: איך קאָן נישט ערפילן אייער פאַרלאַנג.

—פאַרוואָס?—האָט דער אַלטער געפרעגט מיט וואונדער.

—דער דאָקטאָר האָט מיר פאַרבאָטן חתונה צו האָבן ביז ער וועט עס מיר ערלויבן: וואָרום ער האַלט, אַז איך שטעל איין מיין לעבן אויב איך וועל חתונה האָבן.

—דאָס האָב איך ביז אַהער נישט געוואוסט. און איך האָב געמיינט אַז דו ביזט גאָר אַ געזונטער.

—אַ מענטש קאָן זיך אויסדופטן.—האָט מנשה געענטפערט, אויסגעקרומט די ליפּן און אַרויסגעגאַנגען פון אַלטנס צימער.

## יג.

## חברים צווישן זיך

נו, האָסט געלט?—האָט אבשלום געפרעגט בײַ מנשהן, ווען ער איז אַרײַן אין צימער—ווער איז גערעכט געווען, איך צי דו?

—כ׳האָב.—האָט מנשה געענטפערט מיט אַ קרעכץ.

—וואָס זשע קרעכצסטו? צי טוט דיר ווי דאָס האַרץ אויף מײַן טאַטנס געלט, וואָס גייט אַוועק מיטן ווינט? אָדער אויף דעם וואָס איך בין גערעכט געווען, זאָגנדיק אַז מײַן פאָטער וועט דיר געבן וויפיל דו וועסט בעטן?—האָט אבשלום געשפּאַסט.

—נישט אויף דײַן טאַטנס געלט פאַרדריסט מיך, נאָר אויף דיר. דו זיצסט זיך רואיק בײַ זיך אין צימער און מיר באַפעלסטו איך זאָל דיר ברענגען געלט, וואָרום דו מײנסט אַז דײַן פאָטער אײַלט זיך צו טאָן דײַן פאַרלאַנג. ווען דו ווייסט אָבער וויפיל איך האָב זיך אָנגעמאַטערט אײדער איך האָב אַרויסגעקריגן דאָס ביסל געלט פון דעם אַלטן קמצן, וואָלסטו פאַרשטאַנען פאַרוואָס איך זיפץ.

—כ׳בעט דיך חבר מנשה דו זאָלסט נישט וואַגן צו באַ-

ליידיקן מיין פאָטער אין מײַנע אויגן, דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך ליב און שעץ זעער מיין פאָטער און איך קאָן נישט הערן ווי דו באַליידיקסט כּסדר זיין נאָמען.

—אויב דו האָסט ליב דיין פאָטער, וואָס זשע שיקסטו מיך צו אים נאָך געלט? צי ווייסטו דען נאָך נישט, אַז ס'איז לייד־טער אים דאָס מויל צו עפענען ער זאָל זיך לאָזן אַ צאָן אַרויס־רייסן, איידער ער זאָל עפענען זיין קאַסע אַרויסצוגעבן פון דאָרט אַ ביסל געלט? דער אַלטער מיינט אַפנים, אַז ער וועט אייביק לעבן.

—מנשה, איך באַפעל דיר זאָלסט נישט רעדן אויף מיין פאָטער, וואָרום איך וועל מיך נישט אײַנהאַלטן און וועל אים דערציילן! כ'הייב בפירוש נישט אָן צו פאַרשטיין פאַרוואָס דו ביזט אַזוי אָנגעבלאָזן אויף מיין פאָטער, וואָס האָט דיר אַ סך טובות געטאָן. אָט דאָס איז דיין אָפּצאָל פאַר זיינע טובות?

—דערצייל, דערצייל פאַר דיין פאָטער אַלץ וואָס דו האָסט פון מיר געהערט—האָט מנשה געענטפערט גאַנץ רואיק—איך בין אָבער אין ספק צי דו וועסט זיך עס אונטערשטעלן צו טאָן.

—און פאַר וואָס זאָל איך עס נישט טאָן? כ'האָב מורא פאַר דיר?—האָט אבשלום געפרעגט מיט גרינגשעצונג—איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, אויב דו וועסט ווייטער רעדן אויף מיין פאָ־טער, וועל איך אים אַלץ דערציילן.

—זאָג נאָר נישט קיין ליגן!—האָט מנשה געחוזקט—כ'בין זיכער אַז דו וועסט עס נישט דערציילן כּדי דיינע מעשים זאָלן נישט באַוואוסט ווערן.

—עפּעס לאַכסטו פון מיר היינט, צי וואָס. צי מיינסטו אַז דו האָסט מיך אין דער האַנט און איך האָב מורא פאַר דיר? האָסט אַ גרויסן טעות! צי ווייסטו נישט, אַז איך קאָן דיך אַרויסטרייבן פון דאַנען אין איין רגע: וואָרום אַז איך זאָל נאָר דערציילן פאַר מיין פאָטער איין זאַך פון וועלכער איך ווייס, וועט ער דיך פאַר קיין שום געלט נישט לאָזן בלייבן ביי אונז אפילו איין טאָג.

—אַדרבה, וואָס איז דאָס פאַר אַ זאַך? איך ווייס נישט פון גאָרנישט.

—מאַך נישט אַזאַ אָנשטעל, דו ווייסט דאָך אַז איך ווייס דיינע מעשים, וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן אין דער שטאָט עזובה.

—דו קאָנסט עס דערציילן פאַר דיין פאָטער, איך האָב נישט מורא פאַר אים. איך קאָן עס באַווייזן אַז נישט פאַרגינערס האָבן עס אויף מיר אויסגעטראַכט. קאָנסט זאָגן.

—איך וועל עס נישט דערציילן פאַר מיין פאָטער, און דו ווייסט עס אַליין אויך, אַז איך וועל נישט דערציילן. נאָר איך דו זאָלסט אויפהערן צו זידלען מיין פאָטערס נאָמען

—פאַרוואָס זאָלסטו טאַקע נישט דערציילן? איך ווייס נישט ווער עס שטערט דיר אין דעם?

—מיין ליבשאַפט צו דיר, און אויך די טובות וואָס דו האָסט מיט מיר געטאָן ביז אַהער פאַרשליסן מיר דאָס מויל.

—אַ ליגן!—האָט מנשה אויסגעשריגן בייז-נישט פון דיין ליבע צו מיר טוסטו עס נישט, נאָר ווייל דו האָסט מורא פאַר מיר, דו ציטערסט טאָמער וועט זיך דיין פאָטער דערוויסן פון דיינע מעשים. און איך ווייס דאָס אויך, אַז ווען דיין פאָטער זאָל זיך דערוויסן, וואָס דו טוסט אָפּ, וועט ער אויך דיך אַרויסטרייבן, כאָטש דו ביזט זיין זון.

—פאַרמאַך דאָס מויל!—האָט אבשלום אויסגעשריגן מיט שרעקלעכן צאָרן—ווי שטעלסטו זיך אונטער אַזוי צו רעדן צו מיר? צי צוליב רחמנות האָט מען מיך אַריינגענומען אין שטוב אַריין? וואָס בין איך עפּעס אָן אַ נאָמען, פון פּראָסטן המון, אַ ישיבה-בחור בין איך מען זאָל מיך מיט חרפּה אַרויסטרייבן פון שטוב? איך בין דער בעל-הבית! אַלץ וואָס דו זעסט איז מיין! און אויב מיין פאָטער וועט זיך דערוויסן וועגן מיינע מעשים—איז ער אַ פאָטער און וועט מיר מוחל זיין. אָבער דו ווער ביזט? מיט שאַנד און שפּאָט וועט מען דיך אַרויסטרייבן פון דאַנען, אַז מען וועט זיך דערוויסן דיינע מעשים, בפרט נאָך, אַז איך וועל אים דערציילן, אַז דו האָסט די העזה ליב צו האָבן מיין שוועסטער, ער וועט דאָך אָנגעצונדן ווערן הערנדיק

אַז אַזאַ מין בחורטשיסקע וואַרפט אַן אויג אויף זיין איינציקער טאָכטער, וואָס איז אים טייער ווי דאָס לעבן!

פלוצלינג האָט אבשלום אויפגעהערט רעדן, וואָרום ער האָט דערהערט ווי מנשה האָט זיך צעוויינט און ברעכט זיך די הענט. ס׳האָט אים תיכף באַנג געטאָן און ער איז געבליבן שטיין ווי צעמישט. דערנאָך איז ער צו אים צוגעגאַנגען, אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און געזאָגט:

—זיי מיר מוחל! זיי מיר מוחל פאַר מיין כעס, דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז איך האָב דיך ליב און בין נאָר פון כעס ווי משוגע געוואָרן. כ׳בעט דיך, רעד אַ וואָרט, זאָג אַז דו האָסט מיר מוחל געווען.

אַזוי האָט זיך אבשלום ביי אים לאַנג געבעטן, געשוואוירן אַז מער וועט עס נישט זיין, דאַן ערשט האָט אים מנשה געענטפערט, אַז ער איז אים מוחל, ווייל ער האָט אים שטאַרק ליב, נאָר בלייבן דאָ קאָן ער נישט מער—און אבשלום האָט אים ווידער גענומען איבערבעטן און געשוואוירן ביי גאָט, אַז מער וועט עס נישט פאָרקומען, האָט אים געהאַלזט און געקושט און אַזוי לאַנג גערעדט, ביז ער האָט ביי אים געפועלט ער זאָל אים נישט פאַרלאָזן. ערשט דאַן האָט זיך אבשלום צוריקגעזעצט און געפרעגט:

—דערצייל, וואָס איז דאָרט געווען ביי מיין פאָטער?

און מנשה האָט געזאָגט:

—איך האָב געמיינט, אַז איך וועל אַריינקומען צו דיין פאָטער וועט ער קודם כל פרעגן וואָס דו מאַכסט און וואָס דו פאַרלאַנגסט, ווי עס טוט יעדער פאָטער, וואָס האָט ליב זיין איינציקן זון. אָבער ניין, ער האָט מיך דאָס נישט געפרעגט. אַז איך בין אַריינגעקומען אין זיין צימער בין איך אַ לאַנגע צייט געבליבן שטיין ביי דער טיר און ער האָט זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט, וואָרום ער איז געווען פאַרטועט אין זיינע חשבונות, און צום סוף, אַז איך האָב שוין זוכה געווען צו הערן אַ וואָרט פון אים, טרעף זשע וואָס די ערשטע פראַגע איז געווען?

—פון וואַנען זאָל איך וויסן, דערציייל וועל איך הערן.

—כאָטש איך ווייס—האָט ער געזאָגט נאָך אַ ווײַלע שווייגן—אַז דו ווערסט פון דעם קיין פאַרגעניגן נישט האָבן, זונדעסטוועגן וועל איך עס דיר דערציילן, כדי דו זאָלסט פאַרשטיין פאַרוואָס איך בין אַזוי אויפגערעגט ווען איך רעד פון אים.

—וואָס ווילסטו דאָ?—האָט ער אויף מיר אַ געשריי געטאָן. איך בין פון דעם געשריי צעטומלט געוואָרן און נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן און געשוויגן אַ פּאָר מינוט.

—וואָס ווילסטו דאָ?—האָט ער ווידער געפרעגט.

—אַבשלום האָט מיך געשיקט זען וואָס עס מאַכט דיין טייערער פאָטער—האָב איך געענטפערט שטיל.

—זער גוט האָסטו געזאָגט—האָט אַבשלום אויסגערופן מיט פרייד—און וואָס האָט ער דיר געענטפערט?

—ער האָט מיר געענטפערט—האָט מנשה געענטפערט שאָקלענדיק באַדויערנד מיטן קאָפּ—זאָג אים אַז איך בין נאָך געזונט און שטאַרק—איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עס איז איצט נישט קיין צייט צו בעטן געלט און געוואָלט אַרויסגיין, נאָר ער האָט מיך צוריקגערופן און געזאָגט: ער האָט דאָך דיך נישט געשיקט אַהער גלאַט אַזוי, מסתּם דאַרף ער דאָך שוין עפּעס, וואָרום איך ווייס עס זיכער, אַז ער דאַרף נישט וויסן, וואָס איך מאַך נאָר מיין געלט דאַרף ער.

—צום ערשטן האָט ער מיך געהייסן פרעגן, וואָס איר מאַכט און דערנאָך האָט ער אַייך געבעטן געלט, וואָרום פון וועמען דען זאָל ער בעטן אויב נישט פון זיין פאָטער?

—אָט דאָס זאָג איך דאָך, אַז ער דאַרף נישט מיך נאָר מיין געלט—האָט ער געענטפערט—כ׳הייב נישט אָן צו פאַרשטיין צו וואָס דאַרף ער געלט? ער האַנדלט צי וואָס?

—מיין האַר ווייסט,—האָב איך אים געענטפערט—אַז אַזאַ יונגערמאַן ווי ער איז קאָן נישט קומען צווישן די אָנגעזעענע מענטשן אויב ער האָט נישט ביי זיך אַ סך געלט. ווען איר וואָלט געזען—האָב איך שוין גערעדט מיט עזות—ווי אַ סך בחורים אין זיינע יאָרן וואַרפן מיט געלט ווי מיט זאַמד, וואָלט

איר נישט געפרעגט: נאָך וואָס דאַרף ער געלט? איך האָב גע-
קענט אַ יידישן בחור, וואָס האָט ליב געהאַט אַ מיידל, אַ מיידל
אַ קריסטלעכע, אַ פריצישע און האָט אויסגעבערענגט פאַר איר
כמעט דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון זיין פאָטער, אָבער ס'איז נישט
געווען אומזיסט. וואָרום ער האָט טאַקע מיט איר חתונה גע-
האַט און איצט איז ער אויך אַ פריץ. און אַ סך טוען ווי ער
כדי צו באַקומען אַ נאָמען. און אייער זון—ער האָט גאָרנישט.
ער זיצט ווי אַ געפאַנגענער אין שטוב און לערנט פון אינדער-
פרי ביז ביינאַכט, צווישן די וואָס פאַרברענגען פרייליך—קומט
ער נישט. און אויב ער דאַרף עפּעס שטעלט ער זיך נישט
אונטער צו אייך צוצוגיין, וואָרום ער האָט מורא פאַר אייך.
און איך זאָג אייך, אַז איר טוט נישט גוט. און ווען ער וואָלט
געליען געלט אויף פּראָצענט און איר וואָלט געמוזט באַצאָלן,
וואָלט בעסער געווען?

—ווען מיין זון וואָלט אַזוי געטאָן—וואָלט איך מיין גאַנץ
פאַרמעגן איבערגעשריבן פאַר מיין טאָכטער.—האָט ער געענט-
פערט מיט שרעקלעכן צאָרן.

—אַזוי האָט מיין פאָטער געזאָגט!—האָט אבשלום אויסגע-
רופן ערשטוינט—ווען איך הער עס נישט פון דיר, וואָלט איך
עס גאָרנישט געגלייבט.

—אפשר גלייבסטו עס מיר אויך נישט, וועל איך אויפ-
הערן רעדן.

—ווער זאָגט עס? איך גלייב דיר אַלץ, וואָס דו דער-
ציילסט. און וואָס האָסטו אים געענטפערט?

—אָבער אייער זון וועט דאָך אַזעלכע זאַכן נישט טאָן—
האָב איך אים געענטפערט—אָט זעט ער אַלע אינדערפרי ווען
ער גייט שפּאַצירן רוזשען די טאָכטער פון מטרד וואָס איז די
שענסטע פון אַלע מיידלעך, אַ מיידל וואָס אירע אויגן שיינען
ווי דער מאָרגנשטערן און אירע בעקלעך זענען ווי די רויזן,
און זי קומט אַרויס פון די פוילישע הראַביעס און פונדעסטוועגן
האָט ער זיך אין איר נישט פאַרליבט, און וואָס נאָך ווילט
איר פון אים?

-ער איז נישט אַרייַנגעפאַלן אין דער נעץ פון איר ליבע, ווייל ער פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז זי וועט זיך נישט דערנידעריקן ליב צו האָבן אַ ייִד—האָט ער געענטפערט מיט גרויס געלעכטער.

—ניין, מיין האַר,—האָב איך אים געענטפערט זיכער—איר זענט נישט גערעכט, וואָרום איך אַליין האָב געזען, אַז זי ווינקט צו אים מיט אירע שיינע אויגן, און אויך... דער אַלטער האָט מיך נישט געלאָזט ענדיקן, איז אויפגעשפרונגען ווי אַ לעמפערט צום פאַרציקן און זיך צעשריגן מיט שרעקלעכן צאָרן: ווי האָסטו די העזה צו רעדן צו מיר אַזעלכע רייד? צי ווייסטו נישט, אַז איך קום אַרויס פון שיינע פרומע יידן, און וועל פירן מיין קינד אין וועג פון מיינע עלטערן. און אויב ער וועט אַראָפּ פון יידישן וועג און וועט זיך פאַרליבן אין אַ שיקסע, וועל איך אים תיכף פאַרטרייבן פון מיין שטוב מיט שאַנד! און דו געדענק, אויב איך וועל זיך דערוויסן, אַז מיין זון ווייסט עפעס פון דעם, וועל איך דיך אומברענגען פון דער וועלט!

-נישט ווייל איך האָב מורא פאַר אייך—האָב איך אים רואיק געענטפערט—נאָר פון מיין ליבשאַפט צו אייער זון האָב איך אים נישט דערציילט, אַז ער איז איר שטאַרק געפעלן. אָבער וויסן זאָלט איר, אַז איר וועט פאַרשטויסן אייער זון פון מיטן וועג אויב איר וועט אים נישט געבן דאָס געלט וואָס ער דאַרף, וואָרום ער וועט זיך דאַן זוכן מיטלען ווי אַזוי צו באַקומען געלט. וועט אייך שפעטער באַנג טאָן, איר וועט זיך שוין אָבער נישט קאָנען העלפן.

—צי איז אמת אַז די שיינע רוזשע האָט געקוקט אויף מיר מיט ליבשאַפט?—האָט אַבשלום געפרעגט און זיין פנים איז רויט געוואָרן פון פרייד און שטאָלץ און האָט גלייך פאַרגעסן אַלץ, וואָס ער האָט ביז אַהער געהערט.

—וואָס אַ מחותן ביזטו מיט איר? געדענק דיין פאָטערס רייד און לאָז זיך נישט אַריין אין אַזעלכע זאַכן.

אַבשלום האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן. אַון מנשה האָט ווייטער דערציילט:

—אין ג אָכדעס ווי איך האָב געדעדט און געטענהט און געבעטן, האָט ער מיר געגעבן דאָס געלט און געזאָ,

—גיי זאָג אבשלומען, אַז אין גיכן וועל איך אים חתונה מאַכן, כדי ער זאָל מער נישט אין זינען האָבן קיין נאַריש-קייטן.

—ער וועט מיך חתונה מאַכן? איך בין שוין גאָרנישט?— האָט אבשלום אויסגערופן טרויריק.

—איך האָב דאָס אויך געפרעגט, אָבער ער האָט זיך אויף מיר אויסגעשריגן און מיר באַפוילן צו האַלטן דאָס מויל. האָב איך אים געפאָלגט, און מסתם וועסטו אים אויך פאָלגן. ווי איך זע, האָט דיין פאָטער געוואָרפן אַן אויג אויף איזבל די טאָכ-טער פון נמרוד, און זי וועט זיין דיין ווייב, ווארום איר טאַ-טע וועט איר געבן אַ סך נדן.

—ס'וועט קיינמאָל נישט זיין!—האָט אַבשלום אויסגעשריגן מיט צאָרן און אויפגעשפרונגען פון זיין שטול—איך וועל זיך נישט פאַרקויפן צו דער נעגערקע פאַר געלט, ווען מען וואָלט מיך אָפּגעגאָלט וואָלט איך איר מיט אירע פאַרמעגנס נישט גע-וואָלט אָנקוקן. ער איז טאַקע מיין פאָטער און איך וועל אים פאָלגן, אָבער אַ ווייב וועל איך מיר אויסקלויבן און דאָס מיידל, וואָס וועט מיר געפעלן—זי וועט זיין מיין ווייב.

—און וואָס וועסטו טאָן אַז דיין פאָטער וועט דיך צווינגען?

—וואָס זשע? ער וועט מיך בינדן און פירן ווי אַ גע-בונדן קאַלב צו דער חופה? איך וועל אים נישט פאָלגן, איך וועל בעסער ליידן הונגער און זיך וואַלגערן אויפן מיסט, איי-דער צו וואוינען אין רייכע פּאַלאַצן מיט אַ פרוי, וואָס גע-פעלט מיר נישט... אָבער, איך שווער דיר—האָט ער גערעדט מיט טרויער—אַז איך פאַרשטיי גאָרנישט, וואָס עס איז געוואָרן מיט מיין פאָטער, וואָס ער איז געוואָרן צו מיר אַן אַכזר? שטענדיק האָט ער זיך געפרייט און איז גליקלעך געווען צו טאָן מיין פאַרלאַנג און האָט מיך קיינמאָל נישט טרויעריק גע-מאַכט. אַמאָל פלעג איך אים זעען אַלע אינדערפרי און איצט דערווייטערט ער זיך פון מיר און איך זע אים נישט וואָכן און

חדשים. כ׳ווייס נישט, וואָס ס׳איז געוואָרן מיט אים?!

—איך האָב שוין אויך געטראַכט דערפון און געוואָלט פאַרשטיין די סבה, נאָר אומזיסט.

—איך זע באַשיינפּערלעך, אַז פון זינט מיין מוטער איז געשטאָרבן, האָט ער מיך נישט אין זינען—האָט אַבשלום געענטפערט מיט אַ זיפץ

—ביזט גערעכט—האָט מנשה אויסגערופן—דער טויט פון דיין מוטער האָט דיך צעשיידט מיט דיין פאָטער. וואָרום ווער ווייסט וואָס אַ מענטש טראַכט אין האַרצן? אפשר האָט ער אין זינען אָנצוהייבן גאָר פון דאָסניי און חתונה האָבן מיט אַ מיידל אויף דער עלטער. דעריבער וויל ער דיך מיט דיין שוועסטער אַרויספּטרן פון שטוב, כדי איר זאָלט אים נישט שטערן.

אַבשלום האָט שטאַרק אויפגעציטערט הערנדיק דאָס און האָט גאָרנישט געענטפערט, און מנשה האָט ווייטער גערעדט:

—און אפשר האָט ער זיך דערוואוסט פון דיינע פירונגען און דעריבער איז ער בייז אויף דיר. וואָרום לויט זיין מיינונג איז נישטאָ קיין בעסערס ווי זיצן אַ גאַנצן טאָג על התורה ועל העבודה.

—איך רעכן אויך אַזוי—האָט אבשלום געענטפערט.

—אויב אַזוי—אויב דו מיינסט, אַז דו ביזט שולדיק—בין איך דאָך גאָר דער גאַנצער שולדיקער, וואָרום איך האָב דיך געלערנט פאַרשטיין און וויסן—דעריבער וועל איך אַוועק פון דאַנען.

אַבשלום האָט אים געגומען בעטן, ער זאָל אים נישט פאַרלאָזן און לסוף האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל

—צו וואָס דאַרף איך רעדן. איך ווייס, אַז דו וועסט מיך נישט פאַרלאָזן.

—פאַר וואָס עפּעס?

—ווייל איך ווייס זיכער אַז דו ביזט פאַרליבט אין מיין שוועסטער

—לאַך נישט פון מיר! איך האָב ליב דיין שוועסטער? איך? ווער בין איך דען און וואָס בין איך דען?—האָט מנשה געלייקנט.

—מנשה, מנשה!—האָט אַבשלום אויסגערופן בייז—איך זע, אַז דו ביזט נאָך נישט מיין אמתער גוטער פריינט, וואָרום דו ווילסט פון מיר פאַרלייקענען דעם סוד. אָבער אומזיסט! וואָרום ס'האָבן מיר שוין לאַנג געזאָגט דיינע אויגן דאָס, וואָס דו האָסט מורא אַרויסצוברענגען אויף דיינע ליפּן. אָבער—איך שווער ביי מיין לעבן, אַז איך פאַרשטיי נישט פאַרוואָס דו ווילסט באַהאַלטן דיינע געפילן? ווייסטו דען נאָך נישט, אַז אויך איך פאַרשטיי, אַז מען קאָן נישט באַהערשן די געפילן וואָס שפּראָצן אַרויס ווי רויזן אין דער וויסטעניש ביי אונז אין די הערצער. ווי זשע פאַלט דיר איין אַז איך וועל דיך באַשולדיקן פאַר דיין ליבע צו מיין שוועסטער? איך ווייס גאַנץ גוט אַז אַ מענטש קאָן נישט באַהערשן זיינע געפילן.

—אמת פריינט מיינער!—האָט מנשה געענטפערט מיט אַ זיפץ—אָט די געפילן קאָנען אונז אומברענגען. ווארום איז די יונגעלייט ביי וועמען אין די הערצער עס האָט אויפגעבליט צוזאַמען די ליבע און די האָפנונג. אָבער ווי איז דעם, וואָס האָט נאָר דערפילט די ליבע און די האָפנונג איז ווייט פון אים. ער איז ווי אַ דורשטיקער מענטש וואָס שטייט ביי אַ ברונע, וואָס איז זער טיף. ער זעט אויפן גרונט קלאָרע ריינע וואַסער: אַ רגע וויל ער זיך וואַרפן כדי צו שטילן זיין דורשט, אָבער ער ווערט דערציטערט און טרעט אָפּ וויסנדיק, אַז ער וועט זיך אַריינלאָזן אין ברונע וועט ער שוין פון דאָרט קיינמאָל נישט אַרויסקומען.

—און פאַרוואָס זאָלסטו אויך נישט האָפן?—האָט אַבשלום געפרעגט מיט רחמנות.—ווער קאָן וויסן, וואָס די צייט וועט ברענגען. אפשר וועסטו נאָך דערהויבן ווערן און רייך ווערן?

—ווער ווייסט?—האָט מנשה געענטפערט—אָבער וואָס וועט מיר העלפן רייכקייט, אַז דיין שוועסטערס האַרץ איז ווייט פון מיר?

—פון וואַנען ווייסטו וואָס זי טראַכט?

—דאָס האָב איך דערקענט אין איר פנים.

—איך וועל אויף דיר גוטס רעדן פאַר מיין שוועסטער און וועל געווינען איר האַרץ פאַר דיר.

—אָבער וואָס וועט מיר איצט העלפן איר ליבע, אויב דאָס רייכקייט איז נאָך בײַ עמיצן אַנדערש נישט בײַ מיר? און ווער ווייסט צי דאָס רייכקייט וועט צו מיר בכלל ווען עס אָנ-קומען.

—ווען איך וואָלט געקאָנט טאָן דאָס, וואָס איך וויל וואָלט איך דיר געגעבן מײַן שוועסטער פאַר אַ ווײַב און דו זאָלסט זײַן אַ גלײַכער יורש מיט מיר.

—גענוג צו רעדן נאַרישקייטן וואָס וועלן מיר נישט היילן נאָר פאַרמערן מײַנע וואונדן. לאָמיר גאָרנישט רעדן פון דעם און ס׳וועט גלײַכער זײַן. צום בעסטן איז, מיר זאָלן טראַכטן ווי אַזוי צו דערגרייכן דאָס, דער פאָטער זאָל דיר נישט זשאַ-לעווען קיין געלט. וואָרום וואָס קאָן אַ רײַכער יונגערמאַן אויפ-טאָן אָן געלט? מיט וואָס וועט ער געפעלן די מיידלעך? מיט וואָס קאָן אַ ייד חשוב זײַן צווישן קריסטן אויב נישט מיט זײַן געלט? דעריבער וועל איך נישט רוען ביז איך וועל פאַר דיר קריגן געלט וויפיל דו דאַרפסט.

—כ׳דאַנק דיר טויזנט מאָל, ליבער חבר—האָט אַבשלום געענטפערט.

אויף אַזאַ אופן האָט דער אויסוואורף פאַרנאַרט אַבשלומען, וואָס איז נאָך געווען יונג און האָט אין אים געגלייבט.

און אַזוי האָט ער אים כסדר פאַרפירט. צום ערשטן האָט ער פון אים געמאַכט אַ שונא פאַר זײַן פאָטער, דערנאָך האָט ער אים אָנגערעדט נאָכצומאַכן אַ שליסל צום פאָטערס קאַסע און ער האָט געגנבעט אַ סך געלט, כדי זיך נאָכצוגעבן זײַנע תאוות וואָס האָבן נישט געוואוסט פון קיין זעט. און דער אומ-גליקלעכער פאָטער האָט אַלץ געוואוסט און זיך געמאַכט נישט וויסנדיק: וואָרום ער האָט מורא געהאַט אים צו שטראָפן אויף דעם, ער זאָל אים נישט ענטפערן מיט עזות. האָט ער כסדר נאָר געטראַכט ווי אַזוי צו רעדן מיט אים און צו געווינען זײַן האַרץ, ער זאָל אים פאָלגן און חתונה האָבן.

## יד.

## ערגער און ערגער.

אָבער אומזיסט האָט דער אַלטער געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו רעדן מיט זיין זון: אבשלום האָט אים אויסגעמיטן און זיך באַהאַלטן פון אים. דערווייל איז טיפער געוואָרן דער אָפּגרונט צווישן טאַטן און זון; דער זון האָט זיך דערווייטערט פון טאַטן און דער טאַטע האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן. מנשה האָט אָבער זיינס ווייטער געטאָן. פון איין זייט האָט ער געווייגט פאַרן אַלטן, אַז אבשלום וויל אים נישט פאָלגן, און פון דער אַנדערער זייט האָט ער צוגערעט אבשלומען נישט צו פאַרלאָזן דעם שלעכטן וועג. און דאָס איז אים לייכט אָנגעקומען: וואָרום דער אַלטער האָט אין אים געגלייבט און אבשלום האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז ער פאַרפירט אים. בפרט נאָכדעם ווי ער האָט זיך דערוואוסט פון מנשהן, אַז רוזשע איז אין אים פאַרליבט. פון דעמאָלט אָן איז ער כסדר אַרומגעגאַנגען און געטראַכט וועגן דער שיקסע. האָט פון איר געחלומט בייטאָג און געווען ווי משוגע ביינאַכט. ביז ער האָט שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן און האָט זיין האַרץ

אויסגעגאָסן פאַר מנשהן. און כאָטש מנשה איז אין אָנפאַנג גע־וואָרן שטאַרק איבערראַשט הערנדיק אַז זיין חבר האָט זיך פאַר־ליבט אין אַ קריסטלעך מיידל און האָט שטאַרק מורא גע־האַט געדענקענדיק, אַז ער וועט האָבן אַ ביטערן סוף אַז דער טאַטע דער אכזר וועט זיך פון דעם דערוויסן, ער האָט אויך מורא געהאַט טאָמער וועט אַזאַ פריצישע טאָכטער נישט וועלן קיין יידישן בחור. כאָטש ער איז איר געפעלן (דאָס האָט ער געוואוסט אויף זיכער)? אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָבן די אַלע שוועריקייטן קעגן דער חברישער ליבע?!—האָט מנשה אויסגערופן, נאָך דעם ווי ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט—אָבער איך וועל צעבישט מאַכן אַלע שוועריקייטן, כדי דו זאָלסט זען, וואָס עס הייסט האָבן אַן אמתן גוטן פריינט.

אבשלום איז אים געפאַלן אויפן האַלז, האָט אים געקושט און נישט אָפּגעלאָזט אים ביז ער האָט אים צוגעשוואוירן, אַז ער וועט נישט רוען ביז אים וועט געלונגען פאָרצושטעלן אבשלומען פאַר זיין געליבטער.

און ער האָט געהאַלטן וואָרט. מיט צוויי טעג שפעטער איז שוין אבשלום געזעסן אין הויז ביי מטרדן ווי איינער פון די איינגייער דאָרטן. און די בעל־הביתטע, וואָס האָט נאָך פון איר יוגנט געקענט פאַנגען יונגע מענטשן מיט אירע גוטע ריידעלעך, האָט אַבשלומען אויפגענומען ווי אַ כראַביע און אים אַרויסגעוויזן גרויס אַכטונג און ליבע. זי האָט אויך שטאַרק גע־לויבט זיין שיינקייט און קלוגשאַפט, און האָט געשוואוירן ביי אַלעם הייליקן אַז עס איז איר אַ פרייד צו הערן ווי ער רעדט און נישט קיין סך פוילישע כראַביעס קענען רעדן אַזוי פיין פויליש ווי ער. צו אבישלומס פרייד איז גאָר קיין גרענעץ נישט געווען. נישט בלויז וואָס ער האָט געהערט לויבערייען פון אַ פריצה נאָר—פון זיין געליבטערס מוטער און די געליבטע איז דערביי...

עס האָבן זיך געצויגן פריילעכע גליקלעכע טעג פאַר אבשלו־מען. אַלע טאָג איז ער אַהין געקומען. און די בעל־הביתטע האָט זיך אַלץ מער געפלייסט אַריינצוכאַפּן אים אין דער נעץ פון

ליבע. וואָרום ער איז צו איר אין שטוב אַריין געקומען ווי אַ גוטער מלאך אין דער צייט ווען דאָס הויז האָט געהאַלטן ביי פאַלן. וואָרום אירע אוצרות זענען שוין געווען שטאַרק אויסגעליידיקט און ס'האָבן איר ערוואַרט שלעכטע ביטערע צייטן און זי האָט שוין געציטערט מען זאָל נישט קומען פאַר־קויפן איר הויז פאַר די חובות און איר איינזעצן אין תפיסה. אין דער צייט איז פלוצלונג געקומען דאָס גליק אין שטוב אַריין דורך דעם יידישן בחור, וואָס האָט געוואַלדיקע אוצרות און האָט געצאָלט מיט דער ברייטער האַנט פאַר יעדער וואָרט, וואָס זי האָט אַרויסגערעט. אָבער די טאָכטער איז נישט געווען ווי די מוטער, רוזשע איז געווען צוגעלאָזט און ליבנסווירדיק צו אבשלומען נישט כדי צו באַקומען געלט פון אים, נאָר ווייל ער איז איר טאַקע שטאַרק געפעלן און אַז זי האָט געזען אַז אבשלומס ליבע צו איר האָט גאָר קיין גרענעץ נישט, האָט זי אויך אים געענטפערט מיט ליבע פון גאַנצן האַרצן און זיי האָבן זיך געגעבן אַ שבועה צו פאַרבינדן זיך אויף אייביק און אויך די מוטער האָט קעגן איר ווילן מסכים געווען צו דעם. פון דעמאָלט אָן איז דאָרט אבשלום געזעסן גאַנצע טעג און נאָר ביינאַכט איז ער אַהיים געקומען כדי זיך צו באַראַטן מיט מנשהן זיין באַגלייבקן פריינט, וואָס האָט נישט אויפגעהערט אונטערצוהאַלטן זיין מוט אין זיין ליבע און אים שטאַרקן ער זאָל זיך נישט אָפּשרעקן פאַר גאָרנישט. און זיין געליבטע האָט ער שטאַרק געלויבט און האָט אים צוגעזאָגט איינצורעדן דעם אַלטן און פאָרשטעלן פאַר אים דעם גרויסן כבוד וואָס עס וועט קומען אין זיין הויז אַריין אַ דאַנק זיין זונס פרוי, און דאַן וועט דער אַלטער אויך מסכים זיין צו דעם.

אַזוי האָט ער אים צוגעזאָגט, נאָר מיטן אַלטן האָט ער וועגן אבשלומען גאָר נישט גערעט, ביז די גאַנצע שטאָט האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם און ס'איז געוואָרן אַ גערעדעריי און מען האָט שוין אַפילו געשמועסט אַז אבשלום האָט זיך געשמדט.

אויך דער אַלטער האָט זיך פון דעם דערוואוסט, וואָרום ער האָט געהערט אין שול ווי מען שושקעט זיך און מען דער־

מאַנט זיין זונס נאָמען און אַז ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער זיך געפרעגט ביי מנשהן דעם באַשייד פון דעם. און מנשה האָט געמאַכט אַ פרום פּניך, זיך צעוויינט און געזאָגט:

—ווי ווי איז צו אונז! אבשלום איז גאָר אַראָפּ פון וועג!

און באַלד האָט ער אָנגעהויבן שטראָפן דעם אַלטן און אויסגעשריגן:

—איר אַליין זענט שולדיק אין דעם. ווען איר פאָלגט מיר און גיט אים נישט קיין געלט, דעם לאָבוס, דעם הפקריונג, וואָלט ער נישט געקומען צו דעם צו פאַרליבן זיך אין אַ שיקסע און געבן איר די האַנט מיט איר אָפן חתונה צו האָבן.

אַז דער אַלטער האָט דאָס דערהערט האָט יעדער אבר געגומען אין אים ציטערן, איז געבליבן זיצן ווי אָן זינען, דערנאָך האָט ער זיך ביטער צעוויינט און זיך גענומען ברעכן די הענט:

—ווי איז מיר! דו ביזט גערעכט און איך וויס נישט ווי מיין פנים צו באַהאַלטן פון בושה! אַלוואי וואָלט איך דיר געפאָלגט, וואָלט אונז אַזאַ צרה נישט צוהאַנען געקומען. ווי מיר! צו וואָס טויג מיר דאָס לעבן אויף דער וועלט!

—געדענקט אין גאָט.—האָט מנשה אויסגערופן און אויפ־געהויבן די אויגן צום הימל—גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט, רעד נישט אַנטקעגן גאָט...

—ביזט גערעכט קינד מיינס, איך וועל מיך איינהאַלטן און שווייגן. אָבער רעדט, זאָג, אפשר איז נאָך דאָ אַ האָפנונג אים אַרויסצוראַטעווען.

מנשה האָט זיך אָפגעווישט די טרערן און געזאָגט:

—ווי איז אונז, צו וואָס מיר זענען געקומען! ס'איז כמעט נישטאָ קיין האָפנונג, איך גלייב נישט, אַז מיר וועלן זיך קענען העלפן, פונדעסטוועגן דאַרף מען זיך נישט מיאש זיין, דעריבער איז מיין עצה איר זאָלט ביינאַכט אַריינגיין צו אייער זון אין צימער און זיך אויסשרייען אויף אים, ווי עס דאַרף זיך אויסשרייען יעדער אָרענטליכער פאָטער, וואָס

עט אַז זיין קינד גייט אַראָפּ פון גוטן וועג, אפשר וועט ער זיך באַדענקען און צוריקקערן פון זיין שלעכטן וועג.

—כ׳האָב מורא טאָמער וועט מיין אַרבעט זיין אומזיסט— האָט דער אַלטער ביטער אָפּגעזיפצט.

—אויב ער וועט אייך נישט וועלן פאָלגן מיט גוטן, וועט ער אפשר דערשראָקן ווערן אַז ער וועט אָנהייבן מיט בייזן, איר זאָלט אים סטראַשען, אַז איר וועט אים פאַרטרייבן פון שטוב אויב ער וועט נישט פאָלגן, וואָס איר הייסט אים און ס׳איז דאָ אַ האָפנונג—כאָטש אַ ווייטע האָפנונג—אַז אייערע רייד וועלן ווירקן. וואָרום ער איז דאָך געוואָרן אויסגעלאַסן, ווייל איר האָט אים קיין שלעכט וואָרט נישט געזאָגט און ער האָט פון אייך קיין הויך וואָרט נישט געהערט. אָבער, אַז ער וועט זען, אַז איר זענט שטאַרק דערצערנט וועט ער מורא קריגן.

דער אַלטער האָט אים צוגעזאָגט צו פאָלגן זיין עצה און האָט נישט אויפגעהערט צו האָפן, אַז ער וועט בעסער ווערן.

## טו.

## א פֿאַלשע האָפֿנונג.

דער אַלטער, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן געוואוסט נאָר פֿון גליק און פֿרידן, האָט אין איין רגע דערזען ווי אַלע זיינע האָפֿנונגען זענען אַוועק מיטן ווינט. און כאָטש זיין האַרץ האָט אים נישט געלאָזט רעדן שטרודעס צום זון, פֿונדעסטוועגן האָט ער באַשלאָסן צו פֿאָלגן מנשהס עצה. האָט ער זיך באַטראַכט און ס׳איז ביי אים געבליבן אויפֿצושרייבן מנשהס רייד אויפֿן פּאַפּיר, אויפֿשרייבן אַלץ, וואָס מנשה האָט גערעט וועגן אבשלומען און דאָס באַווייזן אבשלומען. ער האָט אָבער חרטה געהאַט פֿון דעם באַשלוס, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אַז אבשלום זאָל פֿיינט קריגן מנשהן, כדי מנשה זאָל אים קענען היטן די טריט. דעריבער האָט ער באַהאַלטן דאָס אויפֿגעשריבענע אויפֿן פּאַפּיר און באַשלאָסן ער זאָל מיט אים ריידן. אָבער נישט קענענדיק בחרפּה שטעלן דעם זון, האָט ער אים נישט דערמאָנט זיינע מעשים, נאָר האָט געזידלט זיין געליבטע, האָט איר געמאַכט פֿאַר אַ זונה, וואָס פֿאַנגט יונגעלייט אין איר נעץ. אַז אבשלום האָט דערהערט ווי זיין געליבטע ווערט באַשמוצט און באַליי-

ד׳ קט דורכן פֿאָטער, אַז ער שטעלט בחרפּה די פֿרוי, וואָס איז ביי אים געווען ווי אַ מלאך, איז ער פּלוצלונג געוואָרן ווי אַ שכּור און נישט געדענקט ווער עס רעט צו אים, אַ שרעקלעכער צאָרן האָט אויפֿגעפֿלאַקערט אין זיין האַרצן הערנדיק דעם פֿאָטערס רייד, איז ער שטאַרק אויפֿגעבראַכט געוואָרן און אויסגעשריגן:

—אויב דו ווערסט וואַגן אַרויסצוברענגען אַזעלכע ווערטער פֿון דיין מויל, זאָלסטו וויסן, אַז איך וועל זיך שמדן...

אַזוי האָט ער אַרויסגעשריגן און איז גיך אַרויס פֿון שטוב נישט אויסדרייענדיק זיך.

ווי אַ קויל האָבן די ווערטער געטראָפֿן דעם אַלטן אין האַרצן. די קניען האָבן אים גענומען ציטערן, די צונג איז אים צוגעוואַקסן צום גימען אין די אויגן איז אים פֿינצטער געוואָרן און ער איז געפֿאַלן. ווען נישט מנשה וואָס איז אויך געווען אין צימער, וואָלט נישט געאיילט אים אויפֿצוהייבן און דערמינטערן, ווער ווייסט צי ער וואָלט נאָך לעבן געבליבן.

ווי פֿאַרשטיינערט איז דער אַלטער געזעסן אין זיין צימער פֿון דעמאָלט אָן גאַנצע טעג און האָט מיט קיינעם קיין וואָרט נישט גערעט אַחוץ מיט מנשהן, וואָס האָט איצט געפֿירט די גאַנצע שטוב און אין זיין האַנט זענען איצט געווען אַלע אוצרות און ביכער און ער איז געוואָרן דער גאַנצער בעל־הבית, וואָרום נאָר אים איינעם האָט דער אַלטער געגלייבט.

אַזוי האָט דער בייזער שלאַנג אָנגערייצט אַלע שטוב מענטשן איינעם אויפֿן אַנדערן, ביז איינער דעם אַנדערן האָט שוין נישט פֿאַרשטאַנען און ער איז עס געוואָרן זייער „טאָל־מאַטש". שולמית, וואָס איז כּסדר געזעסן אין איר צימער, וואָס איז געווען נעבן פֿאָטערס חדר, האָט שטענדיק געהערט מנשהס רייד צו איר פֿאָטער און זי האָט שוין אָנגעהויבן צווייפֿלען אין מנשהס ערלעכקייט, נישט איינמאָל האָט זי געפּרוּווט ריידן צום ברודער און אים וואָרענען ער זאָל זיך היטן פֿון דעם בייזן שלאַנג. ער האָט זי אָבער הערן נישט געוואָלט. אויך צום אַלטן האָט זי גערעט אַ סך מאָל און אים געוואָלט געבן צו פֿאַרשטיין, ער זאָל נישט גלייבן מנשהן, אָבער אויך דאָס

איז איר נישט געלונגען, וואָרום דער אַלטער האָט געמיינט, אַז צוליב איר ליבשאַפט צום ברודער איז זי בייז אויף מנשהן, וואָס פאַרדעקט נישט זיינע זינד. און אַזוי איז מנשה געוואָרן דער גאַנצער בעל־הבית.

וויי וויי! אַזוי איז געראָטן צו מאַכן אַ תל פון דער שטוב מיט אירע מענטשן. ערלעכע און פרומע זענען דורך זיין האַנט אומגעקומען. און ער פאַרברענגט אין גרויס פאַרגעניגן. אומעטום גיט מען אים אָפ כבוד און גרויס עשירות האָט ער אין זיין הויז, פרעמדס האָט ער איינגעשלינגען און קיינער דערמאָנט אים נישט זיינע זינד! אָט די רשעים, זיי גיט גאָט אַלץ אויף דער וועלט און די ערלעכע פוילן אין דרערד! וואו זשע איז דער גאָט פון משפט?

אַזוי האָט מיין חבר אויסגעשריגן מיט גרויס צאָרן. האָט געקריצט מיט די ציין און געטופעט מיט די פיס ווי ער וואָלט פון זינען אַראָפּ.

—אָבער צוליב וואָס האָט ער דאָס געטאָן—האָב איך אים געפרעגט.

—איך וועל דיר זאָגן צוליב וואָס—האָט מיין חבר ווייטער דערציילט אין גרויס אויפרעגונג - צוליב דריי זאַכן האָט דער אויסוואורף מנשה דאָס געטאָן. איינמאָל צוליב נקמה: ער האָט געטראָגן זיין צאָרן אויף אבשלומען פון זינט ער האָט פון אים געלאַכט און האָט אים אויך אַ פּאַטש דערלאַנגט. אבשלום איז אָבער געווען דאָס רייכע קינד און ער האָט אים נישט געקאָנט גאָרנישט טאָן, דעריבער האָט ער מיט ערמה געזוכט זיך נוקם צו זיין אָן אים. צווייטנס ווידער—איז ער פאַרליבט געווען אין אבינדבס טאָכטער. די ליבע צו שולמיתן האָט גע־ברענט אין אים און וויסענדיק אַז אבינדב וועט נישט וועלן געבן זיין טאָכטער צו עפּעס אַ ישיבה בחור וועלכן ער ווייסט נישט און קען נישט, האָט ער געזוכט צו ברענגען אַ חרפּה אויף אים כדי ער זאָל זיך מער נישט בלאָזן און גרויס האַלטן. און דריטנס—האָט ער פשוט געהאַט חשק צו פרעמד · געלט... אָבער צו וואָס די רייד. איך וועל דיר דערציילן דעם סוף,

עסטו זען און וויסן ווי גרויס עס זענען די פאַרברעכנס פון דעם פאַרשאָלטענעם אויסוואורף.

—אָבער פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ—האָב איך גע־פרעגט—ווער האָט דיר דערציילט דאָס, וואָס ער האָט גערעדט מיטן פאָטער און זון אין זייערע צימערן? קיינער האָט עס דאָך נישט געהערט?

—איך האָב דיר דאָך שוין געזאָגט, אַז שולמית האָט עס אַלץ אונטערגעהערט און אויך דער פאָטער אַליין האָט עס אויפגעשריבן, און דאָס געשריבענע געפינט זיך איצט ביי שולמיתן, און דאָס וואָס ער האָט גערעדט מיט אבשלומען האָט ער אַליין דערציילט, ווי דו וועסט נאָך הערן. און אַז דו וועסט הערן דעם סוף וועסטו שוין אַלץ פאַרשטיין.

—אָבער ווי קומט עס צו אַ ישיבה־בחור אַזוי פיל ערמה און פאַלשקייט?

—נאָך פריער, איידער ער איז אָנגעקומען אין ישיבה, האָט ער געגנבעט און גערצחנט אין דער שטאָט עזובה.

—איך בין גרייט צו הערן—האָב איך אים געענטפערט, וואָרום איך האָב זער געוואָלט וויסן וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אין דער שטאָט פון וואַנען איך אַליין בין און וואו מיין פע־טער וואוינט.

—כ׳האָב דיר פריער געוואָלט דערציילן דעם סוף פון אבינדבס הויז, וואָס איז אומגעקומען און ווי אַזוי דער אויס־וואורף איז געוואָרן רייך און געוואָרן דער ראש הקהל, און ווי אַזוי אַלע האָבן מורא פאַר אים און קיינער האָט נישט די העזה אים צו זאָגן אין די אויגן וועגן זיינע רציחות וואָס ער טוט אָפּ. וועגן דעם ווי ער האָט געפּייניקט מיט אַזאַ אכזריות אַ פרוי, וואָס איז אומשולדיק אינגאַנצן, וואָרום אַ פייער ברענט אין אים צו דער פרוי וואָס האָט זיין פרצוף נישט געוואָלט אָנקוקן און האָט בעסער פאַרלאָזט איר פאָטערס הויז, איידער דאָרט צו בלייבן מיט דעם שלאַנג. וואָרום די פרוי וואָס איז פאַר אַלעמען אין די אויגן אָפּגעקומען ווי אַ זינדיקע—איז נישט קייז אנדערע ווי שולמית די טאָכטער פון אבינדב, וואָס האָט

זיך אין שטוב אויסגעהאָדעוועט די דאָזיקע שלאַנג.

—די פרוי איז שולמית!—האָב איך אויסגעשריגן מיט וואונדער און מיט אַ געבראָכן האַרץ.—שולמית די טאָכטער פון אבינדב איז ווי אַ זינדיקע אָפגעשפּעט געוואָרן אין מיטן גאַס!

—און איצט קאָן איך דיר דערציילן דעם סוף פון אבינדבס הויז. דערנאָך וועל איך דיר דערציילן וואָס די שלאַנג האָט אָפּגעטאָן אין דער שטאָט עזובה.

—ניין, ניין!—האָב איך אויסגערופן—דערצייל מיר פריער וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אין עזובה

ער האָט זיך שטאַרק געוואונדערט, וואָס איך וויל דוקא הערן פון זיינע מעשים אין עזובה, וואָרום איך אים פון מיר האָב נאָך גאָרנישט געהאַט דערציילט און ער האָט נישט גע-וואוסט אַז איך בין פון דאָרטן.

און ער האָט געזאָגט:

—אויב דו ווילסט דוקא איך זאָל דאָס פריער דערציילן, מילא. וועל איך עס טאָן. נאָר איידער איך וועל דיר דערציילן פון מנשהס פאַרברעכנס דאָרט, וועל איך דיר פריער דערציילן די פאַרברעכנס פון אַנדערע, וואָס זיי האָבן דאָרט אָפּגעטאָן מיט פופצן יאָר צוריק, ווייל אָן דעם וועסטו גאָרנישט פאַר-שטיין.

## טז.

# קריג צווישן ברידער.

אין דער קליינער שטאָט עזובה, האָבן געוואוינט צוויי ברי-דער, איינער האָט געהייסן אחירע און דער אַנדערער—יוסף.—איך האָב אינגאַנצן אָנגעהויבן ציטערן הערנדיק דעם נאָ-מען פון מיין פעטער און דעם נאָמען פון מיין פאָטער און דאָס בלוט אין מיינע אָדערן האָט זיך צעשטורעמט, ווי דאָס האַרץ וואָלט מיר נביאות געזאָגט, אַז איך וועל דאָ הערן שרעקלעכע זאַכן, וועלכע איך האָב נישט געהאָפט צו הערן. איך האָב זיך אָבער באַהערשט און זיך איינגעהאַלטן, כּדי מיין חבר זאָל אין מיר גאָרנישט דערקענען און ער האָט ווייטער דערציילט:

אַ גרויס פאַרמעגן האָבן די ביידע ברידער געירשנט נאָךזייער פּייטערס טויט און זיי האָבן ווייטער געהאַנדלט און געוואַנדלט צוזאַמען עטלעכע יאָר. אחירעס ווייב אָבער האָט זיך ליב געהאַט צו קריגן און אָנגעמאַכט קריגערייען צווישן די ברידער. זי האָט אויך נישט פאַרגינען אסתּרן—יוסף'ס ווייב—וואָס זי איז געווען זער אַ שיינע און האָט איר כּסדר דערצערנט און פאַרביטערט

דאָס לעבן. דאָס האָט יוסףן שטאַרק דערקוטשעט און ער האָט באַשלאָסן זיך אָפּצוטיילן פון ברודער און האָט זיך באַזעצט אין שטאָט מדמנה, וואָס איז געווען נעבן עזובה און נאָר אַ קליינער טייך האָט די שטעטלעך צעשיידט. דאָרטן האָט יוסף מיט אסתרן געלעבט גליקלעך און צופרידן און זענען שטאַרק רייך געוואָרן. נישט אַזוי אָבער איז עס געגאַנגען אחורען: פון זינט ער האָט זיך אָפּגעטיילט פון זיין ברודער האָט זיך די הצלחה פון אים אָפּגעטאָן און ער איז געוואָרן אָרעמער און אָרעמער פון טאָג צו טאָג. וואָרום ער האָט נישט געקענט פירן זיין מסחר און זיין ווייב איזבל האָט זיך ליב געהאַט צו פּוצן אין צירונג און שליידערן מיט געלט ווי מיט אַש, און אַז עס איז דורך צוויי יאָר איז ער געוואָרן אַזוי אָרעם, אַז עס זענען געקומען די בעלי חובות און אים צוגענומען זיין הויז און אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט, און ער איז געבליבן אָן ברויט.

אַ פּאָר חדשים האָט אַחירע געליטן הונגער און נויט און צום ברודער האָט ער נישט געוואָלט גיין בעטן הילף, וואָרום אַ חוץ די שנאה, וואָס איז געווען צווישן זיי זינט זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט איינער פון אַנדערן, איז נאָך צווישן זיי אויס-געוואַקסן אַ גרויסע שטאַרקע שנאה צוליב דעם, וואָס אַחירע האָט זיך אַריינגעלאָזט צווישן די צבועלע חסידים און געוואָרן אַ זייעריקער, וואָרום איזבל, וואָס איז געווען אַ טאָכטער פון אַ צבועאלער חסיד, האָט אים דערצו צוגערעדט. און אַז פון דעם האָט זיך דערוואוסט יוסף, וואָס האָט די חסידים פיינט געהאַט בתכלית השנאה (די שנאה האָט ער געירשנט פון זיין פאָטער, וואָס איז געווען אַ גרויסער מתנגד) האָט אין אים אויפגעפלאַקערט דער צאָרן צום ברודער, וואָס איז ביי אים אין די אויגן געווען ווי אַ געשמדטער און ער האָט עס אָפן גע-זאָגט, אַז זיין ברודער האָט פאַרלאָזט משהס אמונה. אַזוי זאָגן אַלע מתנגדים אויף דעם וואָס ווערט אַ חסיד און די חסידים — אויף דעם וואָס פאַרלאָזט זייער חברה. אַחירע ווידער איז גאָר געוואָרן אַ שטאַרקער חסיד, האָט כסדר גערופן די חסידים צו זיך, האָט פאַר זיי געמאַכט סעודות און מען האָט געגעסן, גע-

טרונקען און געטאַנצט צוזאַמען, און אַחירע האָט דאָס געטאָן צו לחכעיס זיין ברודער, און אויך דאָס האָט געהאָלפן ער זאָל אָרימער ווערן.

אַז ס'איז געקומען אַזוי ווייט, אַז ער האָט שוין געהונגערט, האָט ער בעסער געוואָלט שטאַרבן פון הונגער איידער גיין בעטן הילף ביים ברודער און פאַרלאָזן זיינע נייע חברים — די חסידים. אויך דאָס ווייב און די חסידים האָבן אים אַזוי געלערנט. חסידים, וואָס ביי זיי איז אַ געלעכטער צו גנבענען, רויבן און אַפילו הרגענען אַ מענטש, וואָס גייט נישט אין זייערע וועגן, זיי וועלן נישט בלייבן שטיין פון ווייטן און וועלן אַ זייעריקן אונטערשטיצן און נישט לאָזן פאַלן. אויך אַחירען האָט מען געשטיצט אַ לאַנגע צייט. אָבער אַחירע, וואָס האָט נאָך געדענקט אָן רייכקייט האָט עס נישט געקאָנט איבערטראָגן און זיך געזוכט תחבולות צו געפינען אַרבעט פון וועלכער ער זאָל זיך קאָנען שפייזן. ער האָט אָבער געזוכט און נישט געפונען און די נויט און אָרימקייט איז געוואָרן גרעסער און גרעסער. דעמעלסט האָבן אים זיינע חברים געעצהט צו פאָרן קיין צבועאל צום צדיק. וואָס ער האָט גערעדט מיטן צדיק און וואָס דער צדיק האָט אים געזאָגט, דאָס ווייסט קיינער נישט ביז היינט, נאָר ווען ער איז צוריקגעקומען פון צדיק האָבן אַלע געזען, אַז זיין פנים שיינט און מען דערקענט שוין גאָרנישט קיין שום טרויער אויף אים. אַלע חסידים פון שטאָט זענען זיך צונויפגעקומען הערן פון אים די וואונדער פון צדיק. זיי האָבן געמאַכט אַ סעודה און ער האָט דערציילט פון די גרויסע מופתים, וואָס ער אַליין האָט דאָרט געזען. צומאָרגנס האָבן אַלע געקוקט און זיך געוואונדערט, וואָרום אַחירע איז אַוועק צו זיין ברודער אין מדמנה׳

אַז יוסף האָט דערזען אַחירען, וואָס איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פון צבועאל, האָט ער זיך זייער געוואונדערט און האָט אים געפרעגט:

— וואָס פאַרלאַנגסטו?

אַחירע האָט פאַר אים אויסדערציילט דאָס גאַנצע האַרץ

זיינס, אַז ער איז שטאַרק אָרים און געפינט זיך אין גרויס נויט און אויב ער וועט אים נישט העלפן וועט ער מיט זיין הויזגעזונט שטאַרבן פון הונגער.

—דאָס איז אַ שטראָף פון גאָט!—האָט יוסף אויסגערופן—דערפאַר וואָס דו האָסט געפעלשט אין דיינע עלטערנס אמונה. אָבער פאַרוואָס האָסטו געוואַרט ביז אַהער? און פאַרוואָס האָט דיר דער צדיק נישט געהאָלפן? ער האָט דאָך ביי דיר גענומען אַ סך געלט ווען דו האָסט געהאַט? פאַרוואָס זשע האָט ער נישט באַפוילן דעם מלאך פון הצלחה ער זאָל דיר געבן פון זיינע אוצרות? און אַחוץ דעם מלאך, האָט ער אַליין דאָך געקאָנט דיר העלפן, וואָרום עס וואָלט דיר געווען איבערגעגוג ווען ער גיט דיר בלויז צוריק דאָס געלט, וואָס ער האָט ביי דיר גענומען.

—דער צדיק קאָן נאָר נעמען אָבער נישט געבן—האָט אַחירע געענטפערט מיט אַ שטיל דערשלאָגן קול—איצט זע איך ווי ווייט איך האָב געגרייזט, וואָס איך האָב געגלייבט אין אַזעלכע נאַרישקייטן. אָבער דו ביזט דאָך מיין ברודער און דאַרפסט מיר העלפן.

—מיטן גאַנצן האַרצן בין איך גרייט דיר צו העלפן אויב נאָר דו וועסט צוריקקערן צו דער אמונה פון דיינע עלטערן.

—איך וועל עס סיי ווי טאָן אַפילו, אַז דו וועסט מיר נישט העלפן. אָבער נישט מען זאָל וויסן דערפון. איך וועל זיך געפינען צווישן די חסידים ווי פריער, כדי איך זאָל מיט דער צייט קאָנען אויפדעקן זייערע זינד פאַרן פאָלק און ווייזן, וואָס זיי זענען.

דאָס האָט יוסף נישט באַרואיקט און ער האָט געענטפערט:

—געגוג חרפה און שאַנד פאַר מיר, וואָס ביז אַהער האָסטו פאַרלאָזט די אמונה פון דיינע עלטערן און מער וויל איך קיין חרפה נישט ליידן. דעריבער אויב דוווילסט, אַז איך זאָל דיך שטיצן, פאַרלאָז גלייך די חסידים.

אָבער אַחירע האָט ווייטער אָנגעהויבן באַווייזן, אַז ער איז גערעכט און ער האָט דערביי גוטע כוונות, וואָרום ער וויל

פֿאַר יעדערן באַווייזן ס'אַר אַ רשעים די חסידים זענען און עפֿענען אַלעמען די אויגן. און ער האָט אַזוי לאַנג גערעדט צו יוספֿן, ביז יענער איז באַשטאַנען און זיי האָבן געמאַכט שלום צווישן זיך.

אַ פֿריילעכער און אויפֿגעלייגטער האָט יוסף דערציילט זיין ווייב אסתּר, אַז ער האָט שלום געמאַכט מיטן ברודער און אַז ער נעמט אים אַריין צו זיך פֿאַר אַ פֿאַרוואַלטער און ער וועט שוין מער נישט הונגערן. אסתּר אָבער, אַז זי האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך גאָרנישט געפֿרייט, און כאָטש זי האָט אים נישט אָפּגערעדט פֿון שלום פֿונדעסטוועגן האָט זי אים געבעטן, ער זאָל זיין ברודער נישט אַריינגעמען אין שטוב, נאָר זאָל אים בעסער געבן געלט. דער מאַן האָט איר נישט געפֿאָלגט, וואָרום ער האָט געזאָגט: ער איז מיין ברודער און איך קאָן נישט צוקוקן זיינע צרות. און אין האַרצן האָט ער געטראַכט אַזוי אַרום אים אָפּצורייסן פֿון די חסידים. וואָרום, אַז ער וועט אים געבן געלט, וועט ער זיך ווידער מיט זיי האַלטן. פֿונדעסטוועגן האָט ער אויפֿן אַנדערן טאָג געפּרובט איינרעדן דעם ברודער, ער זאָל ביי אים נעמען געלט. ער אָבער האָט געענטפֿערט, אַז ער וויל נישט קיין אומזיסטע מתּנות, ער וויל פֿאַרדינען פֿון אַרבעט און האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז ער וועט אים דינען געטריי און מיט ליבשאַפֿט ווי אַן אייגענער ברודער. און פֿון דעם טאָג אָן זענען אַלע ביכער און געלטער איבער-געגעבן געוואָרן צו אַהירען אין האַנט. אסתּר האָט פֿון דע-מעלסט אָן נישט גערעדט מיט איר מאַן וועגן אַהירען, וואָרום זיין פֿאַרלאַנג איז ביי איר הייליק געווען, אָבער אין האַרצן האָט זי זיך שטאַרק געשראָקן פֿון זינט אַהירע איז צו זיי אָנ-געקומען. אַ גאַנצן טאָג איז זי אַרומגעגאַנגען אין איין שרעק און אויך ביינאַכט האָט זיך איר האַרץ נישט באַרואיקט, וואָרום שרעקלעכע חלומות האָט זי געזען, אָבער זי האָט זיך געהיטן דער מאַן זאָל עס נישט באַמערקן און האָבן עגמת נפֿש.

אָבער וואָס מער זי האָט זיך געשטאַרקט צו באַהאַלטן אירע ליידן, אַלץ מער האָבן די זאָרג איר געפּייניקט און דער

מענטש קאָן זיך באַהערשן נאָר בייטאָג, אָבער ביינאַכט אין שלאָף קאָן דער מענטש זיך נישט באַהערשן און איינמאָל ביי-נאַכט האָט זיך יוסף אויפגעכאַפּט דערהערנדיק אַ ביטער מורא-דיק געשריי:

—ראַטעווע! ראַטעווע! כאַפּט דעם רוצח!

אַ ציטערניש איז יוסף באַפאַלן הערנדיק ווי זיין ווייב שרייט אַזוי פון חלום, האָט ער זי גיך אויפגעוועקט און זי האָט זיך צעוויינט שוין וואַכעדיקערהייט.

—וואָס וויינסטו, מיין ליבע, נאָר אַ חלום האָסטו דאָך געזען אָבער ס'איז דאָך גאָרנישט?—האָט יוסף געפרעגט מיט זאָרג.

—געלויבט איז גאָט-האָט אסתר געענטפערט מיט אַ זיפץ—וואָס דאָס איז נאָר אַ חלום. אָבער אַ שרעקלעכער חלום איז עס געווען. וויי! זער אַ מוראדיקער.

—דערצייל מיר דעם חלום וועט דיר גרינגער ווערן.

לכתחילה האָט אסתר נישט געוואָלט דערציילן, נאָר נאָכ-דעם ווי ער האָט זי שטאַרק געבעטן, האָט זי דערציילט, אַז זי האָט געזען אין חלום ווי אַחירע באַפאַלט אים מיט אַ שווערד צו דערהרגענען.

פון אירע חלומות האָט ער געלאַכט און געשפּעט מיטן מויל, אבער אַ שרעקלעכער טרויער האָט אים דאָס האַרץ צו-זאַמענגעקוועטשט אליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס. פונדעסטוועגן האָט ער זיך געשטאַרקט און זי געטרייסט און געזאָגט זי זאָל זיך נישט צוהערן צו קיין חלומות, ווייל זיי זענען פוסטע זאַכן.

אַ טרויעריקער איז יוסף אויפגעשטאַנען אינדערפרי און אַרויסגעגאַנגען אין גאַס אַריין כדי צו פאַרגעסן אין דעם טרויער וואָס האָט אים דאָס האַרץ געדריקט. און אַז ער האָט זיך גע-האַט באַרואיקט, איז ער צוריק אַהיימגעקומען אויף מיטאָג

ע.

## יוספס אומגליק.

ביים עסן האָט ער נישט אַרויסגערעט קיין איין וואָרט, ער האָט אויך מורא געהאַט צו קוקן דעם ווייב אין פּנים אַריין, טאָמער וועט זי דערקענען אַז איר חלום האָט געבראַכט שרעק אין זיין האַרצן. אויך זי האָט גאָרנישט גערעט. אַזוי ווי זיי זיצן אַזוי ביים טיש און עס עפנט זיך די טיר און פּאָליציע איז אַריינגעקומען. אַ שרעקלעך געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון אסתּרס האַרץ און זי איז אַראָפּגעפאַלן פון שטול ווי אַ טויטע. יוסף איז שטאַרק צערודערט געוואָרן און האָט זיך געכאַפּט איר אויפהייבן און מונטערן. דער פּאָליציי־עלטסטער האָט געזאָגט צו איינעם פון די באַוואָפנטע:

—אַ קלאָרער באַווייז, אַז דער מסור האָט אמת געזאָגט: וואָרום וואָס דען האָט מען זיך אַזוי דערשראָקן.

און ער האָט זיך אויסגעדרייט צו יוספן און געזאָגט:

—מיר האָבן נישט קיין צייט, גיי אַהער צו מיר, וואָרום אין נאָמען פון געזעץ זענען מיר אַהער געקומען:

—אָבער דער הער זעט דאָך, אַז איך דאַרף מונטערן מיין געליבטע פרוי.

אויב זי איז דיר ליב, טאָ צו וואָס האָסטו געב ראָלט אויף איר אַן אומגליק? ווען זי ווייסט נישט אַז דו ביזט שטאַרק שולדיק, אַז דיך ערוואַרט די שווערד צוליב דיין גרויסן פאַר־ברעכן, וואָלט זי זיך דאָך אַזוי נישט דערשראָקן, איך בין דאָך נישט קיין מלאך המות נאָר אַ שליח פון געזעץ.

ווי אַ דערשלאָגענער איז יוסף געשטאַנען, די קניען האָבן אים גענומען ציטערן און אין די אויגן איז אים פינצטער גע־וואָרן. נאָך דערהערנדיק דעם באַפעל פון נאַטשאַלניק, ער זאָל גיין מיט אים, איז ער געקומען צו זיך און האָט זיך גענומען בעטן ער זאָל וואַרטן ביז ער וועט זיין פרוי דערמונטערן. אָבער דער נאַטשאַלניק האָט אויסגעשריגן מיט כעס: לאָז איר גלייך איבער אויף דער דינסט און אַליין גיי שוין מיט אונז.

–איך וועל נישט לאָזן שטאַרבן מיין פרוי!–האָט יוסף אויסגעשריגן ווי אַ משוגענער–נעמט מיר אַראָפּ דעם קאָפּ! צע־שניידט מיך אויף שטיקער!

און ער האָט זיך געוואָרפן ראַטעווען די פרוי. ביז זי האָט געעפנט די אויגן, געקוקט צעטומלט און זיך געפרעגט: וואו בין איך? וואָס איז מיט מיר געשען? אָט ביזטו דאָ מאַן מיינער?–האָט זי זיך אים געוואָרפן אויפן האַלז.

ביז דער עלטסטער פון די פּאָליציאַנטן האָט באַפוילן:

–יוסף, גיי אַהער!

ער האָט אָפּגעלאָזט זיין פרוי איז צוגעגאַנגען און גע־זאָגט:

–וואָס פאַרלאַנגט פון מיר דער הער?

–מען האָט אויף דיר געמסרט אַז דו האַנדלסט מיט פאַלשע אַסיגנאַציעס.

איך?–האָט יוסף אויסגערופן מיט אַ שרעקלעך קול–איך וועל אַזאַ זאַך טאָן? איך, וואָס בין אַזוי רייך און מיין רייכ־קייט ערלעך פאַרדינט, וועל אַזוינס טאָן? צוליב וואָס? זאָלן קומען אַלע, וואָס קענען מיך און זאָלן זיי זאָגן אויב איך בין נאָך אין מיין לעבן באַגאַנגען אַ פאַרברעכן, אויב איך האָב נאָך אַמאָל אין מיין לעבן נישט געהאַלטן מיין וואָרט אַפילו? ווי זשע

פאַלט אייך איין גאָר צו גלייבן אויף מיר גאָר אַזאַ זאַך?

—דער מענטש וואָס האָט אויף דיר געמסרט איז אויך איינער פון דיינע באַקאַנטע.—האָט דער עלטסטער געענטפערט מיט אַ שמייכל.

—איינער פון מיינע באַקאַנטע האָט מיך געמסרט? דער דאָזיקער מענטש איז אַן אויסוואורף! אַ געמיינער יונג! אדרבה קומט מיט מיר. איך וועל אייך עפענען מיין קאַסע און איר וועט אַליין זען.

—לאָמיר גיין.

אַז זיי זענען צוגעקומען צום געשעפט איז אחירע נישט געווען דאָרט, האָט יוסף צוגערופן דעם משרת און אים באַפוילן: לויף גיכער נאָך אחירען! גיכער, וואָרום ער האָט די שליסלען. דער עלטסטער האָט געקוקט מיט וואונדער צו איינעם פון די פאָליציאַנטן, און זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן ביז אחירע וועט קומען.

—וואו זענען די שליסלען?—האָט יוסף אויסגערופן דער־זעענדיק אחירען אויף דער שוועל—וואָס האָסטו אַזוי לאַנג גע־זוימט, מיר וואַרטן שוין דאָ אַ שעה אויף דיר?

—איך בין געווען אינדערהיים אויף מיטאָג, וואָס איז דען?

—צי די גאַנצע צייט זענען די שליסלען ביי אחירען?—האָט דער עלטסטער געפרעגט יוספן און זיך איינגעקוקט אין אחירעס פנים. אחירע האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן און גע־בליבן רואיק שטיין.

—וואָס איז דאָס וואונדער? ער איז דאָך מיין ברודער און איך האָב אים איבערגעגעבן מיין גאַנצע אַרבעט אַזוי, אַז איך פאַרלאַנג פון אים נישט קיין חשבון. שוין אַ צוויי וואָכן אַז מיין פוס איז דאָ נישט געווען.

—איז עס אמת?—האָט דער עלטסטער געפרעגט אחירען

—אמת.—האָט אחירע געענטפערט רואיק.

ער עלטסטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און גע־זאָגט:

—גיב אַהער די שליסלען

אַהירע האָט אים דערלאַנגט די שליסלען. דער עלטסטער האָט געעפנט די קאַסע, האָט אַרויסגענומען די אַסיגנאַציעס האָט זיי אַוועקגעשטעלט קעגן דער שיין און אויסגערופן מיט צאָרן:

—פאַלשע! פאַררעטער! איר פאַרברעכער! אָרימע מענטשן שטעלט איר בדלות און איר ווילט מאַכן אוצרות: זאָג פון וועמען האָסטו באַקומען די באַנקנאָטן?

יוסף איז צוגעגאַנגען צום עלטסטן און געזאָגט:

—איך גלייב נישט מיינע אייגענע אויערן, ווייז מיר איין אַסיגנאַציע און לאָמיך זען. איך ווייס אויך אונטערצושיידן צווישן אמתע און פאַלשע.

—איך פאַרשטיי אַז דו ווייסט, יעדער סוחר פאַרשטייט זיך אויף זיין סחורה.

—איך האָב נישט געהאַנדלט מיט קיין פאַלשע אַסיגנאַציעס—האָט יוסף געענטפערט מיט זיכערקייט און פעסטקייט. האָט גענומען איין אַסיגנאַציע, האָט זיך אין איר איינגעקוקט און אויסגערופן מיט ערשטוינונג:

—אמת אַ פאַלשע אַסיגנאַציע!—און די אַסיגנאַציע איז אים פון האַנט אַרויסגעפאַלן.

—אומזיסט איז דאָס פאַרשטעלן זיך, זאָג גלייך! וואו האָסטו זיי גענומען?

—פון וואַנען זאָל איך וויסן? צי קויף איך און פאַרקויף? דאָס אַלץ טוט דאָך מיין ברודער, ווען איך האָב איבערגעגעבן דעם גאַנצן מסחר. און ער... נאָר דאָ האָט ער אויפגעהערט רעדן, וואָרום ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מיט די ווערטער שיט ער הייסע קוילן אויפן ברודערס קאָפּ—און האָט אויסגעלאָזט: איך ווייס נישט גאָרנישט, איך ווייס נאָר, אַז איך בין ריין פון יעדער זינד ווייטער נישט.

—אַהירע!—האָט דער עלטסטער אויסגערופן—וואו האָסטו גענומען די אַסיגנאַציעס, לויט ווי דיין ברודער זאָגט פירסטו דאָך די געשעפטן, דאַרפסטו דאָך וויסן פון וואַנען זיי קומען צו דיר?

—אמת, אַז איך פיר די געשעפטן, נאָר די אַסיגנאַציעס האָב איך נישט באַקומען פון קיין סוחר.

—פון וואַנען זשע קומען זיי צו דיר?

—פון מיין ברודער.—האָט אַחירע געענטפערט שטאַמלענדיק.

—ווי איז מיר!—האָט זיך אַרויסגעריסן פון יוספס האַרץ און ער איז געפאַלן חלשות. די פּאָליציאַנטן האָבן אים אויפגעשטעלט און דער עלטסטער האָט ווייטער געפרעגט:

—און וואָס וועסטו ענטפערן אויף דעם?

—איך וועל גאָרנישט ענטפערן—האָט יוסף געענטפערט מיט אַ ביטערן זיפץ—גאָט האָט אויף מיר געשיקט אַן אומגליק פון מיין אייגענער שטוב, מיין ברודער, וואָס עסט מיין ברויט האָט אויף מיר אַן אומגליק געבראַכט. ווי געשריגן אסתר, אסתר, דיינע כשרע אויגן האָבן עס פאָראויסגעזען, און איך האָב דיך נישט געפאָלגט. מיט מיינע אייגענע הענט האָב איך אויף זיך דאָס אומגליק געבראַכט.

—קום מיט מיר—האָט באַפוילן דער עלטסטער נאָכדעם ווי ער האָט פאַרשלאָסן די קאַסע און זי פאַרחתמעט.

יוסף איז אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט און געפרעגט צי מען וועט אים ערלויבן צו גיין זיך געזעגענען מיטן ווייב איידער ער צעשיידט זיך מיט איר אויף אייביק, דער עלטסטער האָט אים אָבער אין דעם אָפּגעזאָגט און געענטפערט: דו האָסט גאָר איין וועג—אין תפיסה אַריין!

אַחירע האָט געוואָלט אַוועקגיין, נאָר דער עלטסטער האָט אַ געשריי געטאָן: שטיי! אויך דו גייסט איז תפיסה אַריין.

-איך? פאַר וואָס?

-איך ווייס נישט ווער פון אייך ביידע עס איז דער פאַרברעכער. מיין האַרץ זאָגט מיר אַז אויף דיר לייקט זיך דאָס פאַרברעכן מער ווי אויף דיין ברודער.

-איך בין דאָך נאָר זיין קנעכט און וואָס ער הייסט מיר, דאָס טו איך, פון וואַנען זאָל איך וויסן וואָס עס טוט זיך אין דער פינצטער. אַזוי ווי נאָר איך האָב זיך איצט דערוואוסט

פון דעם, אַז זיי זענען פֿאַלש בין איך דאָך באַלד געקומען און געמאָלדן.

—דאָס האָט ער מיר געמסרט!—האָט יוסף אויסגערופֿן מיט אַ ביטערער שטים ווי אַ לייב וואָס איז פֿאַרוואונדעט.ביידע ברודער האָט מען איינגעזעצט אין תּפֿיסה. נאָר פֿאַר אַחירען זענען געווען גוטע מליצים, דאָס זענען געווען די חסידים, זיי־נע חברים און צען פֿון זיי האָבן געשוואוירן, אַז ער איז אומ־שולדיק, און אַז נאָר יוסף איז שולדיק און נאָך דריי חדשים איז אַחירע אַרויס פֿון תּפֿיסה.

—און וואָס איז געוואָרן דער סוף פֿון יוספֿן?—האָב איך געפֿרעגט מיט געוויין.

—וואָס זשע וויינסטו?—האָט מיין חבר געפֿרעגט.

—דו פֿרעגסט נאָך פֿאַרוואָס איך וויין?—האָב איך אויס־גערופֿן מיט צאָרן און געקוקט אויף אים מיט ווילדע בייזע אויגן. וואָרום אין דער מינוט האָט ער מיר אויסגעזען ווי אַ מלאך המות, וואָס נעמט צו דאָס לעבן ביי אַ מענטשן און גיט זיך אַפֿילו נישט קיין קווענקל פֿון זיינע צרות—ווער וואָלט נישט געוויינט אויף אַזאַ אומגליק?

—דעם סוף זיינעם ווילסטו וויסן? אַזאַ סוף זאָלן האָבן אַלע רשעים! דער אומגליקלעכער איז געזעסן אַ זעקס חדשים און געוואַרט פֿון טאָג אויף טאָג אָפּצוקומען זיין שטראָף און אומקומען אויף דער תּליה פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק אין די אויגן. נאָר דער ברודער, דער אכזר, האָט פֿונדעסטוועגן אַ ביסל רחמנות געהאַט אויף אים, און געזוכט עצות ווי אַזוי אים צו באַפֿרייען. אים איז טאַקע געלונגען אָפּצוחורשן דעם נאַטשאַלניק פֿון טור־מע, ער זאָל אים לאָזן אַנטלויפֿן. אָבער דער אומגליקלעכער האָט נישט געוואָלט מער לעבן מיט די בייזע שלאַנגען אויף דער וועלט. ער האָט אויך מורא געהאַט, טאָמער האָט מען פֿאַר אים אָנגעגרייט אַ ניי אומגליק. אַז דער טורמע־עלטסטער האָט אים איבערגעגעבן, אַז ער איז גרייט אים צו עפֿענען ביינאַכט די תּפֿיסה, כּדי ער זאָל אַנטלויפֿן, האָט ער אַ סך גע־פֿאָרשט צו דערגיין, פֿאַר וואָס ער וויל דאָס אים טאָן, און אַז

ער האָט אים געענטפערט, אַז צוליב זיין ברודער טוט ער עס אים, האָט ער אויסגערופן מיט צאָרן: איך וויל נישט אַזאַ לעבן אויף דער בייזער שלעכטער וועלט. דער עלטסטער האָט זיך שטאַרק געוואונדערט און געזאָגט: אָבער נעם אין אַכט, אויב דו וועסט נישט אַנטלויפן וועט מען דיר קעפן פאַר אַלע־מען אין די אויגן, און אויך דיין ווייב און דאָס קינד, וואָס זי טראָגט וועלן צוליב דיר טראָגן אַן אייביקע שאַנד. אויב דו ווילסט עס נישט טאָן צוליב זיך, טו עס צוליב זיי.

—ניין ניין!—האָט ער אויסגערופן מיט צאָרן—איך וויל מער נישט אָנקוקן די ווילדע טיגערס, די בייזע שלאַנגען! נאָר אָט וואָס איך וועל טאָן צוליב מיין געליבט ווייב: איך אַליין וועל זיך אומברענגען אין דער שטיל קיינער זאָל נישט זען. און אויב דו ווילסט מיר טאָן אַ טובה טו מיר דעם לעצטן חסד: גיב מיר אַ פען מיט פאַפיר, וועל איך אָנשרייבן עטלעכע ווערטער צו מיין ווייב דערנאָך וועל איך אַ סוף מאַכן צו מיין לעבן.

דער עלטסטער האָט ערפילט דאָס, וואָס ער האָט אים געבעטן, האָט אים נאָך אַמאָל געפּרובט איבעררעדן ער זאָל בלייבן לעבן, אָבער זעענדיק, אַז ער וויל פון דעם נישט הערן האָט ער געזאָגט צו אים:

—הער אויס! מיטן גאַנצן האַרצן האָב איך געוואָלט ראַ־טעווען דיין לעבן, וואָרום איך ווייס זער גוט, אַז דו ביזט ריין פון זינד. אַ סך עלטסטע האַלטן אויך ווי איך. אָבער קיי־נער קען נישט באַווייזן דיין אומשולד, און איך האָב גענומען אַ סך געלט פון דיין ברודער כדי דיך צו ראַטעווען, דעריבער בין איך גרייט צו טאָן ווי דו וועסט מיך הייסן, וואָרום מיר איז אַלץ איינס, צי דו וועסט זיך ראַטעווען דאָס לעבן אָדער וועסט זיך אַליין אומברענגען. מיר וועט מען אָפּזאָגן פון מיין שטעלע, אָבער איך האָב גענומען געלט צו לעבן ביז איך וועל באַקומען אַ נייע שטעלע. דעריבער באַפעל—און איך בין דיין קנעכט.

דער אומגליקלעכער איז אים געפאַלן אויפן האַלז, האָט

אים אַרומגענומען און געזאָגט:

—איצט וועל איך שטאַרבן, וואָרום איך זע, אַז עס זע־נען נאָך פאַראַן אָרענטלעכע מענטשן אויף דער וועלט. דערי־בער וועל איך דיך בעטן איין זאַך: מאָרגן זאָלסטו דעם בריוו איבערגעבן מיין ווייב, און גיב מיר פרייע הענט איך זאָל קע־נען זיך אַ מעשה אָנטאָן. צום ערשטן האָט דער עלטסטער נישט געוואָלט הערן פון דעם, נאָר נאָכדעם ווי ער האָט אים שטאַרק געבעטן, און אים באַוויזן, אַז ער וועט טוען אַ גוטע זאַך דורך דעם, וואָס ער וועט אים העלפן זיך נעמען דאָס לעבן כדי עס זאָל נישט בלייבן נאָך אים קיין חרפה אויף זיין ווייב. דעמאָלט איז דער עלטסטער באַשטאַנען. ביינאַכט האָט ער געבראַכט כלים, האָט איבערגעשניטן די קראַטעס פון פענסטער און ער איז דורכן פענסטער אַרויסגעשפּרינגען גלייך אין גרויסן טייך אַריין, וואָס שווימט ביי דער תפיסה.

—גאָט מיין גאָט!—האָב איך אויסגערופן קעגן מיין ווילן. איך האָב זיך אָבער געשטאַרקט מיין חבר זאָל נישט באַמערקן דאָס געהנום־פייער וואָס ברענט אין מיר. ער האָט זיך אָן דעם אויך נישט אומגעקוקט אויף מיר, וואָרום ער איז געוואָרן זער טרויריק און ער איז געזעסן ווי פאַרחלומט און גערעט ווי צו זיך אַליין די גאַנצע צייט, אַז ער האָט אַ סך מאָל נישט דער־הערט מיינע פראַגן. אויך איצט האָט ער נישט געהערט מיין אויסגעשריי, נאָר האָט געקוקט מיט פינצטערע אויגן. אַזוי איז ער געזעסן אַ לאַנגע צייט און האָט מער נישט דערציילט, ווי ער וואָלט פאַרגעסן דאָס, וואָס ער האָט דערציילט ביז אַהער, אויך איך האָב אים נישט געאיילט ער זאָל ווייטער דערציילן, ווײַרום זער גרויס איז געווען מיין האַרצוויייטאָק און אַזוי זע־נען מיר געזעסן און געשוויגן.

## יח.

# דאָס איבערבלייבעכץ נאָך יוספֿן.

אַיך בין דער ערשטער געקומען צו זיך און האָב אים געפֿרעגט:

—וואָס ווייסטו נאָך וועגן זיין אומגליקלעכער משפּחה?

—אַ וואָסער משפּחה?—האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

—וואָס איז געוואָרן פון יוספֿס אומגליקלעך ווייב?

—איר סוף איז געווען דער סוף פון אַלע רעכטספּאַרטיקע. צומאָרגנס האָט איינער פון דער פּאָליציי געבראַכט זיין בריוו צום ווייב. זי האָט נאָר איבערגעלייענט צוויי דריי ווערטער, איז זי אַראָפּגעפאַלן פון שטול און געבליבן ווי אָן אַ נשמה. די שכנות האָבן געאַיילט איר צו ראַטעווען און זיי האָבן איר צוריקגעבראַכט די נשמה, אָבער נישט דאָס לעבן. פון דעמעלסט אָן איז זי אַרומגעגאַנגען ווי אַ טויטער צווישן לעבעדיקע. און אַ וואָכן זעקס נאָך איר מאַנס טויט האָט זי געווינען אַ זון און האָט אים אַ נאָמען געגעבן יוסף נאָך איר מאַן. זי האָט נאָך געלעבט פינף יאָר נאָכדעם און איז אויסגעגאַנגען פון פיין און

ליידן. אַזוי האָט איר אַ סך מאָל געפּרובט העלפֿן, אָבער זי האָט אָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך זײַנע מתּנות און געזאָגט: פֿון אַ וויסטן טייוול וויל איך קיין טובה נישט האָבן. איך האָב נאָך מײַן בּטחון אין גאָט נישט פֿאַרלוירן.

נאָכדעם ווי די אומגליקלעכע איז געשטאָרבן, האָט אַחירע גענומען צו זיך זײַן בּרודערס קינד און געוואָלט מיט אים גוטס טאָן, וואָרום זײַן געוויסן האָט אים געפּייניקט און אים רוען נישט געלאָזט, אָבער זײַן ווײַב די ארירה האָט אַלץ געזוכט מיטלען ווי אַזוי אים אַרויסצופּטרן פֿון איר שטוב און האָט אים שרעקלעך געפּייניקט. בּיז דאָס קינד איז מיד געוואָרן צו ליידן און האָט בּײַ זיך בּאַשלאָסן אַוועקצעוואָגלען צו איינעם אַן אַלטן, וואָס האָט מיט אים גוטס געטאָן און גענומען צו זיך אין שטוב, און ווערלבער האָט פֿאַרלאָזט די שטאָט לויטן בּאַפֿעל פֿון אַחירע און אַוועק קיין ארץ ישׂראל. דאָס קינד האָט געמיינט, אַז עס איז אַהין נישט ווײַט, ווײַל אַזוי האָט אים אײַנגערעדט אַ פֿרעמדער ייִנג, וואָס האָט זיך דעמעלסט געפֿינען אין עזובֿה. און דער ייִנג האָט אים איבערגערעדט צו גנבֿענען טײַערע זאַכן פֿון זײַן מומעס הויז, און צוזאַמען זענען זיי אַנטלאָפֿן פֿון שטאָט. אויפֿן וועג האָט דער ייִנג אַלץ צוגענומען פֿון דעם קינד, און אַ סך גלייבן אַז דאָס קינד האָט ער אין וואַלד דערהרגעט.

כּאָטש איך בּין געווען ווי דערשלאָגן הערנדיק דעם סוף פֿון מײַן פֿאָטער, און איך האָב געגלייבּט מײַן חבֿר געדענקענדיק די אַלע רייד פֿון מײַן פֿעטער און פֿון מײַן מוטער. פֿונדעסטוועגן האָב איך אין זיך געפֿאַלט הערנדיק, אַז אין עזובֿה האַלט מען מיך פֿאַר אַ געשטאָרבענעם און איך האָב געפֿרעגט:

—און וואָס האָט מען געטאָן דעם ייִנג דעם רוצח?

—אַפֿילו קיין האָר איז אים נישט געקרומט געוואָרן. וואַרט און איך וועל דיר אַלץ דערציילן: דער ייִנג איז צוריקגעקומען קיין עזובֿה און האָט זיך בּאַראַטן מיט זײַנע חבֿרה-לײַט.—געקומען איז ער אַהין מיט נאָך דרײַ ייִנגען—וואָס צו טאָן מיט די זאַכן. זיי אַלע האָבן אים געעצהט, ער זאָל אַוועק-

זיין צו אַחירען און אים אַלץ דערציילן, און דאַן וועט ער באַקומען פון דער בעל-הביתטע שיין באַלוינט, פאַר דעם, וואָס ער האָט איר געפטרט די נגע—אַזוי האָט זי גערופן דעם יתום. און אַזוי איז טאַקע געווען. אַחירעס ווייב האָט געפּליעסקעט מיט די הענט פון גרויס שמחה, האָט גערומט דעם ייִנג און האָט אים באַלוינט מיט געלט. זי האָט אים אויך צוגעזאָגט צו געפינען פאַר אים אַ מקום מנוחה. און זי האָט געהאַלטן וואָרט, זי האָט אים אויסגעקליידט פאַר איר געלט און האָט אים מיט-געגעבן אַ בריוו צום ראש ישיבה אין דער שטאָט שכולה. און ער האָט געוואוסט, אַז מיט געלט מאַכט מען אַלץ, דעריבער, ווען ער האָט דעם ראש ישיבה איבערגעגעבן דעם בריוו, האָט ער אים אויך געלט געגעבן און אַזוי איז ער געוואָרן אַ חשוב. האָט ער אים אָנגעטאָן כבוד און אים אַריינגעבראַכט צו אבינדבן אין הויז. דער ייִנג—דאָס איז מנשה.

—דאָס איז מנשה?—האָב איך אויסגערופן מיט וואונדער—איצט גלייב איך אַז ער האָט אָנגעטאָן גרויסע צרות אין אבינדבס הויז.

—פאַרוואָס גלייבסטו עפּעס איצט מער פון פריער?—האָט מיין חבר געפרעגט מיט וואונדער.

—וואָרום אַזאַ איינער וואָס קאָן אַזוי אָפּטאָן אַ קליין ייִנגל, איז שוין פעאיק צו טאָן אַלדעסבייז.

—וועגן דעם וואָס ער האָט אָפּגעטאָן מיט דעם ייִנגל, האָסטו דאָך אויך געהערט פון מיר. פאַרוואָס זשע גלייבסטו דאָס מער פון אַלעם איבריקן?

איך בין אַ ביסל צעטומלט געוואָרן. נאָר באַלד בין איך צו זיך געקומען און געענטפערט:

—אַ ביסל פון דעם וואָס דו האָסט דערציילט פון עזובה, האָב איך שוין געהאַט געהערט אין אַשדות.

—אַ וואונדער פון וואַנען ווייסט מען אין אַשדות פון אַזעלכע פאַרבאָרגענע זאַכן?

—און פון וואַנען ווייסטו עס?

—איך האָב עס געהערט פון אַ באַגלייבטן מענטש. טאַקע

פון אַלטן מלמד משה, וואָס איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל לויטן באַפעל פון אַחירע. וואָרום דער משה מלמד, איז דערי-אַמאל געווען יוסףס מלמד און ער האָט אַלץ געוואוסט, דערבער האָט אים אַחירע נישט געקאָנט איבערטראָגן. ער האָט אים אָבער גאָרנישט געקאָנט טאָן, דעריבער האָט ער זיך צו אים צוגעלאָזט און האָט אים אָנגערעדט ער זאָל פאַרלאָזן די שטאָט. דער אַלטער איז אויף דעם באַשטאַנען און פאָרנדיק קיין ארץ ישראל, איז ער דורכגעפארן דורך מיין געבורטסשטעטל און איז אָפּגעטרעטן צו אונז, וואָרום אויך מיין פאָטער האָט ביי אים אַלס ייִנגל געלערנט און ער האט מיין פאטער דאָס אַלץ דערציילט. ניין יאר זענען שוין אַריבער זינט איך האָב דאָס געהערט און איך געדענק נאָך יעדעס ווארט און דעם בריוו, וואס ער האָט איבערגעלאָזט ביי מיין טאַטן, היט איך איצט ביי מיר, ווי אַ הייליקע זאַך טראָג איך אים אויפן האַרצן און היט אים. ווייל ער איז מיר אַ באַווייז אַז פאַלשקייט און ערליגן הערשן מיט געהויבענע קעפּ און גערעכטיקייט און ערלעכקייט ליגט און דער ערד. דער בריוו, וואָס איז אַ געשריי פון האַרצן, וועט מיך מוטיקן איך זאָל נעמען נקמה. אוי, וועל איך זיך נוקם זיין!

זיין פנים האָט געפלאַמט, זיינע אויגן האבן געשיט מיט פונקען, ווי די אויגן פון אַ רוצח ווען ער הייבט אויף די שווערד יענעם צו שחטן.

דערנאָך האָב איך אים געפרעגט:

—ווער האָט עס געשריבן דעם בריוו.

—געשריבן האט אים דער אומגליקלעכער יוסף עטלעכע מינוט פאַרן טויט. דעם בריוו האט ער געשריבן צו זיין ווייב. זי האָט אים איבערגעגעבן איר זון ווען זי איז געשטאָרבן. דאָס קינד האט אָבער נישט פאַרשטאַנען דעם ווערט פון דעם בריוו און האט אים איבערגעגעבן דעם אַלטן משהן און מיין פאָטער האט אים ביי אים צוגענומען.

ווען ער האָט דאָס דערציילט, האָב איך מיך דערמאַנט, אַז מיין מאַמע האָט מיר געגעבן אַ בריוו און איך האָב אים

נישט אָפּגעהיט און עס האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ גרויסער חשק צו באַקומען דעם בריוו. איך האָב אָבער נישט געוואוסט ווי אַזוי אים צו באַקומען, וואָרום איך האָב מורא געהאַט צו דערציילן מיין חבר דעם אמת, טאָמער וועט מען זיך דערוויסן, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן דעם בעל-שם. דעריבער האָב איך געזאָגט צו אים:

—לייען מיר איבער דעם בריוו.

ער האָט אַרויסגענומען דעם בריוו און אים געלייענט:

דער בריוו איז געווען געשריבן פון אַ פֿאַרביטערט האַרץ. ער האָט אין אים געקלאָגט און מיט ביטערע טרערן געשריבן צו זיין ווייב זי זאָל למען השם זיך אָפּקערן פון דעם אויס-וואורף, דעם מערדער אַחירע און גאָרנישט נעמען פון אים און זאָל דעם בריוו איבערלאָזן פֿאַר דער איינציקער ירושה דעם קינד וואָס זי וועט געבוירן. און צום סוף האָט ער דאָרט געשריבן:

—„אפשר ווייסטו נישט ווי אַרום דאָס אומגליק איז אויף אונז געקומען, וועל איך דיר דערציילן, דער רשע (אַחירע) האָט געטאָן די עצה פון פינצטערן טייוול: דער צדיק פון צבועאל, פֿאַרשאָלטן זאָל ווערן זיין נאָמען אויפֿן הימל און אויף דער ערד, האָט געפינען אַ געלעגנהייט אויסצופירן דאָס, וואָס ער האט שוין לאַנג געזוכט אויסצופירן: צו פֿאַרשפּרייטן אַ נעץ פֿאַר מיינע פיס ווייל איך האָב נישט געוואָלט הערן זיינע תורות און זיין פון זיין באַנדע, און ער האָט עס געהעצט דעם אויסוואורף מיין ברודער, ער זאָל זיך אַריינכאַפּן צו מיר אין הויז און איבערבייטן מיינע אַסיגנאַציעס אויף פֿאַלשע—דאָס האָב איך זיך דערוואוסט דאָ אין תפיסה. דער רשע אָבער (אַחירע) האָט געוויסנסביסן, דעריבער האָט ער זיך געזוכט אַן עצה מיך צו ראַטעווען. פון מיין געלט, וואָס ער האָט געגזלט האָט ער געגעבן שוחד דעם שומר פון תפיסה ער זאָל מיך אַרויסלאָזן פון טורמע. אָבער איך וויל בעסער דעם טויט איי-דער נאָך לעבן צווישן אַזעלכע ווילדע חיות... כ׳וועל מאַכן אַ סוף צו מיין לעבן, און כ׳וועל עס טון אַז קיינער זאָל עס נישט זעען כדי דו זאָלסט קיין חרפות נישט ליידן. אָבער געדענק, אַז איך בין ריין פון יעדער זינד, אומשולדיק בין איך, אפֿשר..."

## יט.

### זיך געגעבן צו דערקענען.

איך האָב ביטער געוויינט, כ׳האָב געוויינט אָן אויפהערהערנדיק לייענען דעם בריוו. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האב געוויינט און געזיפצט פון טיפסטן האַרצן. אויך נאָכדעם, ווי ער האָט אויפגעהערט לייענען, בין איך נאָך אַלץ געשטאַנען אויף מיין אָרט און געוויינט. מיין חבר האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף מיר: וואָרום אויך ער איז געווען פאַרזונקען אין טרויעריקע מחשבות ווי זיין שטייגער איז געווען. פלוצלינג איז מיר איינגעפאַלן: דער בריוו איז דאָך מיינער, אַ ירושה פון מיינע עלטערן און פאַרוואָס איז ער אריינגעפאַלן צו אַ פרעמדן אין האַנט? איך וועל אים צונעמען און זאָל זיין, וואָס עס וויל זיין!

—ווייז מיר נאָר דעם בריוו—האָב איך געזאָגט צו אים—איך וויל אים זעען.

—נאַ, קוק—האָט ער מיר געענטפערט האַלטנדיק דעם בריוו אין זיין האַנט.

—די טרערן האָבן מיר די אויגן פארגאָסן און איך זע

נישט. גיב מיר דעם בריוו אין האַנט אַריין וועל איך אים נאָך אַמאָל איבערלייענען.

ער האָט מיר געגעבן דעם בריוו: וואָרום ער האָט מיך אין גאָרנישט חושד געווען און איך האָב אים גענומען, האָב אים געקושט און אַריינגעלייגט אין בוזעם.

—וואָס האָסטו אים אַריינגעלייגט אין בוזעם?—האָט מיין חבר געפרעגט מיט וואונדער.

—וואָס דאַרפסטו אים? איך וועל דיר פאַר אים געבן פינף גאָלדשטיקלעך.

—אפילו פאַר טויזנט וועל איך אים דיר נישט געבן.

—ער איז דאָך ביי מיר, און וואָס וועסטו מיר טאָן, אַז איך וועל אים דיר נישט צוריקגעבן?

—וועל איך אים מיט געוואַלד צוריקנעמען. אָבער גענוג געשפּאַסט, גיב מיר צוריק דעם בריוו.

—איך וועל דיר נישט צוריקגעבן.

—וואָס הער איך?!—האָט ער אויסגערופן איבערראַשט—צי האָסטו ביז אַהער געהאַט צו טאָן מיט רוצחים און האָסט זיך אויסגעלערנט זייערע מעשים, וואָס דו ווילסט אין מיטן העלן טאָג ביי מיר צוגזלן דאָס, וואָס איז מיין?

—דער בריוו קער נישט צו דיר, נאָר צום יתום יוסף.

—ווילסטו אים ירשענען? ער איז דאָך ביי מיר, איז ער מיין!

—ניין, ער איז ביי מיר, און ער איז מיין.

—איך בעט דיך, גיב מיר אָפּ דעם בריוו, וואָרום צו וואָס זאָלסטו פון מיר מאַכן דיין שונא?

—איך האָב איינמאָל געזאָגט און וועל מיין וואָרט נישט ענדערן, דער בריוו וועט ביי מיר בלייבן אויף אייביק.

—גיב מיר דעם בריוו!—האָט ער אויסגעשריגן און מיך אָנגעכאַפּט פאַר די הענט. אָבער איך האָב געמאַכט אַ געוואַלד: ראַטעוועט! אַ רוצח! אַ רוצח!

דערהערנדיק דאָס געשריי איז מיין חבר גאָר שטאַרק אַריין אין צאָרן. האָט מיך געכאַפּט פאַרן קאַרק און האָט מיך

אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד, האָט איין פוס אַוועקגעשטעלט אויף מיין רעכטער האַנט און דעם צווייטן—אויף מיין פוס און געזאָגט: נעם גיך אַרויס מיט דער אַנדערער האַנט דעם בריוו, איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן, ביז דו וועסט אים מיר נישט אָפּגעבן!

—אוי רוצח!—האָב איך געשריגן מיטן גאַנצן כח—דער-הרגענען ווילסטו מיך? ווי, איך האָב קיין כח נישט, די נשמה גייט מיר אויס.

—איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן, ביז דו וועסט אָפּגעבן דעם בריוו.

—איך וועל נישט צוריקגעבן, איך זאָל אַפילו געהרגעט ווערן.

—און איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן, אַז דו וועסט אפילו שטאַרבן אונטער מיינע הענט!

אַ ציטערניש איז מיך באַפאַלן הערנדיק ווי ער רעדט שטיל און געלאַסן, די האָר האָבן זיך מיר געשטעלט קאַפּויר, אין די אויגן איז מיר פינצטער געוואָרן, ווי אַ מלאך המות האָט ער מיר אויסגעזען און איך האָב שוין געטראַכט צוריקצו-געבן דעם בריוו, וואָרום איך האָב אין דער רגע נישט גע-וואָלט שטאַרבן. אָבער ווי פאַרוואונדערט בין איך געוואָרן זע-ענדיק, אַז ער האָט זיך פלוצלינג אויפגעהויבן פון דער ערד און קוקט אין אַלע זייטן ווי אַ משוגענער. איך בין אויפגע-שטאַנען אויף גיך און זיך געלאָזט אַנטלויפן. איך בין נאָך נישט ווייט אָפּגעלאָפן און זיך אומגעקוקט און—צו מיין גרויס וואונ-דער, ער שטייט דאָרט און רירט זיך נישט פון אָרט, נאָר טו-פּעט מיט די פיס, ברעכט די הענט און רייסט זיך די האָר פון קאָפּ. איך האָב אויף אים רחמנות געקריגן און זיך גע-טראַכט: איך וועל גיין און אים אָפּגעבן דעם בריוו. איך בין צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט:

—זיי מיר מוחל. איך האָב נישט געוואוסט אַז דער בריוו איז ביי דיר אַזוי טייער. און כאָטש איך ווייס נישט פאַרוואָס ער איז דיר אַזוי טייער, פונדעסטוועגן וועל איך אים דיר צוריקגעבן.

—אַ גרויסן דאַנק דיר—האָט ער געענטפערט מיט אַ זיפץ—זאָל ער זיין דיינער.

—וואָס איך הער! פאַר אַ פּאָר מינוט האָסטו מיך געוואָלט הרגענען כדי אָפּצונעמען דעם בריוו און איצט אַז איך וויל אים דיר אָפּגעבן זאָגסטו זיך אָפּ פון אים? איך פאַרשטיי דיך נישט.

—דער בריוו איז שוין נישט מיין. דו האָסט אים געקויפט מיט דיין לעבן, וואָס דו האָסט איינגעשטעלט, און כאָטש איך ווייס נישט די סבה, וואָס האָט דיך געבראַכט צו דעם, וואָס דו ווילסט דווקא דעם בריוו, פונדעסטוועגן פאַרשטיי איך, אַז נישט אומזיסט האָסטו זיך גענומען מלחמה האַלטן און איך בין בלינד געווען און דאָס באַלד נישט געזען, אַז אַ הייסע ליבע בינדט דיך צו צום בריוו און אויפגעהויבן מיין האַנט אויף דיר.

און ער האָט זיך צעוויינט.

—וואָס זשע וויינסטו?

—ווי זאָל איך נישט וויינען געדענקענדיק, אַז נאָך אַ ווייַלע וואָלט איך געווען אַ רוצח?! איך, וואָס שריי שטענדיק און קלאָג אויף די שלעכטע מעשים פון מענטשן, איך האָב אויפגעהויבן מיין האַנט צו הרגענען אַ מענטשן, און פאַר וואָס? ווייל ער האָט צוגענומען אַ בריוו!

—כ'בעט דיך, טשעפּע זיך נישט צו קיין זינד...—האָב איך אויסגערופן מיט געפיל—נישט דו ביזט באַגאַנגען אַ זינד נאָר איך: וואָרום איך האָב געוואָלט צונעמען דאָס וואָס איז נישט מיין... אָבער וויסן זאָלסטו, אַז דער בריוו איז מיינער, וואָרום איך בין יוסף!—האָב איך פּלוצלינג אויסגעשריגן מיט אַ געוויין, וואָרום מיינע געפילן האָבן אויסגעבראָכן און איך האָב זיי נישט געקאָנט איינהאַלטן—איך בין דער יתום יוסף, דער זון פון אומגעקומענעם יוסף. און ווי טייער ביזטו מיר זעענדיק דיין ליבשאַפט צו מיינע פאָטער און מוטער! ברודער וועל איך דיך רופן און דיין ברודער וועל איך זיין!

אַ פּאָר רגעס איז ער געשטאַנען ווי צעמישט, וואָרום ער האָט זיינע אויערן נישט געגלייבט, דערנאָך איז ער מיר גע-

פאַלן אויפן האַלז, האָט מיך געקושט און געהאַלזט און מײַנע באַקן זענען נאַס געוואָרן פון זײַנע טרערן, וואָס האָבן אויסגעבראָכן ווי אַ שטראָם וואַסער און ער האָט אויסגערופן:

—ברודער מײַנער! טײַערער ליבער ברודער! ברודער פון אומגליק! און ביזט טאַקע אין דער אמת מײַן ברודער, פון מײַן בלוט און פלייש: וואָרום מײַן מוטער איז געווען דײַן מוטערס שוועסטער, בײדע טעכטער פון איין טאַטע מאַמע, בײדע צוזאַמען האָבן זיך געהאָדעוועט אין פרייד און מיט גוטע האָפנונגען און בײדע האָבן געטרונקען פון ביטערן בעכער און זענען געשטאָרבן אין צרות און אין פײַן. ברודער, ברודער מײַנער! ס'איז פאַר מיר געגנוג אויב ס'איז פאַראַן עמיצער נאָך אויף דער וועלט, וואָס האַלט מיך פאַר אַ ברודער.

—מיט דעם גאַנצן האַרצן וועל איך דיר אַ ברודער זײַן!

—און איך וועל דיך אָפּהיטן ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. כ'וועל דיך כסדר באַשיצן פון בייז, כ'וועל דיך קיין איין מינוט נישט פאַרלאָזן... אָבער וואָס רעד איך!—האָט ער פּלוצלינג אויסגערופן—צי בין איך דען ביי מיר אין רשות?... פונדעסטוועגן וועל איך דיך נישט פאַרלאָזן!

איך האָב זיך שטאַרק צוגעהערט צו זײַנע רייד און זיך זער גיעפרייט מיט אים. זײַן פרייד איז געווען גאָר אָן אַ גרענעץ: איין ווײַלע האָט ער מיך געהאַלזט און געקושט, און באַלד האָט ער זיך אָפּגעקערט און זיך אײַנגעקוקט אין מיר, און דערנאָך, אַז ער האָט זיך באַרואיקט האָט ער געזאָגט: איצט דערצייל מיר, וואָס מיט דיר האָט פּאַסירט ביז איצט. איך האָב אים אַלץ דערציילט, און אַז איך האָב אים דערציילט, ווי איך האָב געהערט ווי מײַן פעטער האָט געזאָגט צו דער מומען „אמת, פון אים האָב איך דאָס גאַנצע פאַרמעגן, אָבער פון אים האָב איך צרות פײַן און לײַדן"—האָט ער אויסגערופן מיט פרייד:

—אָך! די זינדיקע טוט נאָכיאָגן דאָס שלעכטס זייערס, דאָס געוויסן פּייניקט אים אכזריותדיק! אין זיי ברענט דאָס שרעקלעכע פײַער פון זייער זינד. ווער ווייסט צי אויך אין

הארץ פון אלזור מנשה ברענט נישט אַ העליש גיהנום-פייער? אָבער וואָס האָבן פון דעם די אומגליקלעכע, וואָס קומען אום דורך אים טאָג טעגלעך?!

איך האָב שוין געהאַט פאַרגעסן, זייט ער האָט אָנגעהויבן דערציילן פון מיין פאָטער, מנשהן און אבינדבס הויזגעזינט, אָבער איצט האָט ער מיך אין זיי דערמאַנט און מיר האָט זיך געוואָלט וויסן זייער סוף. האָב איך אים געבעטן ער זאָל מיר ווייטער דערציילן. ער אָבער האָט מיר געענטפערט, אַז ער האָט איצט נישט קיין כח צו רעדן און ס'איז שוין אויך שפעט איצט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און האָט מיר צוגעזאָגט צו דערציילן דעם סוף אַן אַנדערש מאָל, און מיר זענען צוריקגעגאַנגען אין שטאָט אַריין.

## כ.

# דער רודף און דער נרדף.

דאָס הויז וואָס האָט געלעבט רואיק און גליקלעך—האָט מיין
חבר, אָדער ברודער ווי איך האָב אים גערופן, אָנגעהויבן
דערציילן נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך געלייגט אין בית המדרש
אָפּרוען—דאָס הויז, וואָס איז געווען אַ הילף און אַ שטיצע צו
אומגליקלעכע, איז געוואָרן אַ הויז פון פּיין און לייד. אַוועק
איז פון דאָרט דער פרידן און דאָס גליק און די מענטשן
דאָרט זענען איינער דעם אַנדערן פרעמד געוואָרן. דער פּאָטער
האָט געטרויערט אויף זיין זון וואָס האָט אים פאַרראַטן און
אים געהאַלטן פאַר אַ שונא, די שוועסטער האָט געגאָסן בעכ-
טרערן אויף דער בראָך פון איר פאָטער און אויף דער ערע
וואָס האָט זיך פון דער שטוב אָפּגעטאָן צוליב דער זינד פון
איר ברודער. און דער ברודער האָט פיינט געהאַט די שוועס-
טער, וואָס האָט פון אים צוגענומען דעם פאָטערס האַרץ—ווי
מנשה האָט אים אַיינגערעדט—אָבער די יוגנט קאָן לייכטער אי-
בערטראָגן פּיין און יסורים, נאָר צו דער בראָך פון אומגליק-
לעכן פאָטער איז גאָר קיין גרענעץ נישט געווען: דער שרעק-

לעכער מוראדיקער געדאַנק, אַז זיין זון וועט זיך שמדן, האָט אים אויף איין מינוט נישט אָפּגעלאָזט און אים געפּייניקט. ביי־נאַכט האָט ער געהאַט שווערע חלומות, אין וועלכע ער האָט געהערט קלינגען די גלאָקן און געהערט אויסרופן אַז „היינט שמדט זיך אַ ייד", אַז זיין זון פאַרלאָזט זיין אמונה. די אמונה וואָס איז אויסגעקריצט דורך טרערן און בלוט אויפן האַרצן פון יעדן ייד. די אמונה וואָס איז געבויט אויף גערעכטיקייט און יושר: אויף דער ריינער ליבע פון איין מענטש צום צווייטן, די אמונה פאַרלאָזט ער. ס'האָט זיך אים אויך געחלומט, אַז ער שטאַרבט, מען באַגראָבט אים און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל נאָך אים קדיש זאָגן. זיין זון איז גאָר צו דער לויה נישט געקומען, וואָרום ער האָט זיך געשמדט. און אָט חלומט אים זיין זון וואָס טראָגט אַ צלם און לאַכט פון אַלטן טאַטן.

אַזוי האָט דער אַלטער געליטן, אָבער אַבשלום האָט פון פאָטערס צרות נישט געוואוסט, ווייל ער האָט אים אויסגעמיטן נישט צו זען אים. די צאַרטע איידעלע שולמית האָט שטאַרק געוויינט אויף דעם טאַטנס אומגליק, זי האָט אים אָבער נישט געקאָנט העלפן, וואָרום פון זינט זי האָט גערעדט שלעכטס אויף מנשהן האָט איר דער פאָטער גאָרנישט געהערט.

אַזוי זענען פאַרביי עטלעכע טרויעריקע, אומגליקלעכע חדשים, אָבער די אַלע צרות זענען גאָרנישט קעגן די וואָס האָבן זיך געגרייט צו קומען אויף דער שטוב. אין איין נאַכט איז געקומען אַזאַ איבערקערעניש, וואָס האָט זיי אַלע אומגע־בראַכט.

ס'איז געווען די ערשטע נאַכט פּסח. דער אַלטער מיט מנשהן זענען צוריקגעקומען פון שול, האָבן זיך געזעצט אויף דער הסבה־בעט וואָס איז געווען פאַר זיי אָנגעגרייט. דער אַל־טער האָט זיך געשטאַרקט צו פאַרבאָרגן זיין טרויער און גע־וואַרט אויפן אָנקומען פון אַבשלומען, וואָס איז אין שול ביים דאַווענען נישט געווען. מנשה האָט דערציילט פון גאָטס וואונ־דער, וואָס ער האָט באַוויזן אין מצרים און דער אַלטער האָט זיך איינגעהערט.

מנשה האָט דערציילט פון דעם ווי יידן זענען געווען פאַרשקלאַפט אין מצרים און גאָט האָט זיי אויסגעלייזט. האָט אויך גערעדט פון דעם ווי. גאָט וועט ווידער אויסלייזן די יידן פון שווערן ביטערן גלות.

—אָבער שוין צוויי טויזנט יאָר זענען פאַרביי זינט די יידן זענען פון זייער לאַנד פאַרטריבן געוואָרן, און מען זעט נישט און מען הערט נישט זיי זאָלן אויסגעלייזט ווערן!—האָט דער אַלטער געפרעגט.

—דאָס איז צוליב אונזער זינד—האָט מנשה געענטפערט מיט אַ זיפץ.

—אין מצרים זענען מיר נאָר געווען אין גלות פירהונדערט יאָר, און איצט זענען מיר שוין אַזוי לאַנג אין גלות?

—ווייל אונזערע זינד זענען גרויס.

—און איך מיין—האָט זיך אָנגערופן שולמית, וואָס איז געזעסן צו דער רעכטער זייט פון אַלטן—אַז פון מצרים זענען די יידן אַרויס פריי, ווייל אַלע ווי איינער זענען זיי אויפגעשטאַנען זיך צו העלפן, איצט אָבער טוען מיר גאָרנישט נאָר מיר וויינען און בעטן, און גאָט אַליין וועט אויך נישט אויסלייזן דעם, וואָס טוט אַליין גאָרנישט כדי זיך צו העלפן.

דער אַלטער האָט זי אַרומגענומען, זי געקושט אויפן שטערן און געזאָגט:

—ביזט זער קלוג טאָכטער מיינע. ווער ווייסט, ווען אַלע יידן וואָלטן אַזוי געטראַכט, צי מיר וואָלטן שוין לאַנג נישט געווען אויסגעלייזט פון גלות.

אַזוי ווי זיי רעדן עפּנט זיך די טיר און אַבשלום איז אַריינגעקומען מיט אַ שרעקלעך צעטומלט פנים און זער אַ טרויריקער, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער ערד, געבליבן שטיין ביי דער טיר און געשוויגן.

אַז דער אַלטער האָט דערזעען זיין זון, איז זיין פנים געוואָרן פּלוצלינג בלייך, ווי דער טויט, און באַלד רויט ווי בלוט פון די געפילן, וואָס האָבן זיך אויפגעוועקט אין אים און זיך צעשטורעמט ווי כוואַליעס אויפן ים: ליבע, צאַרן, פרייד און

נאָך אַזעלכע געפילן. איין ווײַלע האָט ער זיך דערמאַנט אָן די צרות, וואָס דער זון האָט אויף אים געבראַכט, באַלד אָבער איז געקומען די ליבע און פאַרדעקט די זינד פון זיין טייערן זון. איז געוואָרן אַ מלחמה צווישן די געפילן... און אַ האָפנונג איז געקומען. קוקנדיק אויפן זון וואָס שטייט מיט אַ געזונקענעם קאָפּ האָט דער אַלטער געטראַכט: ער האָט זיך שוין באַדענקט אויף זיין שלעכטן וועג. דער געדאַנק האָט דעם אַלטן געשטאַרקט און ער איז געזעסן און געוואַרט ביז אַבשלום וועט צו אים צוגיין אים איבערבעטן.

שולמית אָבער איז באַלד אויפגעשפרונגען, איז געפאַלן דעם ברודער אויפן האַלז און אויסגערופן אויפן קול:

—ברודער טייערער! ביזט צו אונז צוריקגעקומען!...

און איר קול האָט זיך געגומען שטיקן פון די טרערן וואָס האָבן געשטראָמט איבער אירע שיינע באַקן. און אַבשלום איז געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט, האָט זיך נישט גערירט און קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט.

דער אַלטער האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט איינהאַלטן, איז ער אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט, איז צו זיי צוגעגאַנגען, האָט אויסגעשפרייט זיינע הענט איבער זייערע קעפּ און זיי געבענטשט.

—ברודער מיינער!—האָט דאָס מיידל אויסגעשריגן—בעט אַנטשולדיקונג ביי אונזער פאָטער, וואָרום גרויס צער האָסטו אים פאַרשאַפט.

—טאָכטער מיינע!—האָט דער אַלטער געענטפערט מיט געבעט, אַרומנעמענדיק זי און קושנדיק זי אין שטערן—דערמאַן נישט דאָס, וואָס איז שוין געווען, גענוג גליק פאַר מיר, אַז מיין זון איז צו מיר צוריקגעקומען מיט אַ ריין האַרץ, ווי עס זאָגט עדות זיין פּנים. איצט בין איך גליקלעך.

—פאָטער, פאָטער מיינער!—האָט אַבשלום אויסגערופן און געפאַלן אויף די קני פאַרן אַלטן, אָבער דער אַלטער האָט אים נישט געלאָזט רעדן און געזאָגט: שטיי אויף! וואָס שטייסטו אויף די קני! אַזוי טוט נישט קיין יידיש קינד וואָס האַלט... פּלוצ-

לינג האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן פון ריידן און האָט אינגאַנצן אַ ציטער געטאָן.

—כ׳ווייס טאַטע, כ׳ווייס—האָט אבשלום אויסגערופן מיט אַ פאַרביטערט קול—אַז אַזוי טוט נישט אַ יידיש קינד וואָס האַלט זיך ביי דער אמונה פון זיינע עלטערן. כ׳ווייס טאַטע, אַז גרויס זענען מיינע זינד, כ׳האָב געזינדיקט צום גאָט פון מיינע עלטערן און צו דיר מיין טייערער פאָטער! איך וויל אָבער בעסער ווערן און זיך רייניקן פון די זינד און ביי גאָט שווער איך, אַז מער וועל איך עס נישט טאָן. ווי, גרויס זע-נען מיינע זינד, אָבער גאָט איז מיין עדות אַז איך האָב נישט אָפּגעטרעטן פון גוטן וועג, נאָר ווייל די יוגנט-לייכטזיניקייט האָט מיך בלינד געמאַכט. ווי אַן עלנט שעפעלע האָב איך געבלאָנזשעט נאָך אַ לערער, וואָס האָט מיך אין בלענד גע-טריבן... כ׳האָב אָבער מורא איער פרייד זאָל נישט פאַרשטערט ווערן הערנדיק פון מיר אַ ביטערע זאַך. ווי, ווי! איר וועט נאָך הערן פון מיר אַ שרעקלעכע זאַך. אָבער איצט, לאָמיר דינען גאָט, ווען איך האָב שוין שיעור געהאַט פאַרגעסן.

—און גאָט וועט דיר דיינע זינד מוחל זיין—האָט דער אַלטער געענטפערט מיט גרויס געפיל.

—ווער ווייסט?—האָט אַבשלום געענטפערט מיט אַ זיפץ און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער ערד.

זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש. שולמית האָט באַמערקט, אַז ווען אַבשלום האָט גערעדט מיטן פאָטער און חרטה געהאַט אויף זיינע זינד—איז עס פאַר מנשהן געווען ווי מען וואָלט אין אים געשאָסן מיט פיילן. זיין פנים איז פאַרענדערט געוואָרן אַלע רגע און די אויגן האָבן געפינטלט און געלאָפן הין און צוריק. נאָר ביסלעכווייז האָט ער זיך באַרואוקט, און אַז אַבשלום איז צוגעקומען צום טיש, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און גע-זאָגט:

—וואָס מאַכסטו חבר מיינער? פון דיינע הייסע געפילן צום פאָטער האָסטו אַ ווילע פאַרגעסן דיין חבר, אָבער איך בין דיר מוחל

—ל׳ווייס שוין לאַנג אַז דו האָסט מיך און מיין פאָטערס הויזגעזונט שטאַרק ליב, נאָר מיר וועלן נאָך שמועסן ביינאַכט.— האָט אַבשלום געענטפערט און זיך געזעצט נישט קוקנדיק זיין חבר אין פנים אַריין, ווי ער וואָלט פאַר אים מורא געהאַט. דער אַלטער האָט נישט געקוקט אויף אַבשלומען ווען ער האָט גערעדט מיט מנשהן, אָבער שולמית האָט באַמערקט דעם צאָרן, וואָס עס האָט זיך באַוויזן אויף אַבשלומס פנים און דאָס האָט איר געפרייט, זעענדיק אַז איר ברודער האָט אויך פיינט גע-קריגן דעם, וואָס זי האָט שוין לאַנג פיינט.

## כא.

## דעם מענטשנס האָפֿנונג.

ווען אַלע זענען געזעסן בײַם סדר און געזאָגט די הגדה, האָט זיך פּלוצלינג געעפֿנט די טיר און דער פּאָליציי-נאַ־טשאַלניק מיט פֿיר באַוואָפֿנטע זעלנער זענען אַרײַנגעקומען.

—גוט נאָוונט!—האָט דער נאַטשאַלניק אויסגערופֿן.

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט פֿאַרוואונדערט און אַז דער אַלטער האָט דערקענט דעם נאַטשאַלניק, האָט ער אויסגערופֿן מיט פֿרייד:

—אַ! מײַן טײַערער פֿרײַנט! זעצט זיך צום טיש טרינקען אַ גלעזל ווײַן. און איר קאָנט האָבן אַ בשורה פֿאַר אײַער פֿרוי: זאָגט איר, אַז מאָרגן באַקומט זי פֿון מיר אַ מתנה אַ טײַערע זײַדענע טוך, וואָס אַזוינס האָט מען נאָך אין אונזער שטאָט נישט געזען. וואָס זשע שטייט איר? איר האָט מורא צו טרינ־קען מיט אונז טאָמער איז אין ווײַן אויסגעמישט קריסטלעך בלוט?—האָט דער אַלטער געשפּאַסט און אָנגענומען דעם נאַ־טשאַלניק פֿאַר דער האַנט.

—איך קאָן נישט—האָט דער נאַטשאַלניק געענטפֿערט—

ס'טוט מיר זער לייד, וואָס איך קאָן אייער פאַרלאַנג נישט ערפילן.

—פאַרוואָס? צי אויך ביינאַכט זענט איר פאַרנומען?

—אין אַזעלכע נישט רואיקע צייטן, ווי עס איז איצט, זענען מיר שטאַרק פאַרנומען בייטאָג און ביינאַכט.

—וואָס איך הער?—האָט דער אַלטער אויסגערופן מיט זאָרג—פאַרוואָס איז איצט אַ צערודערטע צייט? צי האַלט עס ביי אַ מלחמה?

—ווען עס וואָלט אויסגעבראָכן אַ מלחמה מיט אונזערע אויסערלעכע פיינט, וואָלטן מיר רואיק געשלאָפן. גאָט זיין דאַנק אונזער מיליטער קאָן זיך מיטן שונא אָפּרעכענען, אָבער דאָ זיצט דער שונא צווישן אונז און פאַרשפרייט אַן אַגיטאַציע מורד צו זיין אין קעניג און ברענגען די שווערד אויף זייער לאַנד. דאָס דאָזיקע פאָלק וואָס בונטעוועט זיך שטענדיק, דאָס פאַלשע פאָלק האָט זיך ווידער גענומען צו צעשטערן דעם שלום אין לאַנד.

—איך פאַרשטיי נישט, וואָס זיי מיינען מיט זיך—האָט דער אַלטער געשאָקלט באַדויערנד מיטן קאָפּ—זיי דאַרפן דאָך וויסן, אַז זיי וועלן נאָר אָנמאַכן אַ חורבן אין לאַנד און זיך וועלן זיי גאָרנישט העלפן.

—און וואָס טראַכט אַ זון וואָס איז מורד אין טאַטן?—דער אַלטער האָט אַ ציטער געטאָן הערנדיק דעם פאַרגלייך—דאָס זעלבע טראַכט דער וואָס איז מורד אין זיין קעניג.—האָט דער נאַטשאַלניק געענטפערט און אַ קוק געגעבן אויף אַבשלומען וואָס איז געווען בלייך ווי אַ טויטער. אַלע האָבן געשוויגן און דער נאַטשאַלניק האָט ווייטער גערעדט אויסקערנדק זיך צו אַבשלומען:

—דער זון, וואָס איז מורד טראַכט זיך: עס וועט נאָך אַדורך אַ לאַנגע צייט ביז גאָט וועט אים באַשטראָפן, און דער קנעכט וואָס איז מורד אין זיין האַר גרייט זיך צו צו מלחמה, נישט אַזוי?

אַ פּאָר מינוט האָט אַ טויטע שטילקייט געהערשט אין

שטוב, דערנאָך האָט דער אַלטער זיך געווענדט צום נאַטשאַל־ניק און געזאָגט:

—איך פאַרשטיי נישט וועגן וואָס מען רעדט דאָ.

דער נאַטשאַלניק האָט געענטפערט:

—ס'טוט מיר זער לייד געשעצטער אַלטער, איך קען אייך שוין פון לאַנג פאַר אַ פיינעם מענטש, די גאַנצע שטאָט קען אייך אויך פאַר אַן אָרענטלעכן מאַן, אָבער אויך אויף אַ גוט פעלד וואַקסט אַמאָל אויס אַ דאָרן. איך האָב אייך נישט גע־וואָלט מיט אַמאָל איבערשרעקן, איצט זאָג איך אייך: איך בין געקומען אַהער כדי אייער זון צו שליסן אין קייטן. ווייל ער איז איינער פון די „בונטאָווששיקעס".

—מיין זון?!—האָט דער אַלטער אויסגערופן מיט אַ שרעק־לעך קול און געפאַלן חלשות. מנשה און שולמית האָבן זיך גע־וואָרפן ראַטעווען דעם אַלטן ווען דער נאַטשאַלניק האָט פאַרנו־מען אבשלומען, וואָס האָט קיין איין וואָרט נישט גערעדט און מיט אים אַוועק פון שטוב.

ווער קאָן גאָר אויסמאָלן די צרות פון דעם אומגליקלעכן אַלטן. אָבער אַלע האָבן געקוקט און זיך געוואונדערט. ווארום די לעצטע צרה האָט דעם אַלטן געשטאַרקט און אָנשטאָט וואָס פריער איז עד אַרומגעגאַנגען דערשלאָגן, האָט ער איצט גענו־מען באַקעמפן די צרות. צומאָרגנס איז דער אַלטער באַלד באַ־גינען אַרויס פון שטוב און איז אַוועק צו די נאַטשאַלניקעס און באַאַמטע געוואָר ווערן וועגן זיין זון. אָבער אַלע האָבן נישט געוואָלט הערן זיינע געוויינען און נישט געוואָלט גאָרנישט אויס־זאָגן, ווארום זיי האָבן מורא געהאַט פאַר זיך. נאָר איינער פון זיי, וואָס האָט אַ סך מאָל געליען געלט ביי אבינדבן אָן פראָ־צענט און האָט דעם קרן אויך נישט אָפּגעגעבן, ער האָט אים פאַר געלט אַלץ דערציילט: אַבשלום האָט געשוואוירן תתונה צו האָבן מיט רוזשען, די טאָכטער פון מטרד אין וועמענס הויז די פאַרשווערער האָבן אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען. אויך אַבשלום איז צו זיי צוגעשטאַנען און מיט זיין אייגענער האַנט געשריבן אַ בריוו צום עלטסטן פון דער חברה, וואָס געפינט זיך אין

דער שטאָט שבורה, אַז ער איז גרייט צו גיין מיט זיי. ער וועט זיי העלפן מיט זיין כּח און געלט צו אָרגאַניזירן דעם אויפשטאַנד אַראָפּצעוואַרפן דעם עול פון דער רעגירונג. ער האָט זיך אויך באַרימט אין דעם בריוו, אַז אים איז שוין גע-לינגען צו אָרגאַניזירן אַ סך יידישע יונגעלייט, זיי זאָלן צו-שטיין צום אויפשטאַנד. און איינער אַ מענטש, וואָס איז גע-טריי זיין קעניג, האָט געוואוסט פון אַלעם, וואָס אַבשלום האָט געטאָן און ער האָט עס איבערגעגעבן די ריכטער. יענע האָבן די זאַך אויסגעפאָרשט און געפינען דעם בריוו אין וועלכן דאָס אַלץ איז געווען געשריבן. האָט מען אַרומגערינגלט דאָס הויז פון מטרד און מען האָט דערנאָך אַרעסטירט אויך אַבשלומען.

און דער זעלבער האָט אויך געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ קיין האָפנונג מציל צו זיין דעם זון זיינעם, ער וועט אויפגע-האָנגען ווערן. אָבער דער אַלטער האָט נישט געוואָלט גלייבן זיינע רייד. ער האָט זיך נישט מיאש געווען און געזוכט עצות און תחבולות אָפּצוקויפן די ריכטער מיט געלט. און כאָטש די ריכטער האָבן אים אַפילו נישט געוואָלט אויסהערן און ס'איז אים אַפילו נישט געלינגען צו זען זיין זון אַפילו רעדן מיט אים דורך די קראַטן האָט מען אים נישט ערלויבט, פונדעסט-וועגן האָט ער נישט אויפגעהערט אַרומצוגיין משתדל זיין זיך גאַנצע טעג, און אַז עמיצער האָט אים אָנגעטראָפן און גע-פרעגט וועגן מסחר- האָט ער אָפּגעשיקט צו מנשהן. אַזוי זענען פאַרביי צוויי חדשים.

מנשה ווידער, זינט ער איז געוואָרן דער גאַנצער בעל-הבית אין שטוב, איז ער אַלע מינוט אַריין צום אַלטן אין צי-מער פרעגן עצות, אָבער דער אַלטער, ווען מען אַלץ איז מאוס געוואָרן, האָט זיך אויף אים אויסגעשריגן און געזאָגט: ער זאָל טאָן וואָס ער וויל, נאָר אים זאָל ער לאָזן צורו. און האָט אים אַלץ איבערגעגעבן, און ערלויבט צו טאָן אַלץ אין זיין נאָמען.

און דער אַלטער איז אַוועק אָנגעלעהנט אויף מנשהן אין געשעפט אַריין און האָט באַפוילן, אַז קיינער זאָל זיך נישט אָנטווענדן נישט צו פאָלגן מנשהן, וועלכער איז פון איצט אָן

דער גאַנצער בעל-הבית און ער קאָן טאָן, וואָס ער וויל.

אַלע משרתים האָבן דאָס אויסגעהערט און גאָרנישט גע-ענטפערט, כאָטש ס'איז געווען צו דערקענען אין זייערע פּנימער, אַז דאָס געפעלט זיי נישט. נאָר דער פאַרוואַלטער, וואָס איז שטענדיק געווען אַ חשוב ביי אַבינדבן, האָט זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופן מיט אַ שטים וואָס האָט געקאָנט דאָס האַרץ צערייסן.

—מיין האַר! איר זענט דער בעל הבית און קאָנט טאָן מיט אייער געלט וואָס איר ווילט, אָבער וויסן זאָלט איר אַז אייך וועט באַנג טאָן אויף דעם, וואָס...

—שווייג!—האָט דער אַלטער אויסגערופן מיט צאָרן—ווער פרעגט ביי דיר עצות? צי איז מיר ווייניק מיינע צרות? צי קאָן איך אין זינען האָבן דאָס וואָס די קנאה רעדט פון דיר אַרויס? זאָלסט מער גאָרנישט רעדן אויב דו ווילסט ביי מיר בלייבן!

—נישט פון קנאה—האָט דער פאַרוואַלטער געענטפערט מיט פעסטקייט—נאָר פון מיין געטריישאַפט צו אייך האָב איך דאָס געזאָגט, כדי אייך מציל צו זיין פון נעזק?..

—כ'האָב דיר דאָך געזאָגט זאָלסט מער קיין וואָרט נישט רעדן—האָט דער אַלטער געטופּעט מיטן פוס—אויב דו ווילסט מיך נישט פאָלגן, קאָנסטו זיך זוכן אַן אַנדער אָרט!

—פאַר אייערע רייד דערשרעק איך זיך נישט—האָט דער פאַרוואַלטער געענטפערט רואיק און זיכער—וויל איך לעב פון מיין אַרבעט, נישט פון אָפּנאַרעריי. איך האָב אייך נישט גע-הנפט און גענאַרט און דערמיט אייער האַרץ געקויפט, נאָר מיין נערעכטיקייט און געטריישאַפט זענען מיר ביז אַהער בייגעשטאַ-נען און וועלן מיר אויך ווייטער העלפן. איר מיינט, אַז איר וועט מיך איבערשרעקן מיט דעם, אַז איר וועט מיר פון מיין שטעלע אָפּזאגן און איך זאָג אייך: אויב אַפילו איר וועט מיין געהאַלט פאַרגרעסערן אויף טויזנט מאָל אַזוי פיל וויפיל איך נעם איצט, וועל איך נישט בלייבן דאָ מיט דעם אויסוואורף.

דאָס זאָגנדיק האָט ער געוויזן מיטן פינגער אויף מנשהן,

וואָס איז געשטאַנען נעבן אַלטן ווי אַ אומשולדיק שעפעלע און האָט גאָרנישט געענטפערט.

דער אַלטער איז אַלע ווײַלע געוואָרן מער צאָרנדיק, זעענדיק די פרומקייט פון מנשהן, וואָס האָט יענעם אײַנגעגאַנצן פאַרשוויגן און די עזותדיקייט פון פאַרוואַלטער, וואָס איז אין אים מורד פאַר אַלעמען אין די אויגן. און אויסגערופן מיט כּעס.

—גיי צום טײַוו— — —אָבער ער האָט נישט פאַרענ-דיקט. וואָרום מנשה האָט אים אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט און געזאָגט:

—כ׳בעט אײַך, האַר מײַנער, זאָל זיך נישט הערן קיין קללה אין אײַער ישוב.

—מצח אשה זונה!—האט דער פאַרוואַלטער אויסגערופן און איז אַרויס.

## כב.

## דער סוף פון אבינדבס הויז.

שטאַרקער פון שטיין, פעסטער פון די שטאַרקסטע בערג איז דער מענטש: ער קען אויסשטיין אַלע צרות, אַלע ליידן און ער שטאַרקט זיך. זוכט תחבולות און עצות כל זמן ער לעבט, אָבער צי העלפט עס אים?—ניין! ער פאַרמערט נאָר זיינע וואונדן ביז עס קומט דער סוף און ער פאַלט.

אַלע צרות וואָס זענען געקומען אויפן אַלטן האָבן אים נישט דערשלאָגן נאָר פאַרקערט: ער האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט און זיין האָפנונג האָט אים אויף קיין רגע נישט פאַרלאָזט. ער האָט נישט אויפגעהערט צו האָפן, אַז אין גיכן וועט זיין זון באַפרייט ווערן און וועט אַהיימקומען. און אָפט האָט ער זיך פאָרגעשטעלט אָנגענעמע בילדער: זיין זונס גערעכטיקייט איז באַוויזן געוואָרן. ער זיצט מיט אים אינדערהיים און עס קוועלט זיין האַרץ... אַ שיין געליבט ווייב שטייט נעבן אים און די דאָזיקע געליבטע, וואָס זעט אויס, ווי אַ פרידלעכער מלאך, איז זיין שנור... אויף דער האַנט האַלט זי אַ קינד וואָס איז שיין ווי די לבנה און עס שטרעקט אויס די קלאָרע קריס־

טאָלגע הענטלעך, געמט אָן זיין ווייסע באָרד און פישטשעט ווי אַ פייגעלע: פּאַפּאַ!...

קיינמאָל האָט דער אַלטער נישט אַזוי פיל געטראַכט וועגן דער ליבע צו זיין זון ווי זינט ער איז אַרעסטירט געוואָרן. די ליבע צו זיין זון האָט איצט אויסגעפילט דאָס גאַנצע האַרץ זיינס, אַזוי, אַז ער האָט פאַרגעסן די גאַנצע וועלט און אויך זיין איינציקע טאָכטער, וואָס איז אים טייער געווען ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. ער האָט כסדר געטראַכט פון אבשלומען.

אַזוי טראַכטנדיק שטענדיק וועגן אבשלומען, האָט ער זיך נישט אומגעקוקט אויף זיין טאָכטער, וואָס איז ווי אַ שאָטן אַרומגעגאַנגען. דאָס פּנים שרעקלעך טרויריק די אויגן פאַר־וויינט, וואָרום זי האָט אינדערשטיל אַ סך געוויינט, און איר האַרץ איז געווען אַ קבר פאַר אירע צרות. אָבער נישט נאָר די ליידן פון איר ברודער און פון פאָטער האָבן זי צעבראָכן, נאָר אויך איר אויסדערוויילטן, אויפן פאַרוואַלטער וואָס האָט איר האַרץ געווינען, האָט זי שטיל ביטער געוויינט. אַז דער מענטש, וואָס איז ביי איר אין די אויגן ווי אַ מלאך, איז פאַר־טריבן געוואָרן פון זייער שטוב און דער אומווירדיקער מאוסער שלאַנג געוועלטיקט איבער אַלץ און אַלעמען. דער דאָזיקער געדאַנק האָט איר געדריקט און אויסגעטריקנט דעם קוואַל פרייד און האָפנונג פון איר האַרץ. און מנשה האָט דוקא גערעט צו איר מיט ליבע און פריינטשאַפט און מיט חנופה־רייד געוואָלט איר טרייסטן. וואָרום פון זינט אבינדב האָט אים געמאַכט פאַרן בעל־הבית פון שטוב האָט ער זיך שוין נישט געשעמט אַרויס־צעווייזן זיין ליבע צו שולמיתן און פאַרלאַנגען פון איר ליבע. אָבער זי איז מיד געוואָרן פון צו פיל ליידן און זי איז אַריין צו איר פאָטער אין צימער און אים דערציילט מיט ביטער גע־וויין פון מנשהס פיראַכצן און אים געבעטן ער זאָל פון איר אָפּטועט די נגע. אָבער נישט ווי זי האָט געטראַכט, האָט איר פאָטער געטראַכט, וואָרום ער האָט געענטפערט מיט וואונדער: איך ווייס נישט וואָס פאַר אַ שלעכטס דו האָסט געפונען אין מנשהן וואָס דו קענסט אים נישט ליידן? ער איז דאָך אַ שיי־

נער און אַקלוגער, אַלוואי וואָלט מיין זון געווען ווי ער! ס'אי מיר שוין לאַנג איינגעפאַלן, און ווען מיר וואָלטן נישט געהאַט אַזאַ פאַרשטערעכץ אין שטוב, וואָלט איך דיר מיט פרייד חתונה געמאַכט פאַר מנשהן.

—און איך וואָלט מיין לעבן אַוועקגעגעבן צום אומברענגען און מיין נפש צו די שדים איידער מיין גוף צו דעם דאָזיקן שלאַנג, וואָס האָט דיר פאַרנאַרט מיט גוטע ריידעלעך און געבערענגט אויף אונזער הויז שלעכטס און אומגליק! דער אויסוואורף וואָס האָט מיין ברודער פאַרטריבן פון גוטן וועג! וואָס האָט מיין פאָטערס האַרץ איבערגעדרייט! און וואָס האָט איבערגעקערט דאָס גאַנצע הויז, די נעסט פון גערעכטיקייט און יושר, כדי פאַר זיך געלט צו מאַכן! ניין! איך וועל נישט פאַרקויפן מיין האַרץ צו דעם דאָזיקן טייוול! איך וועל זיך בעסער דערשטיקן און נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון דעם פאַרשאָלטענעם רשע!

אַזוי האָט דאָס מיידל געשריגן מיט אַ ציטערדיקער שטים און דער אַלטער האָט געגאַפט און געקוקט מיט וואונדער אויף איר, געקוקט ווי אַ מענטש אָן פאַרשטאַנד אויף זיין טאָכטער, וואָס איז געווען ווייס ווי אַ מת. אַז זי האָט אָפּגערעדט האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול און האָט זיך ביטער צעוויינט.

אַז דער אַלטער איז געקומען צו זיך, איז ער צוגעגאַנגען און שטיין געבליבן פאַר זיין טאָכטער און מיט אַ קול פון אַ קראַנקן האָט ער געזאָגט:

- גאָט מיינער! פון אַלע זייטן גייען אויף מיר צרות און אומגליקן. אויך דו טאָכטער מיינע, ווילסט מיר מקצר ימים זיין! מיין סוף דערנענטערט זיך, נאָך אַ ביסל און איך וועל אויסגיין און דאָס ביסל, וואָס איך האָב נאָך צו לעבן איז ביי דיר אָן אייביקייט, וואָס דו ווילסט מיר דערעשט דערפייניקן, כדי גיכער צו צואיילן מיין לעצטן טאָג.

—טאַטע!—האָט דאָס מיידל אויסגעשריגן מיט אַ ביטער קול—פאָטער מיינער, וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך דיר גע-

טאָן? וואָס פאַר אַן אומרעכט האָסטו פון מיר געזען וואָס דו פייניקסט מיך מיט דיינע ווערטער אָן רחמנות?! צי ווילסטו דען איך זאָל פאַרקויפן מיין גוף און נשמה צו אַן אויסוואורף אַן אָפּנאַרער און אומווירדיקער? אויב דו ווילסט דאָס, בין איך גרייט זיך מקרוב צו זיין אויפן מזבח פון דיין ליבשאַפט נישט צו רעדן קיין איין וואָרט, אָבער איך בין זיכער, אַז דו ווילסט עס נישט, דו ווילסט נישט אומברענגען דיין איינציקע טאָכטער, נאָר ווייל דו ביזט פאַרבלענדט זעסטו נישט דעם דאָזיקן גע־מיינעם יונג און גלייבסט אין אים. בעט איך דיך פאָטער מיי־נער, עפן דיינע אויגן און זע און ברענג נישט אום נישט זיך, נישט דיין טאָכטער!

דער אַלטער האָט עס אויסגעהערט און געשאָקלט מיטן קאָפּ און אַז שולמית האָט געענדיקט ריידן האָט ער געענטפערט מיט אַ טיפן זיפץ:

—ווי אויף אַזאַ עקשדיקן דור! אַ דור וואָס די אייער ווילן לערנען די הינער, די קינדער זענען קלוגער פאַר די עלטערן און פיצלעך קינדער שאָקלען מיט באַדויערונג די קעפּ־לעך אויף אַלטע לייט. וואָס אַזוינס ווייסטו, וואָס איך ווייס נישט? וואו האָסטו געזען מענטשן און זיי קענען געלערנט, וואָס דו ווילסט מיר עפענען די אויגן? אבשלום איז דאָך אויך געווען גרעכט ביי זיך.

—פּאָטער מיינער! וואָס גלייכסטו מיך צו אבשלומען? אים האָט דער שלאַנג, אויף וועמען דו פאַרלאָזט זיך איצט, פאַר־שטויסן פון גוטן וועג. ווען נישט ער—וואָלט איצט אבשלום געזעסן אין שטוב שטיל און פרידלעך. אויב דו ווילסט מיר אויסהערן וועל איך דיר געבן זיכערע באַווייזן, אַז ער—דער שלאַנג-האָט אויף אונז געבראַכט אַלע צרות—

דאָ האָט זיך געעפנט די טיר, דער וועכטער פון תּכיסה איז אַריינגעקומען און דערלאַנגט דעם אַלטן אַ בריוו, נישט רעדנ־דיק קיין איין וואָרט איז ער באַלד אַרויס. דער אַלטער האָט אַ ווײַלע באַטראַכט דעם בריוו און האָט אים מורא געהאַט צו עפענען ווי דאָס האַרץ וואָלט אים נביאות-געזאָגט, אַז אין דעם בריוו

איז באַהאַלטן די לעצטע קויל, וואָס וועט מאַכן אַ סוף צו אַלע זיינע צרות. ענדליך האָט ער זיך באַהערשט, האָט אים געעפנט, האָט נאָר איין בליק געטאָן אין אים, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ שרעקלעך געשריי, ווי אַ לייב וואָס אַ טויט-פייל האָט אַריינגעשלאָגן אין זיין האַרץ און ער איז שטיל געוואָרן—אויף אייביק...

ווער קאָן אויסדערציילן די שרעקלעכע ליידן און פּיין פון דעם מיידל וואָס האָט דאָס צוגעקוקט? ווער קאָן מיט ווערטער שילדערן אפילו אַ טויזנטחלק פון די שרעקלעכע וויטאָקן פון איר האַרץ?

זי האָט אויפגעהויבן דעם פאָטער, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד אָן אַ נשמה און אויפן פּנים איז נאָך געווען דער אויסדרוק פון זיינע ליידן. זי האָט אים אַוועקגעלייגט אויפן בעט, איז אַרויס פון זיין צימער און אָנגעהויבן שרייען מיט אַ ביטער קול:

—ראַטעוועט! ראַטעוועט! העלפט!

און אַזוי איז זי געלאָפן איבערן הויף ווי משוגע, זיך געשלאָגן אין האַרצן און געשריגן מיט אַ יאָמערלעך קול

אַ סך מענטשן זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן אין שטוב אַריין, האָבן געשיקט נאָך דאָקטוירים, אָבער אומזיסט! דער טויט לאָזט נישט אַרויס זיין פאַרציקונג.

אַז דאָס מיידל איז צו זיך געקומען—זי האָט געחלשט אויפן הויף—האָט זי גענומען דעם בריוו און אין אים אַזוי געליינט:

„פאָטער! איך רוף דיך פאָטער אָבער איך ווייס, אַז איך האָב נישט קיין שום רעכט דיך אַזוי צו רופן, ווי געשריגן! ווי אַזוי זאָל איך וואַגן זיך צו רופן דיין זון אַז איך האָב פאַרשוועכט די הייליקייט! כ׳האָב פאַרשוועכט דעם כבוד פון דעם מענטש וואָס האָט מיר גוטס געטאָן, כ׳האָב פאַרשוועכט מיין ריינע אמונה, כ׳האָב מורד געווען אין גאָט, כ׳האָב מיין פאָטער געטריבן אין דער ערד, איצט קום איך אָפּ מיין עונש. מאָרגן וועט מען מיך אויפהענגען—אַזוי האָט מיר היינט געזאָגט דער תּפיסה-וועכטער"—

און ער באַשווערט זיין פאָטער ער זאָל אים מוחל זיין די זינד זיינע. אין נאָמען פון דער מוטער באַשווערט ער אים און שרייבט:

„איך וויל דיר נישט פאַרשאַפן קיין ליידן מיט מיין טויט, אַז מען זאָל מיך הענגען פאַר אַלעמען אין די אויגן, און דע־ריבער מאַך איך זיך אַליין דעם טויט. איך שטאַרב! אין דער רגע שטאַרב איך, ווייל ס׳איז שוין נישטאָ קיין שום האָפנונג, און אויב איך אַליין וועל זיך קיין מיתה נישט אָנטאָן, וועלן מיך אַנדערע טויטן. פאָטער, די לעצטע רגע קומט. אָט הייב איך אויף דאָס מעסער און אָט לייג איך עס אויף מיין האַלז. זיי מוחל דיין אומגליקלעכן זון און היט זיך פון מנשהן... זיי מיר מוחל שוועסטער מיינע, איך שטאַרב. שוועסטער, שוועס־טער, שוועסטער...״

די לעצטע ווערטער האָבן פאַרדעקט טראָפנס בלוט, אַזוי אַז מען האָט כמעט נישט דערקענט די אותיות.

דאָס אומגליקלעכע מיידל האָט שוין נישט געוויינט, זי האָט שוין קיין טרערן נישט געהאַט. און אויך ווען עס זענען געקומען די חברה־קדושה־לייט און אַרויסגענומען איר פאָטער אַוועקצופירן אים אויפן בית הקברות, אויך דאַן האָבן זיך נישט געוויזן קיין טרערן אויף אירע אויגן. זי האָט געשוויגן ווי שטום און געזעסן אויף דער ערד.

מנשה האָט אַ סך געוויינט ביי דער לויה, האָט נאָך אים קדיש געזאָגט, און אַז ער איז צוריקגעקומען פון בית עולם איז ער מיט פאַרוויינטע אויגן צוגעקומען צו שולמיתן איר צו טרייסטן, אָבער זי האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף אים, וואָ־רום ווי משוגע איז זי געזעסן אויף איר אָרט. אויך דער פאַר־וואַלטער איז געקומען איר טרייסטן, אָבער אויך צו זיינע רייד וואָס ער האָט גערעדט מיט אַ געבראָכן האַרץ האָט זי זיך נישט צוגעהערט. דערשראָקן און פאַרוואונדערט איז דער פאַרוואַלטער געשטאַנען און זיך איינגעקוקט אין פנים פון זיין געליבטער, וואָס איז צו אים פלוצלינג פרעמד געוואָרן, און געוואָלט פאַר־שטיין דעם באַשייד, אָבער אומזיסט, ער האָט קיין ענטפער

נישט באַקומען. מיט אַ ביטער צעוויינטאָקט האַרץ האָט ער פאַרלאָזט דאָס הויז און מנשה האָט זיך געפרייט אין האַרצן. וואָרום ער האָט זיך געטראַכט: ענדלעך זענען געעפנט געוואָרן אירע אויגן צו זען, אַז מען דאַרף מיט מיר נישט אָנהייבן קיין מלחמה, דעריבער האָט זי מער נישט אַרויסגעוויזן איר ליבע צום פאַרוואַלטער. איצט בין איך רייך און זי—אַן עלנטע יתומה. די טויטע וועלן שוין איצט נישט לעבעדיק ווערן און דאָס געלט איז ביי מיר. איצט וועט צו מיר קומען די יתומה און פון מיר בעטן ווי מען בעט אַ טובה איך זאָל זי נעמען און דאָס וועט מיר נאָך פאַררעכנט ווערן פאַר אַ גוטע זאַך וואָס איך האָב געטאָן.

אַזוי האָט זיך דער רשע אָן ספק געטראַכט, אָבער ער האָט אַ גרויסן טעות געהאַט. דורך זיינע גנבהשע שטיק איז אים געלינגען צו באַקומען דאָס געלט אָבער נישט דאָס האַרץ פון זיין בעל הביתעס טאָכטער!

## כג.

### אלץ איז אַנטדעקט געוואָרן.

עס זענען דורך דריי טעג זינט מען האָט דעם אַלטן מקבר געווען און שולמית זיצט נאָך אַלץ אַ דערשלאָגענע און רעדט נישט צו קיינעם קיין וואָרט. אויפן פערטן טאָג אינדער-פרי, האָט זי געהערט ווי די טיר עפנט זיך, זי האָט זיך אָבער נישט אומגעקוקט, וואָרום זי האָט געמיינט, מסתּם קומט עס מנשה אַריין אין שטוב און זי האָט נישט געוואָלט קוקן אויף אים. אָבער נישט מנשה איז עס געווען, נאָר זער אַ שיין מיידל אָנגעטאָן פריציש איז אַריינגעלאָפן אין שטוב, האָט זיך אַראָפּ-געלאָזט ביי שולמיתעס פיס און אויסגעשריגן מיט אַ וויינענדיק קול אויף פויליש:

—וויי, וויי! לאָמיר וויינען ביינאַנד, וואָרום ס'איז גרויס דאָס אומגליק! דיין בראָך איז מיין בראָך וואָרום דו וויינסט אויף דיין ברודער און איך וויין ביטער אויף מיין האַרצגעליבטן, מיין קרוין מיין לעבן, וואָס איז פון מיר צוגענומען געוואָרן!..

דאָס יידישע מיידל איז זער איבערראַשט געוואָרן און געקוקט מיט וואונדער און די דאָזיקע האָט ווייטער ביטער גע-וויינט:

—מיט דער אמתער ליבע האָב איך אים געליבט, מיטן גאַנצן האַרצן האָב איך געוואָלט פאַרלאָזן מיין פאָלק כדי צו זיין מיט אים, אָבער גאָט האָט נישט געוואָלט! אָבער נישט גאָט האָט דאָס אַלץ געטאָן, נאָר דער געמיינער אויסוואורף, פאַרשאָלטן זאָל ער זיין אויף אייביק!

שולמית האָט פאַרשטאַנען פון אירע רייד אַז דאָס איז רוזשע די טאָכטער פון מטרד און האָט אין אָנפאַנג נישט געוואָלט רעדן מיט איר, אָבער זעענדיק אירע טרערן, איז דאָס האַרץ אין איר צעגאַנגען, האָט אויף איר רחמנות געקריגן און געזאָגט צו איר:

—ווי מיר שיינט, זענט איר רוזשע די טאָכטער פון מטרד?

—אַזוי איז עס. מיין האַרץ־ווייטאָק האָט מיך אַזוי צעמישט, אַז איך האָב פאַרגעסן זיך פאָרצושטעלן. דאָס בין איך די אומגליקלעכע, וואָס האָט נאָר אַ פּאָר חדשים געטרונקען דעם שמעקעדיקן וויין פון ליבע־בעכער און איצט דאַרף איך טרינקען סם, דעם ביטערן סם. וויי! פינסטער זאָל ווערן דאָס ליכט פון רשע און קיין שטראַל פון פרייד זאָל קיינמאָל זיך נישט וויזן אין זיין הויז.

שולמית וואָס האָט ביז אַהער פיינט געהאַט דאָס דאָזיקע פרעמדע מיידל, וואָס איז געווען ווי דער אָנהייב פון אַלע צרות, האָט געזאָגט:

—דער גנב וואָס גראָבט אונטער אַ הויז אין דער פינסטער קלאָגט זיך אויפן וועכטער, וואָס דערלאָזט אים נישט דורכפירן זיין פלאַן, און ער איז בייז אויף דער זון, וואָס הייבט אָן שיינען און מען כאַפּט אים ביי דער האַנט

—כ׳פאַרשטיי נישט וואָס איר מיינט.

—איך פאַרשטיי אויך נישט וואָס איר רעדט. ווער איז עס דער בעטריגער אייערער? איר אַליין האָט דאָך געבראַכט אויף זיך דאָס אומגליק, וואָרום איר האָט זיך „געבונטעוועט״ קעגן קעניג און האָט נאָך מיט זיך אַריינגעשלעפּט אומשולדיקע מענטשן?!

—ס׳איז ליגנט!—האָט דאָס מיידל אויסגעשריגן שטאַרק אויפ-

געראגט—מיר האָבן נישט געזינדיקט, מיר זענען ריין פון יע־דער זינד און אויך דיין ברודער, מיין טייערער, האָט גאָרנישט געזינדיקט. נאָר דער אויסוואורף האָט אונז פאַרנאַרט אין זיין נעץ. דאָס האָט ער דאָך אײַנגערעדט אַבשלומען צו שרייבן דעם בריוו און דאָס האָט ער אַליין אים געמסרט.

—ווער איז דאָס?

—ווער? ווייסט דען נישט? דאָס איז דאָך מנשה!

—מנשה?—האָט שולמית אויסגערופן מיט אַ שרעקלעך קול— אוי, דאָס האָב איך דאָך באַלד געזען, נאָר מען האָט מיר נישט געגלויבט.

—האָסט דען געוואָרנט דיין ברודער פון מנשהן?

—ווי ווי, כ'האָב געוואָרנט פון אים אי דעם טאַטן, אי דעם ברודער, ביידע האָב איך געוואָרנט פון דעם משחית, ביי־דע אָבער האָבן מיך נישט געהערט און ביידע זענען פון אים אומגעקומען.

—וואָס רעדסטו? צי האָט דיין פאָטער אויך אַן אומגליק געטראָפן?

—מיין פאָטער? אוי, אים האָט געטראָפן דאָס לעצטע אומ־גליק—האָט שולמית געענטפערט און האָט זיך שטאַרק צעוויינט.

נאָכדעם ווי שולמית האָט מער נישט געהאַט קיין טרערן צו וויינען, האָט זי געבעטן דעם מיידל זי זאָל איר דערציילן אַלץ ווי דאָס איז געשען. און דאָס מיידל האָט אַזוי דער־ציילט:

שוין עטלעכע חדשים, אַז איך האָב אַבשלומען געזען אַלע אינדערפרי, ווען ער פלעגט שפּאַצירן מיט דעם אויסוואורף. איז ער מיר זער געפעלן און איך האָב אים געליבט פאַר מיין מוטער. זי אָבער האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט אויף מיינע רייד. ווי פאַרוואונדערט בין איך אָבער געוואָרן הערנדיק פון איר אין אַ פּאָר טעג אַרום, אַז דער דאָזיקער יידישער בחור וועט קומען צו אונז צו גאַסט. כ'האָב געפרעגט מיין מוטער: וואָס האָט ער ביי אונז צו טאָן? האָט זי מיר געענטפערט מיט אַ שמייכל: ער קומט פאַרברענגען מיט דיר. און דו—באַצי זיך

צו אים ווי צו אַ שרה, דערנענטער זיך צו אים, וואָרום זיין
טאַטע איז זער רייך און דורך אים וועט קומען אַ ישועה פֿאַר
אונזערע אוצרות, וואָס זענען זער אויסגעליידיקט געוואָרן. איך
האָב זיך שטאַרק נאָכגעפֿרעגט ביי איר, פֿון וואַנען זי ווייסט
דאָס אַלץ, און ווער וועט אים ברענגען צו אונז. ביז איך האָב
זיך פֿון איר דערוואוסט, אַז זיין חבר האָט מיט איר גערעדט
און איר דערציילט אַז אַבשלום וויל זיך מיט מיר נענטער באַ-
קענען. אַבשלום איז געקומען, האָט פֿאַרברענגט מיט מיר און
מיין מוטער האָט זיך זער גוט צו אים באַצויגן און אין מיין
האַרץ האָט אָנגעהויבן בליען די ליבע צו אים. אין גיכן האָבן
מיר זיך ערקלערט אין ליבע און מיר האָבן עס פֿאַר קיינעם
נישט באַהאַלטן. מיין מוטער איז אונזער ליבע גאָרנישט גע-
פֿעלן, וואָרום זי האָט דאָך געמיינט נאָר זיין געלט און ס'איז
איר גאָרנישט איינגעפֿאַלן אַז איר טאָכטער, אַ טאָכטער פֿון
שררהס זאָל זיך אַזוי שטאַרק פֿאַרליבן אין אַ יידישן בחור. זי
האָט אָבער געזען אַז זי קאָן זיך גאָרנישט העלפֿן, האָט זי
גענומען טראַכטן ווי אַזוי אונז אויף אייביק צו פֿאַרבינדן. זי
האָט זיך באַראַטן מיט דעם פֿאַרעטער און זיין עצה איז געווען,
זי זאָל אים צווינגען זיך צו שמדן. אויב ער וועט נישט וועלן,
זאָל זי אים שרעקן, אַז זי וועט אים נישט מער אַריינלאָזן צו
אונז. אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפֿן, וואָרום אַבשלום האָט
געענטפֿערט, אַז ס'איז אים לייכטער זיך צו נעמען דאָס לעבן,
איידער זיך צו שמדן. אויך איך האָב אים געשטאַרקט און צו-
גערעדט ער זאָל נישט פֿאָלגן מיין מוטער. אויך מיט מיין מו-
טער האָב איך גערעדט און זיך געבייזערט פֿאַר וואָס זי טוט
אָן עגמת נפש מיין ליבן און טייערן און פֿון דעמעלסט אָן
האָט זי אויפֿגעהערט רעדן וועגן דעם מיט אַבשלומען. אָבער
אויף זיין חבר דעם פֿאַרעטער איז זי אין כעס געווען, פֿאַר-
וואָס ער האָט אים געבראַכט צו אונז. יענער האָט זיך געמאַכט
פֿאַר גוט און פֿיין און געזאָגט: עס טוט מיר אַליין זער לייד
וויסנדיק, אַז איך האָב געבראַכט אַן אומגליק אויף דיין טאָכ-
טער, אויב זי וועט נישט חתונה האָבן געזעצלעך מיט איר

געליבטן. און מיין מוטער האָט פאַרלאַנגט פון אים אַן עצה.

דער אויסוואורף האָט דאַן אַזוי צוגעטראַכט און געזאָגט: אַבשלום האָט דאָך טאַקע ליב דיין טאָכטער און נאָר דער אַלטער שטערט אים, דעריבער דאַרף מען דעם אַלטן אָנטאָן אַ ציימל כדי צו קאָנען קערוועַן מיט אים, ווי מיר וועלן פאַר־לאַנגען. דעריבער שט אַזוי: זאָגט אַבשלומען אַז איר האַלט מיט די פאַרשווערער קעגן קעניג און אַז אין אַייער שטוב קומען זיך צונויף די פאַרשווערער, דעריבער אויב ער וויל האָבן דיין טאָכטער דאַרף ער אויך צושטיין צו דער חברה, אויב נישט קאָנט איר אים נישט געבן. און איר זאָלט אים צורעדן ער זאָל שרייבן צו איינעם פון די אָנפירער, וועמענס נאָמען איר וועט אים אָנרופן, אַז ער איז גרייט צוצושטיין צו דער חברה פאַרשווערער און אַז אים איז שוין געלינגען צו אָרגאַניזירן אַ סך יידישע יונגעלייט זיי זאָלן צושטיין צום בונד. און דעם בריוו זאָלט איר ביי זיך באַהאַלטן. מיט אַ פאָר טעג שפעטער זאָלט איר אים זאָגן אַז דער בריוו איז אייך פאַר־לוירן געוואָרן און אַז פאָליציי האָט זיך עפעס דערוואוסט פון דעם און ער מוז אַנטלויפן, וועט ער דעמעלסט דערציילן די גאַנצע זאַך פאַרן פאָטער און איך בין זיכער אַז ער וועט אים תיכף אַוועקשיקן קיין אויסלאַנד, דאַן וועט איר מיט אַייער טאָכטער אויך אַוועק אַהין. דאָרט וועט אַייער טאָכטער איבער־גיין צום יידישן גלויבן און וועט ווערן זיין געזעצלעך ווייב. און איך וועל אַייך דאָ העלפן, כ׳וועל ווירקן אויפן אַלטן ער זאָל אים מוחל זיין. אַזוי האָט דער שלאַנג איר אַיינגערעדט און מיר האָט מען גאָרנישט דערציילט. אַבשלום האָט עס אָבער נישט געוואָלט טאָן, ווארום ער האָט געזאָגט: צו וואָס דאַרף איך די צרה? איך וויל נישט האָבן צו טאָן מיט די „בונטאָוו־שטשיקעס". אָבער מיין מוטער האָט געזאָגט, אַז אויב אַזוי וועט ער מוזן אויפהערן קומען צו אונז. דעמעלסט האָט זיך אַבשלום באַראַטן מיט מנשהן אויף וועמען ער האָט זיך פאַר־לאָזט און ער האָט אים צוגערעדט דאָס צו טאָן, וואָרום מיין מוטער מיינט גאָרנישט ער זאָל צושטיין צו די פאַרשווערער,

נאָר דעם בריוו מיינט זי, כּדי אים צו פּרובן און זען אַז ער איז טאַקע פאַרליבט אין איר טאָכטער: דאַן האָט אַבשלום געטאָן מיין מוטערס פאַרלאַנג: האָט איר געגעבן דעם בריוו, וועלכן זי האָט באַהאַלטן. עטלעכע טעג זענען מיר געווען פריילעך און גליקלעך ווי פריער. און פּלוצלינג איז געקומען דאָס אומגליק: דער עלטסטער ריכטער איז געקומען, האָט באַוואַכט אונזער הויז, האָט אַלץ דורכגעזוכט און דורכגענישטערט ביז ער האָט דעם בריוו געפונען, דאַן האָט ער זיך געווענדט צו מיין מוטער מיט אַ שרעקלעכער שטים:

—פון וואַנען קומט צו אייך דער בריוו?

מיין מוטער איז דערשראָקן געוואָרן און זי האָט אים דערציילט דעם גאַנצן אמת. ער אָבער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט:

—אומזיסט מיינט איר אַז איר וועט מיך אָפּנאַרן. כ'האָב שוין געזען אַזעלכע קונצן.

—אָבער מיין הער—האָט מיין מוטער אויסגערופן—איך וועל אייך ברענגען אַן עדות, וואָס ווייסט אַז איך זאָג אמת

—ווער איז דער עדות?

—דאָס איז מנשה, וואָס געפינט זיך ביי אַבינדבן.

—איך גלייב נישט אַז ער זאָל עדות זאָגן כּדי אייך גערעכט צו מאַכן—איך קען דעם מענטש און ווייס אַז ער איז געטריי זיין קעניג. איבערהויפּט, אַז ער טאַקע האָט אויסגעזאָגט אייער סוד.

—מנשה האָט אונז געמסרט!—האָט מיין מוטער אויסגערופן ערשטוינט, און דער עלטסטער האָט באַפוילן, זי זאָל מער נישט רעדן ביז זיינע געהילפן וועלן פאַרענדיקן זייער אַרבעט: צו פאַרחתמענען דעם קאַסטן אין וועלכן מען האָט געפונען דעם בריוו און די איבריקע שאַפעס.

איך האָב דאָס אַלץ געהערט שטייענדיק אונטער דער טיר און אַלע אברים האָבן אין מיר געציטערט. האָב איך זיך דערמאָנט אַז אַבשלום דאַרף באַלד אָנקומען צו אונז און גענומען טראַכטן ווי אַזוי אים אַרויסצוראַטעווען. איז ביי מיר גע-

בליבן אָנצושרייבן עטלעכע ווערטער צו אַבשלומען, ער זאָל זיך באַהאַלטן ביז מיר וועלן וויסן ווי עס האַלט. כ׳האָב אָנגעשריבן אַ בריוו און אים געוואָלט שיקן מיט איינעם פון אונזערע דינער, ער זאָל וואַרטן אויפן וועג ביז אַבשלום וועט אָנקומען און אים איבערגעבן דעם בריוו. נאָר דאָ האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אונזער הויז איז באַוואַכט און אַרומגערינגלט. אַ דערשלאָגענע בין איך אַריין צו זיך אין צימער און דאָס דערציילט פאַר מיין „ניאַניע״. און זי האָט מיר געגעבן אַן עצה: איך זאָל פלוצלינג מאַכן אַ געוואַלד און אַוועקפאַלן ווי אין חלשות. אַז דער נאַטשאַלניק וועט הערן מיינע געשרייען, וועט ער אַריינקומען צו אונז און דעמעלסט וועט זי אים בעטן אַן ערלויבעניש צו גיין רופן דעם דאָקטאָר. אויפן וועג וועט זי טרעפן אַבשלומען און אים איבערגעבן דאָס בריוול. אַזוי האָב איך געטאָן. און די אַלטע איז אַוועק און איבערגעגעבן אַבשלומען דעם בריוו.

מיין מוטער האָט מען אַוועקגעפירט אין תפיסה. צומאָרגנס האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אויך אַבשלום זיצט אין תפיסה.

ווי אַ דונער האָבן די רייד געטראָפן די אומגליקלעכע שוועסטער, אין איר האָט אויפגעפלאַקערט צאָרן און נקמה און זי איז ווי צעמישט געוואָרן. זי האָט געקוקט מיט די אויגן און נישט געזען דאָס וואָס איז פאַר זיי געווען.

זי איז געווען ווי משוגע.

## לד.

### דעם רשע גליקט.

מנשה איז אַרייַנגעקומען אין צימער און אַז ער האָט דער־זעען רוזשען זיצן אויף דער צוזאַמען מיט שולמיתן, איז ער שטאַרק צעטומלט געוואָרן און נישט געוואַגט ווייטער צו גיין. און זי—דערזעענדיק אים, איז זי אויפגעשפרונגען ווי אַ לייב, איז צו אים צו מיט גרויס צאָרן און מיט אַ שרעקלעך קול אויסגערופן:

—באַטריגער! בייזע שלאַנג! מאוסער פאַררעטער! צי אויך אונז ווילסטו אומברענגען? פינסטערער טייוול!

שולמית איז צו זיך געקומען דערהערנדיק דאָס געשריי און אַז זי האָט דערזעען דעם אויסוואורף, האָט זיך אַלץ אין איר אָנגעצונדן, וואָרום ער איז געווען אין אירע אויגן ווי אַ בייזער שד, וואָס איז געקומען נעמען איר לעבן. אָבער דאָס איז געווען איר הילף: דער צאָרן און די שרעק האָבן איר צו־ריקגעקערט איר באַוואוסטזיין. איז זי אויפגעשפרונגען פון איר אָרט ווי זי וואָלט זיך געשטעלט גרייט צו מלחמה, אָבער זי האָט קיין איין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען. אָבער ווען

זי האָט דערהערט דאָס קול פון אויסוואורף וואָס האָט זיך צע־שריגן אויף רוזשען:

—אַרויס פון דאַנען! אַ פרעמדע ביזטו דאָ און ווי וואַג־סטו צו זידלען דעם בעל־הבית ביי זיך אין הויז?

דאַן האָט שולמית אויסגעשריגן מיט אַ פחדימדיק קול:

—אַנטלויף פון דאַנען אויסוואורף! גיי שוין אַרויס און פאַראומרייניק נישט די שטוב!

—איך ווייס נישט, ווער עס קאָן מיר באַפעלן צו פאַר־לאָזן מיין הויז?—האָט דער אויסוואורף געענטפערט קאַלטבלוטיק.

—ראובן! שמואל!—האָט שולמית גערופן די משרתים—וואַרפט אַרויס דעם גנב פון שטוב!

די משרתים זענען אַריין אָבער קיינער האָט נישט דער־פילט איר באַפעל.

—פאַררעטער!—האָט דאָס מיידל געשריגן אין גרויס כעס און איז אַוועק פון שטוב דאָס צו מעלדן אין פאָליציי, אויך רוזשע איז פון דאָרט אַוועק. די פאָליציי איז געקומען און מנשה האָט אַרויסגענומען אַ כתב געשריבן און געחתמעט דורך אבינדבן און דאָרט שטייט געשריבן אַזוי:

„איך גיב אַוועק מיין הויז און הונדערט זילבערשטיק צו מיין פריינט מנשה אויף אייביק. און ס'איז מיין ווילן און דער לעצטער פאַרלאַנג, אַז מיין טאָכטער זאָל ווערן זיין ווייב"...

ווי מען שטייט און מען ליינט דאָס כתב און דער פאַר־וואַלטער איז אַריינגעקומען. אַז שולמית האָט אים דערזען איז זי אים געפאַלן אויפן האַלז און זיך ביטער צעוויינט נישט רעדנדיק קיין איין וואָרט. נאָך אַ פאָר מינוט האָט דער פאַר־וואַלטער געזאָגט:

—מיין ליבע, פרייד פון מיין האַרצן, איך האָב דיר גע־בראַכט אַ בשורה, נאָר זאָלסט נישט דערשראָקן ווערן. איך האָב דיר געבראַכט אַ גוטע בשורה, נאָר זיי רואיק, ווער נישט אי־בערראַשט.

—אַ בשורה?—האָט דאָס מיידל געפרעגט מיט טרויער—ס'קאָן נאָך עפעס אַזוינס געשעען? צי ווילן דען די טויטע

אויפשטיין פון זייערע קברים זיך צו לאָדן מיט זייערע רוצחים?

—און פונדעסטוועגן איז נאָך פאַראַן אַ האָפנונג, עס טרעפט דאָך אַ סך מאָל אַז מיר האַלטן מענטשן פאַר געשטאָרבן ווען זיי לעבן גאָר.

אָבער מיינע טויטע וועלן שוין קיינמאָל נישט לעבעדיק ווערן.

—דיין פאָטער וועט שוין נישט לעבעדיק ווערן, וואָרום דאָס, וואָס די ערד דעקט צו איז פאַרפאַלן, אָבער דיין ברו-דער, אים האָט נאָך די ערד נישט צוגעדעקט.

—וואָס זאָגסטו?—האָט שולמית אויסגערופן צעטומלט און איבערראַשט, די פיס זענען איר געשטרויכלט געוואָרן און זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. דער פאַרוואַלטער האָט זי געכאַפּט צווישן זיינע אָרעמס און זי נישט געלאָזט פאַלן און גערעדט צו איר:

—מיין ליבע, מיין לעבן! באַרואיק זיך. איך האָב דיר דאָך געזאָגט, אַז איך האָב פאַר דיר אַ בשורה, אָבער שטאַרק זיך און ווער נישט צעטומלט.

—אַוועק פון מיר!—האָט זי געענטפערט אינגאַנצן ווי משוגע—אַוועק! אויך דו האָסט מיך פאַרראַטן, אויך דו ווילסט זיך רייצן מיט מיר און שיטן זאַלץ אויף מיינע וואונדן! איך וויל בעסער דעם טויט איידער אַזאַ לעבן!—און זי האָט מיט געוואַלד אָפּגעשטופּט זיינע אָרעמס פון אירע אַקסלען.

—מיין טייערע! מיין ליבע!—האָט זיך דער פאַרוואַלטער געבעטן—זאָל איך גאָרנישט לעבן אויף דער וועלט, אויב איך זאָג ליגן!

שולמית איז געשטאַנען, האָט גאָרנישט געענטפערט נאָר געקוקט מיט פינצטערע אויגן אויף אַלעמען אין שטוב. פּלוצלינג האָט זיך געעפנט די טיר און רוזשע איז אַריין און אויסגע-שריגן הויך:

—שולמית! אַבשלום לעבט!

די אומגליקלעכע האָט אַרויסגעלאָזט אַ שרעקלעכן זיפץ און איז געפאַלן ווי אָן אַ נשמה דעם פאַרוואַלטער אין די

אָרעמס אַריין. מנשה וואָס איז ביז אַהער געשטאַנען און גע־
קוקט מיט צאָרן אויפן פּאַרוואַלטער איז זער דערשראָקן געוואָרן
הערנדיק דאָס און איז גיך אַרויס פון שטוב, אויך די ריכטער
זענען אַרויס.

דער פּאַרוואַלטער האָט אַוועקגעלייגט שולמיתן אויפן בעט
און רוזשע איז גיך געלאָפן נאָכן דאָקטאָר ער זאָל ראַטעווען
די אומגליקלעכע האָט איז געלעגן ווי טויט. און ווער ווייסט
צי עס וואָלט איר נישט גלייכער געווען צו שטאַרבן דעמעלסט...

מיין חבר, וואָס האָט עס דערציילט איז געבליבן זיצן
זער טרויריק און האָט אויסגעזען זער שרעקלעך. מען האָט
געזען אַז ער לעבט דורך שרעקלעכע ווייטאָקן דערציילנדיק.

נאָך דעם ווי ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, האָט ער זיך
ווי אויפגעכאַפּט פון אַ מוראדיקן שלאָף און געזאָגט:

—איך וועל דיר לאַנג נישט דערציילן, וואָרום דאָס קאָסט
מיך דאָס גאַנצע געזונט. כ׳וועל דיר דערציילן אין קורצן: די
אומליקלעכע איז קראַנק געוואָרן. צום ערשטן האָבן זיך אין
איר געוויזן סימנים פון שגעון און דער דאָקטאָר האָט נישט
געלייקנט אַז זי איז נישט ביים זינען. אָבער די יוגנט און
איר שטאַרקער קערפּער האָבן איר געהאָלפן אַלץ איבערטראָגן
און צוריק קומען צום פאַרשטאַנד. אָבער זי איז אַריינגעפאַלן
אין אַ שטאַרקן פיבער, האָט באַקומען גרויסע היץ און אַזוי
אָפּגעקרענקט זעקס וואָכן דערנאָך געגומען געזונט ווערן. די
ערשטע טעג פון איר געזונט ווערן האָט זי גאָרנישט געדענקט
פון דעם וואָס ס׳האָט מיט איר פּאַסירט, נאָר ביסלעכווייז האָט
זי זיך צוריק אָנגעהויבן אַלץ דערמאַנען. און זי האָט געפרעגט
דעם פּאַרוואַלטער, וואָס איז די גאַנצע צייט נישט אָפּגעטרעטן
פון איר בעט: צי איז טאַקע אמת אַז אַבשלום לעבט? ער האָט
איר געענטפערט, אַז ס׳איז אמת. ער האָט איר אָבער נישט
געוואָלט מיט אַמאָל דערציילן אַלץ וואָס ס׳איז געשען אין שטוב
זינט זי איז קראַנק געוואָרן, מורא האָבנדיק טאָמער וועט זי
עס נישט איבערטראָגן. האָט ער איר נאָר צו ביסלעך דערציילט,
אַז אַבשלום האָט זיך געוואָלט נעמען דאָס לעבן און זיך גע־

שניטן דעם האַלז מיט אַ בריטווע. אָבער די דאָקטוירים האָבן אים אָפּגעראַטעוועט. אין ער איז פאַרמשפּט געוואָרן צו תּפֿיסה, און דעריבער קאָן ער זיך נישט משפּטן מיט דעם בלוטיקן מנשהן, וואָס האָט צוגענומען זייער פאַרמעגן, וואָרום מיט דער הילף פֿון צוויי ריכטער וואָס ער האָט געגעבן שוחד, האָט ער צוגענומען דאָס הויז און די וועבעריי איז פאַרקויפט געוואָרן און ער האָט צוגענומען הונדערט זילבערשטיק ווי ס'איז געשריבן אין דעם כּתב אונטערגעשריבן פון אבינדבן. וועגן איבריקן געלט—האָבן די ריכטער געפרעגט אַבשלומען און ער האָט געענטפערט, אַז דאָס איבריקע געלט—ביז הונדערט טויזנט זיבערשטיק, זאָל מען געבן דער שוועסטער און מען האָט געמאַכט אַן אַפּיטרופּת איבער דעם ביז זי וועט געזונט ווערן.

דאָס אומגליקלעכע מיידל האָט נישט געוויינט. זי האָט אים נאָר געפרעגט צי מ'וועט איר ערלויבן זיך צו זעען מיטן ברודער. דער פאַרוואַלטער האָט איר אָבער געענטפערט, אַז אַבשלום איז נישטאָ אין שטאָט, מען האָט אים פאַרשיקט אין זער אַ ווייט לאַנד. און ער האָט זי געטרייסט אַז ס'איז נאָך דאָ אַ האָפנונג ער זאָל אַמאָל באַפרייט ווערן און נאָכדעם ווי זי איז שוין געוואָרן רואיק, האָט ער איר דערלאַנגט אַ בריוו און געזאָגט:

—דעם בריוו האָט אַבשלום אַהער געשיקט איידער ער האָט די שטאָט פאַרלאָזט.

זי האָט גענומען דעם בריוו, האָט אין אים אַריינגעקוקט און פון די אויגן האָט איר גענומען גיסן טרערן אָן אויפהער. אַ גאַנצן טאָג איז זי געזעסן אויף אַן אָרט געליינט דעם בריוו און ווידער געליינט, ווי זי וואָלט זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיטן ברודערס כּתב. אין דעם בריוו האָט איר אַבשלום דערציילט אַלץ וואָס מנשה האָט אים געטאָן. און האָט איר געטרייסט מיט דער האָפנונג, אַז ער וועט נאָך אַמאָל באַפרייט ווערן און וועט זיך אָפּרעכענען מיט זיין פאַרפאָלגער. אָבער די האָפנונג האָט איר ווייניק געשטאַרקט, וואָרום זי איז אונטערגעבראָכן געווען פון די אַלע צרות. אויך דער בריוו, וואָס

האָט געקאָנט צערייסן דאָס האַרץ אַפילו פון אַ פרעמדן מענטשן האָט פאַרשטאַרקט אירע וואונדן און זי האָט זיך ווידער געלייגט קראַנק און אָפּגעלעגן ביי אַ חודש צייט.

אַז זי איז געזונט געוואָרן און שוין געקאָנט אַרומגיין, האָט זי דעם אַפּיטרופּות איבער איר פאַרמעגן אָפּגעזאָגט פון זיין שטעל און האָט חתונה געהאַט מיט דעם פאַרוואַלטער. די שטאַרקע ליבע, וואָס האָט זיי פאַראייניקט האָט אויך געבראַכט אַ היילונג צו זייערע וואונדן. דער פאַרוואַלטער האָט אָבער אין דער שטאָט קיין רו נישט געהאַט און האָט אַ סך מאָל געוואָלט ווירקן אויף זיין פרוי צו פאַרלאָזן די שטאָט. אָבער זי האָט אים נישט געוואָלט פאָלגן, וואָרום זי האָט זיך געוואָלט געפונען דאָרט וואו אירע עלטערן זענען באַגראָבן.—אַזוי האָט זי געענטפערט דעם מאַן, אין האַרצן אָבער האָט זי נאָך געהאָפט אַז דעם רשע זאָל באַצאָלט ווערן פאַר זיין רשעות אָדער אַבשלום זאָל קומען און זיך אָן אים נוקם זיין. אָבער די האָפנונגען זענען אַוועק מיטן ווינט. טעג זענען פאַרביי, יאָרן זענען דורך און דעם רשע האָט גאָרנישט געטראָפן.

נאָך דעם ווי מנשה האָט געזען אַז שולמית האָט שוין חתונה געהאַט, האָט ער געפאָלגט אַ שדכן און חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון שטאָט־גבאי. דורך איר האָט ער באַקומען נייע אוצרות, וואָרום זי איז געווען אַן איינציקע ביי איר פאָטער, וואָס איז געווען אַ שטאָט-גביר. זיין שווער וואָס איז שוין געווען אויף דער עלטער האָט זיך מיט אים געהאַלטן עצות אין אַלע קהלשע ענינים און אַזוי איז מנשה געוואָרן דער ראש הקהל כאָטש קיינער האָט אים צו דעם נישט אויסגעקליבן. און כאָטש אַ סך האָבן אים געוואַלדיק פיינט געהאַט, נאָר קיינער האָט זיך נישט אונטערגעשטעלט צו זאָגן, וואָס ער טראַכט, וואָרום זיי האָבן פאַר אים מורא געהאַט. עס איז געקומען איינמאָל אַ טאָג און דערפרייט די הערצער פון אַלע וואָס האָבן אים פיינט געהאַט און געמיינט, אַז עס איז געקומען די צייט אויף וועלכער זיי האָבן די גאַנצע צייט געהאָפט. דער טאָג האָט געבראַכט פרייד אויך פאַר שולמיתן. אָבער נאָך אַ פּאָר טעג

האָבן אַלע זיך איבערצייגט אַז פון זייער האָפנונג איז גאָרנישט געוואָרן.

געווען איז עס אום פסח, אין אַ יאָר אַרום זינט מנשה האָט צוגענומען אַבינדבס הויז. ווען ער איז אַרויס פון שול פון דאַווענען, האָבן אים אַרומגערינגלט באַוואָפנטע זעלנער און אים אַוועקגעפירט אין פּאָליציע. אַז ער איז אַהין געקומען, איז ער צוגעגאַנגען צום נאַטשאַלניק און אים געפרעגט מיט שטאָלץ:

—וואָס פאַר אַ זינד האָט מען אין מיר געפינען, וואָס מען האָט מיר דעם יום טוב פאַרשטערט?

דערויף האָט אים דער נאַטשאַלניק געענטפערט:

—ווען מיר וואָלטן געקאָנט דיך אָנקלאָגן פאַר אַלע דיינע פאַרברעכנס, וואָס דו האָסט ביז אַהער אָפּגעטאָן, וואָלט מען דיך שוין לאַנג געהאָנגען! אָבער מיר קאָנען נישט משפטן פאַר די זאַכן, וואָס קאָנען נישט באַוויזן ווערן. דו ביזט דעריבער געבראַכט געוואָרען אַהער וועגן אַ דערוויזענע זאַך.

ער האָט אָנגעקלונגען און צוויי זעלנער האָבן אַריינגעפירט אַ מענטש וואָס איז געווען געשמידט אין קייטן.

—דו קענסט דעם מענטשן?—האָט דער נאַטשאַלניק געפרעגט.

—איך קען אים נישט.—האָט מנשה מיט זיכערקייט געענטפערט.

—ס'איז אַ ליגן!—האָט דער אַרעסטירטער אויסגערופן.

—שווייג אַ ווײַלע—האָט דער נאַטשאַלניק געענטפערט און זיך געווענדט צו מנשהן—אפשר דערקענסטו אים נישט ווייל ער גייט אין אַרעסטאַנטן-קליידער, אָבער איך בין זיכער, אַז דו וועסט אים באַלד דערקענען, אַז איך וועל דיר זאָגן אַז ער איז געווען אַ וועכטער אין דער תפיסה, ווען אַבשלום איז דאָרט געזעסן.

—ער איז דער וועכטער?—האָט זיך מנשה אַ מינוט פאַרלוירן נאָר באַלד געוואָרן רואוק און געזאָגט;—איז וואָס זשע קער איך זיך אָן מיט אים?

—פאַרוואָס זשע ביזטו צעטומלט געוואָרן הערנדיק, אַז ער איז געווען דער וועכטער?

—איך בין גאָרנישט צעטומלט געוואָרן, נאָר דערמאַנענדיק זיך די צרות פון מיין חבר און פריינט אַבשלום, האָט עס מיר דאָס האַרץ פאַרקוועטשט.

—דאָס ווייס איך שוין פון לאַנג אַז דו האָסט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן דיין חברס צרות, און דעריבער האָסטו געוואָלט אים באַפרייען פון זיינע ליידן, נישט אַזוי?

—איך האָב גאָרנישט געטאָן אויף צו באַפרייען מיין חבר פון תפיסה, כאָטש זיינע צרות האָבן מיר שטאַרק וויי געטאָן, ווייל קיינמאָל האָב איך גאָרנישט געטאָן קעגן דער מלוכה.

נישט די תפיסה האָסטו געוואָלט פאַר אים עפענען, נאָר נעמען זיין נשמה פון גוף אַרויס.

—איך זע שוין אַז מיינע שונאים האָבן אויף מיר גע-מאַכט אַ בלבול, וואָרום ווי אַזוי האָב איך געקאָנט קומען צו מיין חבר, וואָס איז געזעסן פאַרשלאָסן?

—רעד שוין דו!—האָט דער נאַטשאַלניק באַפוילן דעם אַרעסטירטן און יענער האָט גענומען דערציילן: מיט עטלעכע טעג איידער אַבשלום האָט זיך געוואָלט נעמען דאָס לעבן, איז צו מיר געקומען דער דאָזיקער מענטש און האָט מיר איינגע-רעדט, איך זאָל זאָגן אַבשלומען אַז ער איז פאַרמשפט צום הענגען. אין אָנפאַנג האָב איך אים נישט געוואָלט פאָלגן, אָבער ער האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט און האָט מיר געשוואוירן ביי זיין אמונה, אַז ס׳איז אמת, אַז ער איז טאַקע פאַרמשפט צום טויט און האָט מיר געגעבן הונדערט זילבערשטיק איך זאָל טאָן זיין פאַרלאַנג: כ׳זאָל דעם סוד אויסזאָגן דעם אַרעסטירטן און האָט מיר געגעבן אַ קליין קעסטעלע און האָט מיר צוגעזאָגט אַז ער וועט מיר געבן נאָך צוויי הונדערט זילבערשטיק אַז איך וועל דאָס קעסטעלע איבערגעבן דעם אַרעסטירטן. דאָס געלט האָט מיר פאַרבלענדט די אויגן. כ׳האָב אויך געגלייבט, אַז ער איז פאַרמשפט און איך האָב געזאָגט אַבשלומען אַלץ וואָס ער האָט מיך געהייסן אין נאָמען פון אַ מענטשן וועמען איך קען נישט, וואָרום זיין נאָמען האָב איך נישט געוואוסט. און איך האָב אים אָוועקגעגעבן דאָס קעסטעלע. אין אַ האַלבער שעה

אַרום איז געקומען דער אויפזעער פון תפיסה און האָט אי־
געפונען ליגנדיק און ער גייט אָפּ מיט בלוט. איך בין גרייט
צו שווערן ביי גאָט, אַז אַלץ וואָס איך האָב דאָ געזאָגט איז
אמת, וואָרום איך האָב נישט געוואוסט, אַז אין קעסטעלע ליגט
אַ בריטווע. און אַז איך האָב באמת געגלייבט, אַז אבשלום איז
צום טויט פאַרמשפּט.

מנשה איז זיך געשטאַנען רואיק און געקוקט מיט שפּאָט
אויף דעם אַרעסטירטן, ווען ער האָט דאָס אַלץ דערציילט, ווי
ער וואָלט געוועזן ריין פון יעדער זינד און האָט נישט קיין
מורא פאַר פאַלשקייטן, וואָס מען טראַכט אויס אויף אים.

—וואָס ווערסטו זאָגן אויף דעם?—האָט דער נאַטשאַלניק
געפרעגט מנשהן.

—וואָס זאָל איך זאָגן? צי דאַרף איך מיך פאַרענטפערן
ווען עפּעס אַ מסור טראַכט אויף מיר אויס פאַלשקייטן? איינס
וועל איך נאָר זאָגן: אַלץ וואָס ער האָט דאָ דערציילט איז שקר
און איך ווייס נישט פון גאָרנישט צו זאָגן און מער וועל איך
גאָרנישט ענטפערן.

און ער האָט געהאַלטן וואָרט. מער האָט ער אויף גאָר־
נישט געענטפערט די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געזעסן אַרעס־
טירט. אָבער דאָס געלט האָט שוין פאַר אים גערעדט. וואָרום
זיין שווער האט נישט גערוט, ביז ער האָט אַלע אָפּגעחורשט
און אים באַפרייט, וואָרום נאָר איינער פון די ריכטער, דער
עלטסטער האָט געוואָלט באַשולדיקן מנשהן, אָבער נישט די
איבריקע ריכטער, זיי אַלע האָבן פאַר אים געהאַלטן, דעריבער
האָט דער שטאָדט־נאַטשאַלניק וואָס האָט גענומען געלט—אַראָפּ־
געזעצט דעם עלטסטן ריכטער און אים געגעבן אַן אַנדער
שטעלע און אַזוי איז דער אויסוואורף אַרויס פריי צום ווייטאָק
פון שולמיתן און די איבריקע שונאים זיינע.

פון זינט ער איז אַרויס פון תפיסה איז ער געוואָרן ווי
אַ ווילדער בער, וואָס טשאַטעוועט אויפן פאַרוואַלטער און זיין
פרוי—ווייל זיי האָבן אויף אים אויסגערעדט און אויסגעטראַכט
אויף אים בלבולים—אַזוי האָט ער פאַר יעדן געזאָגט—האָט דעם

פאַרוואַלטער די גאַנצע צייט גערופן „דער מסור" און די טעלערלעקער מנשהס, האָבן אויסגעטראַכט אויפן פאַרוואַלטער מיט זיין פרוי, אַז זיי זענען נישט קיין פרומע, אַז זיי גיבן נישט אַכטונג אויף פליישיק און מילכיק און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען מסוגל צו מאַכן, אַז די שטאָטלייט זאָלן זיין קעגן זיי.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און זייער שונא מנשה האָט אויסגעפירט דאָס וואָס ער האָט זיך פאָרגענומען: איינער פון מנשהס משרתים איז געקומען אין פּאָליציע און געמסרט, אַז דער פאַרוואַלטער האַנדלט מיט געגנבעטע זאַכן און קויפט זילבערנע חפצים, וואָס מען גנבעט פון קלויסטער. און פלוצלינג איז די בראָך געקומען: צו דער צייט האָבן גנבים זיך אַריינגעכאַפּט אין קלויסטער און אַרויסגעגנבעט פון דאָרט אייניקע זאַכן און אַ גרויסן גאָלדענעם צלם. און דער אויסוואורף, מנשהס שליח האָט געזאָגט, אַז ער איז זיכער ווען מען וועט זוכן ביים פאַרוואַלטער וועט מען דאָרט געפונען די גנבה. די ריכטער זענען אַהין אַוועק. און נאָכדעם ווי מען האָט אַ סך געזוכט האָט מען געפונען דעם צלם און אַ גרויסן גאָלדענעם בעכער באַגראָבן אויף זיין פאָדוויר. ווען דער פאַרוואַלטער וואָלט דעמעלסט געווען אין דערהיים וואָלט ער באַלד אַרעסטירט געוואָרן, נאָר צום גליק איז ער געווען פאַרבעטן צו זיינס אַ חבר אויף אַ שמחה, און אַז דאָס אומגליק איז געשען, איז אַן אַלטע יידענע, וואָס האָט ביי אים געוואוינט אַוועקגעלאָפן און אים אָנגעזאָגט כדי ער זאָל אַנטלויפן. אויפן דריטן טאָג איז אַרויס אַ באַפעל פון שטאָדט-נאַטשאַלניק צו די וועלטער און ריכטער פון אַנדערע שטעט אַז שמואל זילבערמאַן (דער פאַרוואַלטער) האָט געגנבעט הייליקע חפצים פון קלויסטער און איז אַנטלאָפן און באַהאַלט זיך אויס—און מען דאַרף אים כאַפּן. ער אָבער איז אַנטרונען געוואָרן פון זייערע הענט און מען ווייסט נישט ביז היינט וואו ער איז אַהינגעקומען, און שולמית האָט זיך באַפרייט פאַר אַ סך געלט און פון דעמעלסט אָן זיצט זי די אומגליקלעכע עלנט און פאַרלאָזט פון איר מאַן וועמען זי האָט ליב מיטן גאַנצן האַרצן. אָבער דער בייזער שלאַנג מנשה

האָט נאָך נישט פֿאַרגעסן זי צו פּייניקן, ביז ער האָט זי געמאַכט פֿאַר אַ זינדיקע, האָט פֿון איר געשפּעט און בחרפּה געשטעלט פֿאַר יעדן און באַדעקט איר נאָמען מיט שאַנד. דערמיט האָט ער אומגעבראַכט די לעצטע, וואָס איז געבליבן פֿון אבינדבס הויז. ווארום די אומגליקלעכע איז קראַנק געוואָרן פֿון גרויס ווייטאָק און האָט זיך שוין נישט אויפגעהויבן.

אַזוי האָט דער אכזר אַלעמען אומגעבראַכט און איצט האָט ער שוין פֿאַר קיינעם קיין מורא נישט. ווארום ווער וועט זיך נוקם זיין פֿאַר דעם בלוט, וואָס ער האָט פֿאַרגאָסן? ווייגעשריגן! די רשעים גליקט אָפּ!

אַ צעטומלטער און איבעראַשטער בין איך געבליבן אויסהערנדיק די טרויעריקע געשיכטע און מיין חבר האָט פּלוצלינג גענומען שרייען:

—די נקמה! די נקמה! דאָס איז דאָס איינציקע וואָס מיר איז געבליבן און צוליב וואָס איך וויל לעבן!

ווען ער האָט דאָס אויסגערופֿן—האָט זיך פֿון אים אָפּגעטאָן דער טרויער, זיינע באַקן זענען רויט געוואָרן און זיינע אויגן האָבן געשיט מיט פֿונקען פֿייער.

—אַך, ברודער—האָט ער וויטער גערעדט—ווי קאָנסטו מיך גאָר פֿאַרשטיין. איך האָב אַלע צרות געזען מיט מיינע אויגן. איין בראָך נאָך דער אַנדערער איז געקומען אויף מיין פֿאָטערס הויז. איך האָב געזען דאָס גליק פֿון הויז און דאָס אומגליק, איך האָב געזען די ערע פֿון מיין שוועסטער ווען זי איז געווען אין אַ הויז פֿון אַלדעס גוטס און — — — איר חרפּה!... גענוג צו רעדן!—האָט ער גענומען טופּען מיט די פֿיס ווי ער וואָלט משוגע געוואָרן—ניין! איך וועל נישט משוגע ווערן!... האָט ער אויסגעשריגן מיט אַ שרעקלעך קול און זיך געכאַפּט מיט ביידע הענט פֿאַרן קאָפּ—איך וועל לעבן! איך וועל לעבן און זיך נוקם זיין!

ס'האָט געדויערט אַ שטיק צייט ער האָט זיך באַרואיקט. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

—ברודער. פֿון איצט אָן לאָמיר אין זינען האָבן דאָס

וואָס וועט געשעען און פאַרגעסן דאָס וואָס ס'איז געשעען. אייך זאָג וועל איך דיך בעטן: זאָלסט נישט פרעגן אויף מיינע לעבנס-פּאַסירונגען, ביז איך וועל זיי דיר אַליין דערציילן. עס וועט קומען אַ טאָג און איך וועל פאַר דיר אויסדערציילן דאָס גאַנצע האַרץ מיינס.

אַזוי רעדנדיק האָט ער ביטער געוויינט.

איך האָב אים צוגעזאָגט צו טאָן אַזוי ווי ער האָט מיך געבעטן. נישט צו פרעגן.

פון דעמעלסט אָן האָט ער מיך געלערנט לייענען העברע-איש און איך האָב זיך געלערנט מיט גרויס חשק. און ער האָט גערעדט און מיר ערקלערט פאַרשידענע זאַכן. ער האָט גע-רעדט וועגן פאָלק און מענש, וועגן פאַרשידענע לענדער און קעניגרייכן פון וועלכע איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט און פון זיינע רייד האָב איך אַ סך געלערנט און האָב זיך באַמיט צו ווערן גוט און לייטיש.

## כה.

## דער חזן און זײַנע דרכים.

מיר זענען אַוועק צום חזן, וואָס האָט פון זיך שטאַרק געהאַלטן און אַריין צווישן די משוררים. שבת ביים דאַווענען האָב איך געהערט ווי דער חזן רעדט געמיינע זאַכן אין מיטן דאַווענען — נאָכדעם ווי ער איז זיך פאַרגאַנגען ביים „והביאנו לציון עירך ברנה"—און נאָך דעם הערט זיך אַ געוויין פון דער ווייבערישער שול, האָט ער זיך אויסגעדרייט צום עלטסטן משורר, וואָס איז געשטאַנען נעבן אים און שטיל געפרעגט:

—די כלבים וויינען?

—זיי קלאָגן—האָט דער משורר געענטפערט מיט שפּאָט.

—איז גוט—האָט דער חזן געזאָגט און אַרויסגעבלעקט אַ צונג.

אויך אינדערהיים האָט ער חוזק געמאַכט פון אַלע הייליקייטן און אָפּגעלאַכט פון די תפלות.

אַ פּאָר חדשים האָבן מיר געוואַנדערט מיטן חזן פון שטאָט צו שטאָט און קיין שום נייעס איז נישט געשען: דער חזן האָט כסדר אין זינען געהאַט דאָס פרעסן און זויפן, האָט

בעתן דאַווענען געריעדט געמיינע רייד, און איך מיט מיין חבר האָבן זיך פאַרהאַלטן ווי לייבלעכע ברידער. ער האָט מיט מיר געלערנט און איך האָב זיך געפירט פונקט ווי ער.

דער חזן האָט מיר אַרויסגעוויזן גרויס ליבשאַפט, מיין חבר אָבער האָט ער פון דער ערשטער מינוט אָן נישט פאַר־טראָגן און האָט אים נאָר געהאַלטן ווייל ער האָט זיך גענוי־טיקט אין אים. ווארום נישט נאָר מיט זיין שטים האָט ער אים אַ סך געהאָלפן, נאָר ער האָט זיך אויך געריימט מיט דעם, וואָס ער האָט ביי זיך אַ משורר, וואָס קען זער גוט לערנען. מיין חבר האָט אים אויך זער פיינט געהאַט און נאָר מיר צוליב איז ער פון אים נישט אַוועק.

דער חזן פלעגט עסן פאַרן דאַווענען, האָט זיך בכלל געפירט ווי אַ גראָבער יינג און מיין חבר האָט אים אַמאָל אויסגערעדט זיינע דרכים, און דערפאַר האָבן זיךביידע פיינט געהאַט.

די גאַנצע צייט איז מיין חבר געווען זער טרויריק, ער פלעגט נישט פאַרברענגען מיט די משוררים, אויך ווען זיי האָבן זיך געוויצלט און גערעדט מאוסע רייד—האָט זיך אויף זיין פנים נישט באַוויזן קיין שמייכל. דערפאַר האָבן אַלע אים פיינט געהאַט—אָבער איך, איך האָב געוואוסט זיינע ווייטאָקן און קוקנדיק אויף אים, און זעענדיק דעם שרעקלעכן טרויער אויף זיין פנים, האָב איך שטאַרק חשק געהאַט צו פרעגן אים וועגן זיינע לעבנס-פאַסירונגען, איך האָב זיך אָבער באַלד דער־מאַנט, אַז איך האָב אים צוגעזאָגט נישט צו פרעגן. אין דער צייט וואָס ער איז נישט געווען אין שטוב—אַלע אינדערפרי פלעגט ער אַוועקגיין אויף אַ שעה צוויי און קיינער האָט נישט געוואוסט וואוהין ער גייט—פלעג איך זיין פריילעך און אויפ־געלייגט צוגלייך מיט די איבעריקע. אָבער ווען דן איז געווען מיט מיר האָב איך זיך נישט געפרייט און נישט אין זינען געהאַט צו פאַרברענגען און נישט ווייל איך האָב פאַר אים מורא געהאַט, נאָר ווייל אויך איך פלעג פון זיין טרויער אָנ־געשטעקט ווערן. ער האָט כסדר געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן

זיך בײַ מיר אויף די יידישע דרכים אין אַשדות און אומגעגנט און איך האָב אים אַלץ דערציילט. איינמאָל בײַנאַכט—אַ פינף חדשים נאָכדעם ווי מיר זענען אָנגעקומען צום חזן—האָט ער זיך בײַ מיר גענומען נאָכפרעגן די נעמען פון די אָנגעזעענע און רייכע מענטשן אין אַשדות און ער האָט פאַרשריבן די נע-מען, וואָס איך האָב אים אויסגערעכנט.

—נאָך וואָס שרײַבסטו אויף די נעמען פון די אַיינוואוי-נער אין אַשדות?—האָב איך אים געפרעגט.

—הער אויס, ברודער,—האָט ער מיר געענטפערט—מיר איז מאַ'ס געוואָרן אַזאַ לעבן פון אַרומשלעפן זיך מיט דעם אויסוואורף דעם חזן פון שטאָט צו שטאָט, אויך אויף דיר טוט מיר לייד דו זאָלסט פאַרברענגען דײַנע בעסטע יאָרן מיט נאַ-רישקייטן, דעריבער דאַרפסטו אים פאַרלאָזן און זוכן דיר אַ וועג אויף צו לערנען זיך און פאַרשטיין.

—דו לערנסט דאָך מיט מיר, וואָס נאָך דאַרף איך?

—אַזוי וועסטו זיך ווייניק אויסלערנען, וואָרום מיר האָבן ווייניק צייט צו דעם. און נאָך—איך וועל דאָ לאַנג נישט בלײַבן. וואָס זשע וועסטו טאָן אָן מיר.

—איך האָב נישט ערוואַרט דו זאָלסט מיך פאַרלאָזן—האָב איך זיך צעוויינט—וואָס וועל איך טאָן אָן דיר? וואו זאָל איך מיך קערן און וואו זאָל איך מיך ווענדן?

—הער אויף צו וויינען, וואָרום אויב איך וועל אַפילו נישט זיין מיט דיר, וועט דיך מײַן עצה פירן אין גוטן וועג דו ביזט דאָך אַלט פערצען יאָר און ס'איז שוין צייט זאָלסט פאַר זיך געפונען דעם וועג אין לעבן. איך עצה דיר, אַז דו זאָלסט אַוועק אין דער שטאָט שכולה און זאָלסט דאָרט אָנקו-מען אין ישיבה, וואו איך האָב געלערנט און זאָלסט ווערן אַ מענטש. דאָרט וועסטו נאָך איצט געפונען מײַן באַגליבטן טרייען חבר און ער וועט דיך לערנען און וועט אויף דיר אַכטונג געבן. איך אַליין אָבער וועל אַוועק קיין אַשדות. סײַ ווי סײַ וואַנדער איך אַרום, איז מיר אַלץ איינס וואוהין איך גיי, וועל איך אַוועק קיין אַשדות.

—אויא ס'איז דיר אַלץ איינס, גיי זשע מיט מיר קיין שכולה?!

—אַהין קאָן איך נישט גיין און קיין אַשדות וועל איך גיין ווייל איך האָב דאָרט אַ וויכטיקע זאַך צו טאָן, וואָס איך קאָן עס דיר דערווייל נישט דערציילן. ערשט דעמעלסט ווען דו וועסט וויסן, וואָס ס'האָט מיט מיר פּאַסירט אין מיין קורצן נאָר שלעכטן לעבן, וועסטו אויך וויסן וואָס אַזוינס עס צווינגט מיך איך זאָל אַוועק קיין אַשדות. און דו—פאָלג מיך—לאָז דיך אַוועק קיין שכולה און קום אָן אין ישיבה. עס וועט דיר דאָרט גוט זיין: וואָרום געלט האָסטו און דורך דעם געלט וועסטו געווינען דאָס האַרץ פון ראש ישיבה. פאַר געלט וועט ער דיך תיכף אַריינגעמען אין ישיבה און דו וועסט באַקומען די בעסטע טעג. דאָרט אין ישיבה וועסטו זיך אויך דערוויסן, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט פון זינט איך בין געבוירן געוואָרן, וואָרום ביי מיין חבר געפינט זיך אַ בוך אין וועלכן איך האָב אויפגעשריבן מיין גאַנצע ביאָגראַפיע

—איך וועל דיך פאָלגן און וועל אַוועק קיין שכולה, אָבער דו ווייז מיר אויך אַרויס דיין ליבשאַפט און זיי מיט מיר נאָך איין חודש צוזאַמען, דערנאָך וועלן מיר זיך שיידן. ער איז באַשטאַנען אויף דעם און איז געבליבן מיט מיר, אָבער דאָ איז געקומען אַ צופאַל און האָט אונז צעשיידט. געשעען איז עס אַזוי:

אין דער שטאָט מהבילה איז פּלוצלינג געקומען אַ סוף צום חזנס געמיינע שטיק און פון שול פון עמוד, וואו ער איז געשטאַנען און געדאַווענט פאַר קהל און גערעדט געמיינע רייד צו זיינע משוררים, ווי זיין שטייגער—פון דאָרט האָבן אים צוגענומען צוויי פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן אים אַוועקגעפירט אין תפיסה אַריין, דאָרט וואו עס זיצן גנבים און רויבער. די גאַנצע עדה, וואָס האָט דאָס צוגעזען איז שטאַרק דערשראָקן געוואָרן און ס'איז געוואָרן אַ גרויסע מהומה. איינער פון די גבאים האָט זיך אונטערגעשטעלט צוצוגיין צום נאַטשאַלניק און פרעגן: וואָס פאַר אַ זינד האָט ער געפונען אין חזן? און נאָך

אים זענען אַ סך צוגעגאַנגען הערן וואָס דאָס איז. נאָר דער באַטשאַלניק האָט זיך אויף זיי צעשריגן, זענען זיי דערשראָקן געוואָרן און זיך אָפּגערוקט. די צוויי פּאָליציאַנטן האָבן אָנגע-כאַפּט דעם פאַרברעכער און אים געשלעפּט און אַרויסגעפירט פון שול. ער האָט גאָרנישט גערעדט און זיך נישט געבעטן נאָר אַלע אברים האָבן אים געציטערט. אין צוויי שעה אַרום איז מען געוואָר געוואָרן אין שטאָט, אַז ער האָט געהאַנדלט מיט געגנבעטע פערד און פאַלש געלט שוין לאַנגע יאָרן און קיינער האָט פון דעם נישט געוואוסט: וואָרום ער איז געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און האָט דערפון געמאַכט אַ פאַרמעגן. זיין ווייב אָבער, זעענדיק אַז אַ סך יאָרן זענען שוין פאַרביי און ער קומט נישט צוריק אַהיים, האָט זי מורא געהאַט אַז נאָכדעם ווי ער וועט מאַכן אַ סך געלט וועט ער אַוועק קיין אויסלאַנד און זי איבערלאָזן אַן עגונה, האָט זי זיך מישב געווען מיטן שטאָט-שרייבער און האָט אים דערציילט פון זיינע געשעפטן. ער האָט עס אויסגעזאָגט די ריכטער און זיי האָבן דאָס געגעבן צו וויסן די ריכטער פון די אַנדערע שטעט און אַזוי איז ער אַריינגעפאַלן, מען האָט אים געכאַפּט און אַיינגעזעצט אין טורמע. דאַן האָט מיין חבר געזאָגט צו מיר:

—איצט איז געקומען די צייט מיר זאָלן זיך צעשיידן. וואָרום מיר קאָנען שוין דאָ מער נישט בלייבן, כדי מיר זאָלן אויך נישט ליידן צוליב דעם אויסוואורף.

דעם זעלבן טאָג האָבן מיר זיך צעשיידט. ער האָט מיך אויפמערקזאַם געמאַכט אַז די ביכער געשריבן אויף העברעאיש, וואָס געפונען זיך ביי מיר, זענען זער טייערע, דאָרט געפינען זיך אַ סך פאַרבאָרגענע וויכטיקע זאַכן, און נאָכדעם ווי ער איז באַשטאַנען צו נעמען פון מיר אַ העלפט פון מיין געלט—פריער האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט נעמען, ערשט נאָך דעם ווי איך האָב אים שטאַרק געבעטן האָט ער ביי מיר גענומען—איז ער אַוועק קיין אַשדות און איך האָב מיך געלאָזט אין וועג אַריין צו קומען קיין שכולה.— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

# אינהאַלט פון ערשטן טייל:

| | | |
|---|---|---|
| | פאָררעדע | ז״ט |
| א. | מיין קינדהייט | 5 |
| ב. | דער ערשטער שריט | 20 |
| ג. | אַ נייער גואל | 36 |
| ד. | דער בעל שם | 51 |
| ה. | אַריינגעפאַלן אין נעץ | 66 |
| ו. | דער בעל־הבית | 87 |
| ז. | איך אַנטלויף | 102 |
| ח. | אַן אָח לצרה | 107 |
| ט. | די זינדיקע | 115 |
| י. | ביינאַכט אין בית המדרש | 125 |
| יא. | אַ שלאַנג אין שטוב | 130 |
| יב. | די גלייביקע פאַלן אַריין אין | 145 |
| יג. | חברים צווישן זיך | 156 |
| יד. | ערגער און ערגער | 167 |
| טו. | אַ פאַלשע האָפנונג | 172 |
| טז. | קריג צווישן ברידער | 177 |
| יז. | יוספס אומגליק | 183 |
| יח. | דאָס איבערבלייבעכץ נאָך יוספן | 191 |
| יט. | זיך געגעבן צו דערקענען | 196 |
| כ. | דער רודף און דער נרדף | 202 |
| כא. | דעם מענטשנס האָפנונג | 208 |
| כב. | דער סוף פון אבינדבס הויז | 214 |
| כג. | אַלץ איז אַנטדעקט געוואָרן | 221 |
| כד. | דעם רשע גליקט | 229 |
| כה. | דער חזן און זיינע דרכים | 241 |